דער עלטערער, מייער, איז דעמאָלט געווען מיט אונדז. איינמאָל, בעשאַס א לופט־אַנפאַל זײַנען מיר געלאָפן זיך באַהאַלטן. ס׳איז געווען באַנאַכט, און דערצו האָט געגאָסן א רעגן. איז זאָל זיך אײַך דוכטן, אז איך האָב פאַרלוירן מײַן עלטערן זון. איך בין הייזעריק געוואָרן צו שרײַען „מייער! מייער!" ווי, האָב איך געקלאָגט, אײַנגעלייגט די וועלט. ערשט אין 1947 יאָר, ווען מ׳האָט שוין באַוויינט אַלע טויטע, קומט מיר פּלוצעם אָן געלט, און נאָך א סאַך דערצו, האָב איך טאַקע פאַר פרייד דרײַ מאָל געכאַלעשט, מ׳האָט מיך קוים אָפּגעמינטערט.

מײַן ייִנגערער, אײַזיקל, איז געראָטן אין טאַטן — מײַנער. קורץ, איז אויך געווען א שווײַגער. האָט מיר אײַזיק דערציילט, וויאַזוי ער האָט מענטשן געשלעפּט פונעם פײַער און זיי געראַטעוועט דאָס לעבן. קענט איר שוין פאַרשטיין, אז דאָרט איז געווען פריילעך — בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי וואַסער.

איר האָט אַמאָל געהערט וועגן א שטאָט קאַלאַטש? אָט פאַר דער שטאָט קאַלאַטש איז גערונען בלוט, ווי וואַסער, און מענטשן זײַנען געפאַלן, ווי שטרוי. זאָל זיך אײַך דוכטן, אז איך זיץ אין סאַמאַרקאַנד און פאַריכט מיר די זאָקן און וויין. פּלוצעם, מע קלאַפּט אין טיר. ווער איז? — פרעג איך. א סאָלדאַט אויף צוויי קוליעס אָן א פוס. און ער גיט מיר איבער א לעבעדיקן גרוס פון מײַן קינד.

דעם זעלבן טאָג האָב איך צונויפגענומען א פּאָר רובל, אַרויפגעוואָרפן די שאַל אויפן קאָפּ, איבערגעלאָזט האַקל־באַקל, א שפּײַ געטאָן אויף די בעבעכעס און אַוועק צו דער וואָלגע, צו קאַלאַטש, ווו מײַן אײַזיק שלאָגט זיך. איר פאַרשטייט מיסטאָמע, אז מ׳האָט מיך אַפילו נאָענט ניט צוגעלאָזט. קיין צוגן גייען ניט, סאָלדאַטן, ווי שטערן אין הימל. טאָג און נאַכט דונערן די האַרמאַטן, די ערד ברענט און דער הימל איז שוואַרץ פון דעם רויך און פון עראָפּלאַנען. יאָ, טראַכט איך מיר, דער דאָזיקער געהענעם איז טאַקע אָנגעמאָסטן פאַר מײַן אײַזיקן. ניטאָ וואָס צו זאָגן. זאָל זיך אײַך דוכטן, אז איך האָב זיך דערשלאָגן צום העכסטן נאַטשאַלניק, ווײַזט אים צום גענעראַל אַליין. און בין אַרויס מיט א געוויין, אז מ׳האָט מיך קוים אײַנגעשטילט. דרײַ מאָל האָט מען מיר געגעבן טרינקען וואַסער פון א קאַטיעלאָק. ווען דער גענעראַל האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געהייסן זײַן אַדיוטאַנט דערוויסן זיך, אין וועלכן טייל מײַן אײַזיק דינט. ס׳האָט ניט געדויערט קיין האַלבע שעה, ווי מײַן זון האָט זיך געטאָן א שטעל אַרײַן, א קלאַפּ געגעבן מיט די אָפּצאַסן, זיך אויסגעצויגן, ווי א ווירע, און אָפּגעגעבן א ראַפּאָרט דעם גענעראַל. נאָכדעם האָט ער זיך צעקושט מיט מיר, און מיר זײַנען אַוועק אין וואַלד. אָט א־דאָ, זאָל זיך אײַך דוכטן,

האָט ער מיר אַוועקגעגעבן אַ בײלעק, אויסגעזידלט מיך און מיר באַפֿוילן טײקעף זיך פֿאַרנעמען אַהיים. בין איך מינאַסטאַם אַרויס מיט אַ געוויין. איך שלאָף ניט דורך די נעכט. איך גיי בעטן פֿאַר אים. טרײַבט ער מיך אַרויס. איך בין נאָך ניט אָף דײַנע קעסט און ניט בײַ דיר אין שטוב. טרײַבסט מיך אַרויס פֿונעם אינדרויסן?

— מאַמע, ס'איז געפֿערלעך, ס'גייען גרויסע שלאַכטן, מענטשן פֿאַלן, ווי פֿליגן. דער קאַלאַטש גייט איבער פֿון האַנט צו האַנט. — און טאַקע, זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז אינדערינען האָט מען געבראַכט צו פֿירן אַ כאַפּטע געפֿאַנגענע דײַטשן.

מאַמע מײַנע, ווי קומט צו מײַן אײַזיקלען קענען אַזוי דײַטשן? רעדט ווי אַ וואַסער. פֿאַרהיקעט זיך ניט. קוקט אָף דער קאַרטע, צייכנט עפּעס אָן און רעדט ווײַטער. זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אָף די לײַזיקע היצלעס, איז מיר ניט גוט געוואָרן. אָט אָ־די כניאָקעס ווילן פֿאַרכאַפּן די וועלט? אַ קאַדאַכעס אָף זיי! אָט אָ־די האָבן אויסגעקוילעט אַזוי פֿיל אומשולדיקע ייִדן? ס'זאָל זיך זיי אָפּשטעלן דאָס האַרץ אָף איין מעסלעס. טוט נאָר אַ קוק אָפֿן גרינעם שינעלעכל, אָף די פֿאַרדאַרטע שיכעלעך! און אָפֿן קאָפּ — אַ וואַרעניקל, ניט קיין היטל. אַלע טראָגן זיי נאָך דערצו קאָלדרעס אָף די קעפּ. זיי קראַצן זיך און ציטערן אַזוי ווי אין אַ קאַדאַכעס. זיי האָבן אַ פּאָנעם פֿון בוידעק, עס שלאָגט צום האַרצן. יאָ, — טראַכט איך מיר, — אָט אָ־די קענען מיר ניט בײַקומען?

— הערסטו, זון מײַנער, — זאָג איך צו מײַן אײַזיקן, — ס'איז אַ גרויסער אומגליק אָף דער וועלט. און מענטשן פֿאַלן, ווי די פֿליגן. גיי, מײַן זון, אין שלאַכט, שלאָג אָפּ דעם סוינע די לונג, האַק אים אויס די ציין און בראָט אים אויס די אויגן. זאָל ער אַ צענטן פֿאַרזאָגן, מיט אונדז זיך אָנצוהייבן. אָט טײקעף גיי איך צום גענעראַל און זאָג אים, אַז איך בין אַ נאַרישע ייִדענע... מײַן זון וועט ניט אָפּטרעטן פֿון זײַנע כאַווײרים.

דעם זעלבן טאָג האָט מײַן זון געקראָגן אַ מאַשין, געגעבן מיר אַ „סוכאָי פּאַיאָק" — צוקער און קאָנסערוון — און מיך אָפּגעשיקט צוריק קיין סאַמאַרקאַנד.

אַוודאי האָב איך געבענקט און ווען־ניט־ווען געלאָזט אַ טרער. צוויי מאָל איז מײַן אײַזיק געווען פֿאַרוווּנדעט, געלעגן אין לאַזאַרעט. און איך האָב אַפֿילו ניט געוווּסט דערפֿון. פֿון דער מילכאָמע האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ שטעקל. איין פֿוס איז אַ ביסעלע קירצער. געקומען אַ מאַיאָר, מיט אַלערליי מעדאַלן און אָרדענס. ער האָט געבראַכט אַ ווײַב פֿון דער מילכאָמע, דאַשע. זיי האָבן געאַרבעט אין איין שפּיטאָל. איצטער זײַנען זיי דאָקטוירים אין צוויי קליניקעס. ס'איז זיי קאַרג דער טאָג — לערנט מען באַנאַכט. אַ דירע האָט מען זיי געגעבן — אַ מעלוכע! הייסע און קאַלטע וואַסער, אַ וואַנע, געפּוצטע דילן. הײַנט דאָס מעבל! פֿון בערלין, בודאַפּעשט, סאָפֿיע (בײַם טאַטן דעם בלעכער האָט ער עס ניט געזען). אין שטוב איז ליכטיק און פֿריילעך. ס'שפּילט די ראַדיאָ, ס'אַרבעט דער טעלעוויזאָר. ניט אומזיסט האָבן מיר זיך געשלאָגן פֿאַרן לעבן. איצט פֿיר איך זיך אַרום מיטן אייניקל. אַ ייִנגעלע, שיין ווי גאָלד. מײַן אײַזיק מיט די ביינער. קליינערהייט איז ער געווען אַ קאַרטינקע.

איך דערמאָן זיך, אַז אַמאָל אַ דאָקטער איז געווען נאָר עפּעס אַנדערש. אַ מעשן שילדל אָף דער טיר. אַ גלעקל. און אַ באַנגע אין אַ ווײַס שירצל. בײַ אונדז אין שטעטל איז געווען עליע דער רויפֿע און וואָליע דער שערער. איינער פֿלעגט היילן מיידלעך און ווײַבער, דער צווייטער פֿלעגט שטעלן באַנקעס און אַלעמען צושרײַבן ריצנייל, ווײַל דעריקער דאַרף אַ בוילע אָפּרייניקן דעם מאָגן. אָט די צוויי בײַטלשנײַדער פֿלעגן רײַסן פֿון טויט און פֿון לעבעדיק. האָסט ניט צו באַצאָלן, לייג זיך און שטאַרב. אָפֿט פֿלעגט מען צאָלן און סײַווי שטאַרבן.

מײַנע קינדער זײַנען טאַקע עמעסע דאָקטוירים, געקאַנטשעטע, און שטודירן ווײַטער. נאָר קיין באַלאָגים נעמט מען אין שטוב ניט אָן. געלט ברענגט מען ביידע איין מאָל אין צוויי וואָכן און מע גיט עס אָפּ מיר. און זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז איך פֿיר די שטוב.

אַז איך פּרוּוו דערציילן וועגן עליע דעם רויפֿע, לאַכט מען פֿון מיר און מע ענטפֿערט: „מאַמע, מיר היילן מענטשן אומזיסט. און מיר שיקן אָף קוראָרטן אַפֿילו אומזיסט. אונדז צאָלט די מעלוכע. און ווען אַ קראַנקער ווערט געזונט און קערט זיך אום צוריק צו דער אַרבעט, איז דאָס פֿאַרן דאָקטער די בעסטע באַלוינונג".

זאָל זיך אײַך דוכטן, אַז מײַנע קינדער זײַנען שוין דאָפּקע גערעכט.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

В русском языке	В еврейском языке
1. Ты *бы отдохнул* у нас несколько дней.	עפשער (בעסער) וואָלסטו זיך אָפּגערוט בא אונדז עטלעכע טעג. .1
2. Я уже *решил было остаться* в этом городе, но семейные обстоятельства заставили меня отказаться от такого решения.	איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן בלײַבן אין אָט דער שטאָט, די פאַמיליע־אַנגע־לעגנהײַטן האָבן מיך אָבער געצווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון אזא באַשלוס. .2
3. ...а дети — *ну прыгать и плясать.*	...און די קינדער — אַז זיי הייבן ניט אָן שפּרינגען און טאַנצן. .3
4. *Знай* я раньше о твоем приезде, я встречал бы тебя на вокзале.	ווען איך זאָל פריִער געווען וויסן, אַז דו קומסט צו פאָרן, וואָלט איך דיך געווען באַגעגנט אפן וואָקזאַל. .4
5. Ты получаешь зарплату, а я за тебя *работай?*	דו באַקומסט אַרבעטלױן, און איך זאָל פאַר דיר אַרבעטן! .5
6. Хирург уже готов был приступить к оперированию больного, а тот *возьми и умри* на операционном столе.	דער כירורג איז שוין גרייט געווען צוטרעטן צום אָפּערירן דעם כוילע, און דער נעמט און מאַכט אַ שטאַרב אפן אָפּעראַציע־טיש. .6
7. Мы *ждем не дождемся* приезда сына.	מיר קענען זיך בעשום־אויפן ניט דער־וואַרטן, ביז אונדזער זון וועט קומען צו פאָרן. .7
8. Он сильно устал, но *продолжал работать.*	ער איז שטאַרק מיד געוואָרן, אָבער ער האָט אַלץ ווײַטער געאַרבעט. .8
9. *Брось капризничать.*	גענוג שוין (ס'וועט זײַן גענוג) צו קאַ־פּריזשען! האָר' קאַפּריזשען! .9
10. Он *не мастер петь.*	ער איז (גאָר) אַ שוואַכער זינגער. .10
11. Он *любитель покушать.*	ער האָט ניט פײַנט די אַכילע. .11
12. Он *оказался способным парнишкой.*	ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פײַיִק באָכער. .12
13. Он *стал не тот.*	ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. .13
14. Мне *досадно.*	ס'איז מיר אַ פאַרדראָס. .14
15. Его *знобит.*	ער האָט (דעם) קאַלטן פיבער. .15
16. Его *рвало.*	ער האָט געבראָכן. .16
17. Им *счету нет.*	ס'איז זיי ניט איבערצוציילן. .17
18. Тебе *бы* на свежем воздухе побольше *бывать.*	דו וואָלסט געדאַרפט זײַן וואָס מער אף דער פרישער לופט. .18

Примечание: Различия в способах выражения сказуемого часто связаны с особенностями перевода отдельных слов (примеры 10—13), отдельных глагольных форм (примеры 2, 4) или некоторых безличных предложений (примеры 14—17).

Б. КОСВЕННЫЕ ПАДЕЖИ БЕЗ ПРЕДЛОГОВ В РУССКОМ ЯЗЫКЕ И ИХ СООТВЕТСТВИЯ В ЕВРЕЙСКОМ.

Русским сочетаниям с косвенными падежами без предлогов (беспредложному управлению) часто соответствует в еврейском языке предложное управление, а иногда другие типы сочетаний. В особенности это относится к родительному и творительному падежам, т. е. к падежам, чуждым еврейскому языку.

Рассмотрим отдельные случаи.

а) **С родительным падежом.**

1) Со значением субъекта действия. В еврейском — обычно сочетание с предлогом פֿון. Примеры:

стук *колес* — (דאָס געקלאַפּ) פֿון די רעדער; шорох *листьев* — דאָס שאַרכען פֿון די בלעטער; чтение *артиста* — דאָס פֿאָרלייענען פֿונעם אַרטיסט; также: דעם אַרטיסטס פֿאָרלייענען.

2) Со значением прямого объекта действия. В еврейском — винительный падеж без предлога, если само действие выражено субстантивированным инфинитивом. Примеры:

чтение *текста* — דאָס לייענען דעם טעקסט; подготовка *кадров* — דאָס צוגרייטן קאַדרן; составление *плана* — דאָס צונויפֿשטעלן דעם פּלאַן.

Если же действие не выражено инфинитивной формой, употребляется сочетание с предлогом פֿון. Примеры:

די צוגרייטונג פֿון קאַדרן. די צונויפֿשטעלונג פֿונעם פּלאַן.

3) Со значением целого, часть которого обозначена управляющим словом. В еврейском — сочетание с предлогом פֿון. Примеры:

фасад *здания* — דער פֿאַסאַד פֿונעם בנין; механический цех *завода* — דער מעכאַנישער צעך פֿונעם זאַוואָד; воротник *шубы* — דער קאָלנער פֿונעם פֿוטער.

4) Со значением обладателя или творца. В еврейском — форма посессива. Примеры:

библиотека *отца* — דעם טאַטנס ביבליאָטעק; глаза *дедушки* — דעם זיידנס אויגן; произведения *Переца* — פּרעצעס ווערק.

5) Со значением объекта, к которому имеет определенное отношение лицо, обозначенное управляющим словом. В еврейском — сочетание с предлогом פֿון. Примеры:

директор *завода* — דער דירעקטאָר פֿונעם זאַוואָד; представитель *министерства* — אַ פֿאָרשטייער פֿונעם מיניסטעריום; гражданин *Советского Союза* — אַ בירגער פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

6) Со значением назначения предмета. В еврейском — первая составная часть сложного существительного. Примеры:

дом *офицеров* — דאָס אָפֿיצערן־הויז; клуб *металлистов* — דער מעטאַליסטן־קלוב; дом *отдыха* — אָפּרו־הויז.

Однако если форма родительного падежа сочетается с определяющими словами, употребляется сочетание с предлогом פֿאַר. Сравним:

дом *офицеров* — דאָס אָפֿיצערן־הויז; но: дом *офицеров генерального штаба* — דאָס הויז פֿאַר אָפֿיצערן פֿונעם גענעראַל־שטאַב; дом *отдыха* — אָפּרו־הויז; но: дом *однодневного отдыха* — הויז פֿאַר איינטאָגיקן אָפּרו.

7) Со значением косвенного объекта действия. В еврейском — винительный падеж без предлога, иногда с каким-либо предлогом (в зависимости от лексического значения управляющего слова). Примеры:

коснуться чьей-либо *руки* — אָנרירן עמעצנס האַנט; коснуться определенного *вопроса* — באַרירן אַ געוויסע פֿראַגע; избегать *ссор* — אויסמײַדן קריגערייען; просить *разрешения* — בעטן אַ דערלויבעניש; бояться *грозы* — מורא האָבן פֿאַר אַ געוויטער; достичь *берега* — דערגרייכן דעם ברעג (ביז צום ברעג);

8) Со значением характерного признака. В еврейском — имя прилагательное или предложное сочетание. Примеры:

мужчина *средних лет* — אַ מיטליאָריקער, אַ מאַנספּאַרשוין אין די מיטלע יאָרן; женщина *среднего роста* — אַ מיטלוווקסיקע, אַ פֿרוי פֿון מיטלען וווּקס; костюм *цвета хаки* — אַ קאָסטיום [אַן אָנצוג] פֿון כאַקי־קאָליר.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

б) С творительным падежом.

1) Со значением косвенного объекта, в частности — орудия действия. В еврейском — чаще всего — сочетание с предлогом מיט, реже (в зависимости от лексического значения управляющего слова) — и с другим предлогом. Примеры:

писать *мелом* — שרײַבן מיט קרײַד; резать *ножом* — שנײַדן מיט א מעסער; (он) доволен *работой* — (ער) איז צופרידן מיט (פון) דער ארבעט; пользоваться *телефоном* — באַניצן זיך מיט א טעלעפאָן.

2) Со значением субъекта действия (в страдательном обороте). В еврейском — сочетание с предлогом פון; стилистически лучше — действительный оборот. Примеры:

(план) составлен *главным инженером* — (דער פלאַן) איז צונויפגעשטעלט פונעם הויפּט־אינזשעניער; (он) любим *всеми* — ער איז געליבט פון אלעמען.

Лучше:

דעם פלאַן האָט צונויפגעשטעלט דער הויפּט־אינזשעניר, אלע האָבן אים ליב.

3) В русском языке форма творительного падежа часто употребляется как именная часть составного сказуемого. В еврейском в этой функции используется форма именительного падежа. Примеры:

он был *педагогом* — ער איז געווען א פעדאַגאָג; она уже стала *старухой* — זי איז שוין געוואָרן א זקנה; они стали *механиками* — זיי זײַנען געוואָרן מעכאַניקער.

4) В русском языке форма творительного падежа (без предлога) может иногда употребляться в значении наречия образа действия или наречия времени. В первом случае в еврейском употребляется сравнительный оборот с союзом ווי, во втором — наречие. Примеры:

петь *петухом* — קרייען ווי א האָן; жить *отшельником* — (פירן א) לעבן ווי א פּאָרוש; *временами* его одолевает тоска по родным местам — צײַטנווײַז באַפאַלט אים אָן [באַהערשט אים] א בענקעניש נאָך די היים־ערטער; *утром* лил дождь — אינדערפרי האָט געגאָסן א רעגן.

в) О согласовании краткого прилагательного в составе сказуемого с подлежащим.

В русском языке закономерно такое согласование в роде и числе. Ср.:

день *долог;* ночь *коротка;* небо *ясно;* ночи *коротки.*

В еврейском такого согласования нет, и краткое прилагательное остается неизменным. Примеры:

דער ברודער (די שוועסטער, דאָס קינד) איז געזונט; די קינדער זײַנען געזונט.

Упражнение. Из рассказа „א זון א דאָקטער" выпишите: а) сочетания с предлогами, соответствующие русским беспредложным сочетаниям; б) предложения с краткими прилагательными; переведите их на русский язык; в) предложения с существительными в функции именной части сказуемого; переведите их на русский язык.

ВНИМАНИЮ ЧИТАТЕЛЕЙ

Цикл наших бесед «В помощь изучающим идиш» близится к концу. Мы отдаем себе отчет в том, что эти беседы, всего на 68 журнальных страницах, далеко не достаточны для овладения языком идиш — для приобретения твердых навыков устной и письменной еврейской речи, для чтения произведений современных еврейских писателей, тем более — еврейской классики.

Мы всё же думаем, что многие из вас, особенно те, которые понимают разговорную еврейскую речь, при должной напористости, су-

мели добиться заметных успехов. Об этом говорят и письма, полученные нами от читателей.

Мы дали в наших беседах самые необходимые сведения по фонетике, графике, морфологии, частично и синтаксису. Лексику же и фразеологию в беседах подобного рода охватить в достаточной мере невозможно.

Многое теперь зависит от вас самих. Советуем систематически читать еврейскую художественную, а также публицистическую литературу, пусть понемногу, но ежедневно. О непонятном спрашивайте. И помните старую поговорку: «Повторение — мать учения».

Идя навстречу пожеланиям, выраженным в письмах отдельных читателей, мы завершаем наш цикл краткими сведениями о словарном составе еврейского языка.

XXV. Лексика еврейского языка по ее происхождению

С этимологической точки зрения лексическая ткань современного литературного еврейского языка довольно пестра; в ее состав входят слова различного происхождения.

Костяк её образуют слова германского, вернее — немецкого[1] происхождения, так как идиш возник на базе различных диалектов и говоров немецкого языка. Однако в обособлении еврейского языка как языка качественно иного, самостоятельного, немалую роль сыграли входящие в состав его лексики, с одной стороны, слова семитического происхождения — из древнееврейского с примесью арамейского, с другой стороны, слова славянского происхождения — из польского, украинского, более поздние — из русского. Помимо того, в идиш, как и в другие языки, вошло большое количество слов интернационального употребления, преимущественно греческого или латинского происхождения. Считанные слова осели в идиш из романских языков. Правда, в произведениях еврейских писателей из Молдавии встречаются иногда молдавские слова, употребительные там в еврейской разговорной речи, а эти слова — обычно романского происхождения, однако они служат писателю лишь стилистическим средством, придавая изображению местную колоритность; в словарный же состав еврейского литературного языка они не входят.

Начиная с конца XIX века, вследствие массовой эмиграции евреев из Восточной Европы — в Америку, частично в Англию и Францию, позднее и в страны других континентов, — идиш вбирает в себя в каждой из этих стран слова господствующего, государственного языка. Такими словами изобилует там еврейская периодическая печать, но они также не становятся органическим элементом лексики еврейского литературного языка.

Таким образом, в словарном составе языка идиш можно в основном различать: 1) слова германского происхождения — их обычно называют германизмами; 2) слова древнееврейского или гебрайского происхождения — так называемые гебраизмы; 3) слова славянского происхождения — так называемые славянизмы; 4) слова различного происхождения, но интернационального употребления — интернационализмы.

[1] Немецкий язык — это лишь один из германских языков, к которым относятся и голландский, английский, датский, шведский, норвежский, исландский и некоторые другие языки, а также идиш.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Но каково бы ни было происхождение всех этих слов, они являются еврейскими словами, т. е. словами языка идиш, ибо в еврейской среде они коренным образом преобразовывались, получив другую фонетическую окраску и подчинившись требованиям еврейского словоизменения и словообразования. По сравнению, например, с немецким языком, в еврейском изменилась и упростилась система склонения имен, система времен и наклонений глаголов, форм спряжения.

Исключительную роль в становлении языка идиш как языка самостоятельного сыграло своеобразное органическое слияние в отдельных словах — простых или составных — частей различного происхождения. Укажем на некоторые случаи:

а) Гебрайское слово сочетается с суффиксом германского происхождения. Примеры (здесь и далее гебрайская часть выделена курсивом):

спесиво — גײוועדיק; празднично — יאָמטעװדיק; жестоко — אכזאָריעסדיק; ответственно — אחריותדיק; соседство — שכײנעשאפט; родство — קרױװעשאפט.

б) Гебрайский корень сочетается с суффиксом или окончанием германского происхождения; так образуются многие глаголы еврейского языка. Примеры:

Развести(сь) (*о супругах*) — גטן זיך, גטן זיך (זיך); брезговать — ער מיאוסט זיך, מיאוסן זיך; судить — דו מישפעטסט, מישפעטן; удивляться — איך מתפּעל, מתפּעלן זיך; сниться — איך בחלומט זיך, בחלומען זיך; ... мир כידעשט זיך, כידעשן זיך.

в) Гебрайский партицип сочетается с вспомогательным глаголом זײַן или װערן (германского происхождения); так образуются весьма многие перифрастические глаголы еврейского языка. Примеры:

согласиться — איך בין מוסקעם געװאָרן, מוסקעם װערן; ער איז מאַסקים, מאַסקים זײַן; обязать — מעכײַעװ זײַן; обязаться — זיך מיסכײַעװ זײַן; побеспокоить(ся), потрудить(ся) — זיך מאַטריעך זײַן; оскорбить — מעװײַעש זײַן; осрамить — מעװאַזע זײַן; исполнить — מעקײַעם זײַן; исполниться — מעקױיעם װערן; навестить (*больного*) — מעװאַקער־כױלע זײַן; оповестить — מױדיע זײַן.

г) гебрайское слово или корень сочетается с суффиксом славянского происхождения (а иногда и с окончанием германского происхождения). Примеры:

жена резника — שױכעטקע; доносчик — מאָסערניק; греховод — באַל־אַװײרעניק; хозяйничать — באַלעבאָסטשעןן[1].

д) Бывает, что гебрайский корень сочетается с славянским префиксом и славянским же суффиксом. Пример:

бесстыдник — בעזבושניק (стыд — בושע).

Не меньшую роль сыграли в становлении языка идиш и синтаксические особенности, выработанные еврейским языком в отличие от немецкого, а также фразеологические различия, но это к нашей теме не относится.

Рассмотрим теперь отрывок из рассказов Е. Шрайбмана (в № 1 нашего журнала за 1971 год):

איך געדענק, לעמאשל, אזא מעסע. כ׳בין דעמלט אהיים געקומען אף פייסעך פון טשער־נאוויץ. אין שנײדערשן געסל, ערגעץ אין א באשקע, האבן זיך צונויפגענומען עטלעכע שנײ־דער־ייִנגלעך און שוסטער־ייִנגלעך, און איך האב אהין געבראכט יאשע פאווינסקין, ער זאל דעם אוילעם לייענען א לעקציע. כאטש יאשע פאווינסקיס פאטער, פיניע פאווינסקי, האט געהאלטן א גרויסע באקאליינע קלייט און די קלייט האט געהאט אײַזערנע שטארן, די אײַנ־

[1] первая часть этого слова — гебрайского, вторая (суффикс ־עװע) — славянского, третья (суффикс инфинитива) — германского происхождения.

ציקע אײזערנע שטאַרן אין ראַשקעוו, האָט יאַשע פונדעסטוועגן געשעמט אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געלערנט אויף אדוואָקאַט, פאַר א מעטוקענעם לינקן...

Этот отрывок дает приблизительное представление о количественном соотношении между составными частями еврейской лексики по их происхождению.

Всего в отрывке (не считая повторов и собственных имен) 52 слова. Распределяются они следующим образом:

Какого происхождения	Число	Процент
Без аффиксов другого происхождения		
германского	36	69,2
гебрайского	4	7,7
славянского	2	3,8
латинского (интернационализмы)	3	5,8
разного (молдавизм)	1	1,9
С аффиксами другого происхождения		
гебрайского	2	3,8
славянского	1	1,9
романского	2	3,8
разного (арабизм)	1	1,9

Отрывок включает следующие слова германского происхождения (без аффиксов другого происхождения):

צוזאַמענגעזאַמלט, שנײדער־ייִנגלעך, שוסטער־ייִנגלעך, געבראַכט, פאַטער, געהאַלטן, גרויסע, געלערנט, לינקן, אײזערנע, פונדעסטוועגן, אהיים, געדענק, געקומען, שנײדערשן, געסל; דעמלט, ערגעץ, אהין, ווו; בין, האָבן, זאָל; איך, זיך, אזוי, ער, אײנציקע, עטלעכע; פון, א, און, דעם, אויף, אין, פאַר.

гебрайского:

מיסע, פייסער, אוילעם, לעמאַשל.

Славянского:

קליים, כאַטשע.

Латинского (интернационализмы):

לעקציע, אוניווערסיטעט, אדוואָקאַט.

Разного (молдавизм):

באַשקע[1].

Следующие слова гебрайского происхождения (с аффиксами другого происхождения):

מעטוקענ־עם, (האָט גע־שעמ־ט)

славянского:

טשערנאָוויצ־ער.

Романского:

לייענען, שטאַרן.

Разного (арабизм):

באַקאַליי־נע.

[1] Погреб (имеется в виду винный погреб).

Примечание: Если иметь в виду не первоначальный источник, а язык, из которого данные слова непосредственно заимствованы, то такие слова, как שטאַרן, באַקאַלייע, следует считать русизмами, так же как и многие интернационализмы, заимствованные еврейским языком непосредственно из русского.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ВНИМАНИЮ ЧИТАТЕЛЕЙ

«Беседы» по еврейскому языку, печатавшиеся в номерах нашего журнала за годы 1969—1971, по сути, представляли собой первую ступень элементарного курса языка идиш.

Начиная с этого номера будет печататься своего рода **практикум** по еврейскому языку, имеющий своей целью: во-первых, закрепление и дальнейшее расширение навыков в чтении и правильном осмысливании еврейских литературных текстов; во-вторых, развитие устной и письменной еврейской речи читателя, самостоятельно изучающего идиш, посредством **тематических материалов**, диалогов, вопросов и ответов, а также соответствующих упражнений; в-третьих, углубление теоретических познаний читателей в области еврейской грамматики, лексики и особенно фразеологии. Попутно будут даваться необходимые сведения и по еврейской орфографии.

Тема I. Где мы живем и работаем?

Прочтите и устно переведите на русский язык:

טעקסט נום. 1.

דער זיידע דערציילט וועגן זיך

איך בין שוין איצט א טיפער זאָקן. מײַנע זין, טעכטער, זייערע קינדער און אייניקלעך לעבן אין פאַרשיידענע שטעט פון אונדזער ריזיקן לאַנד. איין טאָכטער מײַנע, די סאַמע עלטסטע, וווינט אין דער הויפּטשטאָט פונעם ראַטנפאַרבאַנד — אין מאָסקווע. מײַן אַלטיטשקע איז מיר אָפּגעשטאָרבן באַלד נאָך דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, און איך, אַן אַלמען, וווין איצט אינאיינעם מיט דער דאָזיקער טאָכטער מײַנער און מיט דער פאַמיליע פונעם איינציקן זון אירן — דעם עלטסטן פון מײַנע אייניקלעך.

אין אונדזער דרײַצימערדיקער וווינונג זײַנען מיר זעקס פאַרשוין: איך, די טאָכטער מיט איר מאַן (מיט מײַן איידעם), זייער זון מיט זײַן יונגער פרוי און זייער אייניקל (מײַן אור־אייניקל) — א שילער פונעם צווייטן קלאַס.

די טאָכטער איז היפּש יאָרן געווען א ביבליאָטעקערן; איצט איז זי שוין א פּענסיאָנערקע. דער איידעם אַרבעט נאָך; ער איז הויפּט־בוכהאַלטער אין א לעדער־פאַבריק. מײַן אייניקל, זייער זון, איז א טאַקסי־שאָפער; זײַן פרוי, זייער שנור, איז א לערערן אין די יינגערע קלאַסן פון א מיטלשול. טאַקע אין דער דאָזיקער שול איז א שילער מײַן אור־אייניקל, דער צווייט־קלאַסניק.

איך גופא האָב אָפּגעאַרבעט גאַנצע פערציק יאָר אין ניי־וואַרשטאַטן, פריער ווי א צושנײַדער; שפּעטער, די לעצטע אַכט יאָר, בין איך געווען א דירעקטאָר פון א מאָדע־אַטעליע. איצט בין איך א פּענסיאָנער.

איך און מײַן טאָכטער פירן די באַלעבאַטישקייט פון דער גאַנצער פאַמיליע.

Слова и словосочетания:

1) זאָקן ם (זקיינים); 2) ריזיקער; 3) הויפּטשטאָט 11 (הויפּטשטעט); 4) ראַטנפאַרבאַנד; 5) די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע; 6) אַלמען ם ־ס; 7) זעקס פאַרשוין; 8) היפּש יאָרן; 9) לעדער־פאַבריק 11 ־ן; 10) איך גופא; 11) ניי־וואַרשטאַט ם ־ן; 12) צושנײַדער ם ־; 13) באַלעבאַטישקייט 11.

Их перевод:

1) Старик; 2) гигантский, огромный (ריז — великан); 3) столица; 4) Советский Союз; 5) Великая Отечественная война; 6) вдовец; 7) шесть человек (פאַרשוין — персона, лицо, особа); 8) многие годы, долгое время (**היפּש** — порядочно); 9) кожевенная фабрика (**לעדער** — кожа); 10) сам я; 11) пошивочная мастерская; 12) закройщик; 13) хозяйство (**באַלעבאָס** — хозяин, **באַלעבאַטים** — хозяева).

Упражнения.

1) Вместо вопросительного знака выпишите правильную форму единственного или множественного числа по данным образцам:

а) שוך (туфля) — שיך; שנור (невестка) — ?; קו — ?; הונט — ?; ? — זין; ? — ברידער; ? — פיס.

б) טאג — טעג; ? — טעכטער; ? — שטעט; קאפ — ?; פאדעם (нить) — ?; פראסט (мороз) — ?; נאגל (ноготь) — ?; נאמען — ?;

в) קינד — קינדער; בילד (картина) — ?; בארד — ?; ווארעם (червь) — ?; האנטעך (полотенце) — ?; טישטעך (скатерть) — ?; ביין (кость) — ?; ? — קליידער; קערן (зерно) — ?; ברעט — ?

г) בלאט (лист) — בלעטער; לאנד — ?; דאך — ?; האלדז — ?; פלאץ (площадь) — ?; הארץ — ?; פאס (бочка) — ?

д) גאס — גאסן; פאבריק — ?; העפט (тетрадь) — ?; צווייג (ветвь) — ?; שנור (шнур) — ?; שול — ?

е) אידיי — אידייען; פרוי — ?; אטעליע — ?; ביורא — ?

2) Образуйте формы сравнительной и превосходной степени — по образцу:

קלוגער — קליגערער — דער (סאמע) קליגסטער; געזונטער — ? — ?; קורצער — ? — ?; יונגער — יינגערער — ?

Переведите устно на русский язык:

דער ייִדע דערציילט וועגן זיך (העמשעך)[1]

מעקסם נוח. 2.

בין איך איצט, הייסט עס, א מאסקווער איינוווינער. איך בין אָבער ניט קיין היגבוי־
רענער.
ביז עלטער פון נײַנצן יאָר האָב איך געלעבט אין א קליין שטעטל באַם דארעם־בוג,
אין פאדאליע, אין דער איצטיקער וויניצער געגנט. יאנאוו — אזא איז געווען דער נאָמען
פון מײַן היימשטעטל. דאָרט האָבן געלעבט מײַנע עלטערן, זיידעס און עלטערזיידעס אין
מעשעך פון לאנגע דורעס. דאס איז געווען א טיפּיש שטעטל פונעם אמאליקן סכום־האמוי־
שעוו. אכט קינדער זײַנען מיר געווען באַם טאטן דעם קירזשנער — פינף זין און דרײַ טעכ־
טער. עלטער איינס פונעם אנדערן אָף אָנדערהאלבן — צוויי יאָר. דעם טאטנס פארדינסטן
האָבן קוים געקלעקט אָפן טרוקענעם שטיקל ברויט פאר אזא היפּש געזינדל.
איך בין געווען דער בכאָר אין דער פאמיליע. קוים אויסגעלערנט זיך אין דער שטעטל־
שער טאלמעד־טוירע ווי־ניט־איז לייענען און שרײַבן, האָב איך געמוזט גיין פאר א לערן־
יינגל צו א שנײַדער. ס'איז אָבער מיר ניט אויסגעקומען לאנג זיך האלטן בא מײַן באלעבאָס:
ס'האָט אויסגעבראכן די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, און בא אונדז אין שטעטל, פונקט ווי אין
גאנץ אוקראַינע, האָט געפלאקערט דער בירגערקריג. אין מעשעך פון צוויי יאָר (1918—
1919) האָט זיך בא אונדז פיל מאָל געביטן די מאכט. א שטיק צײַט האָבן באלעבאטעוועט
די פּעטליוראָווצעס און פארשיידנסטע אטאמאנען. זיי האָבן געמאכט בלוטיקע פּאָגראָמען.
ס'איז אומגעקומען מײַן פאטער און באלד נאָך אים מײַן יינגער זיבעצניאָריק ברידערל, און
דעמלט בין איך פרײַוויליק אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי.
ערשט אין 1924 יאָר בין איך דעמאָביליזירט געוואָרן, געארבעט שנײַדערײַ אין פארשיי־
דענע געגנטלעכע צענטערס, צוזאמען מיט מײַן אלטיטשקער אומגעצויגן און געבראכט צו
לײַט פיר זין און דרײַ טעכטער, און שוין ווי א פענסיאָנער האָב איך זיך באזעצט אין מאָס־
קווע אין דער וווינונג פון מײַן טאָכטער.

[1] Продолжение.

(Слова и их перевод — в следующем номере)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Слова и словосочетания:

1) הייסט עס; 2) הי־געבוירענער; 3) עלטער ם; 4) דאָרעם ם; 5) דאָר ם (דוירעס); 6) טכום־האַמוישעוו ם; 7) קירזשנער ם ־ס; 8) קלעקן; 9) געזינד ז, געזינדל ז; 10) בכאָר ם (בכוירים); 11) ווי־ניט־איז; 12) טאַלמעד־טוירע ו ־ס; 13) לערן־ייִנגל ז ־עך; 14) אויס־ברעכן (האָט אויסגעבראָכן); 15) פלאַקערן; 16) אין מעשעך (פון); 17) בײַטן זיך (האָט זיך געביטן); 18) מאַכט ו; 19) א שטיק צײַט; 20) באַלעבאָטעווען; 21) אומקומען (איז אומגעקומען); 22) פרײַוויליק; 23) אַרײַנטרעטן (בין אַרײַנגעטראָטן); 24) ריי ו ־ען; 25) געגנט־לעכער; 26) אויפציִען (האָב אויפגעצויגן); 27) באַזעצן זיך.

Их перевод:

1) Значит, таким образом; 2) местный уроженец (הי — здесь, в этом городе, селе и т. п.); 3) возраст (но: ו עלטער — старость, עלטער (сравнит. степень) — старше); 4) юг (דאָרעם־בוג — Южный Буг); 5) поколение; 6) черта оседлости (вне которой при царизме евреи не имели права проживать); 7) шапочник; 8) хватать (האָט קוים געקלעקט — едва хватало); 9) семья, семейка; 10) первенец; 11) кое-как; 12) талмуд-тора (полурелигиозная, полусветская начальная школа для детей еврейской бедноты, содержавшаяся на средства филантропических обществ); 13) ремесленный ученик; 14) вспыхнуть; 15) пламенеть; 16) в течение; 17) сменяться; 18) власть; 19) долгое время (*дословно*: кусок времени); 20) хозяйничать (באַלעבאָס — хозяин, באַלעבאַטים — хозяева); 21) погибнуть; 22) добровольно; 23) вступить; 24) ряд; 25) областной (געגנט — область); 26) воспитать; 27) поселиться, осесть.

Упражнения.

1) Следующий разговор переведите письменно на еврейский язык:

— Сколько вам лет? — Мне минуло недавно двадцать девять лет. — Какое у вас образование? — Я окончил десятилетку (среднюю школу). — Служили ли вы в Советской Армии? — По окончании школы я один год поработал слесарем на заводе, а потом меня призвали в армию. — Получили ли вы в армии какую-либо военную специальность? — В армии я стал танкистом. — Расскажите о своей жизни после военной службы. — Из армии я вернулся в свой родной город, в Винницу, на свой завод и получил там работу водителя грузовой машины. — Женаты ли вы? — У меня жена и двое детей. — Работает ли жена? — Да, она работает на макаронной фабрике. — На кого вы оставляете в рабочие дни детишек? — Сынишка, пяти лет, ходит в детсад, а за двухлетней дочкой присматривает теща моя; она вдова и живет вместе с нами; она также ведет наше хозяйство.

Слова и словосочетания:

1) Сколько вам лет?; 2) мне минуло; 3) недавно; 4) десятилетка; 5) служить; 6) по окончании; 7) поработать; 8) слесарь; 9) призвать в армию; 10) какой-либо; 11) специальность; 12) военная служба; 13) вернуться; 14) водитель грузовой машины; 15) женатый; 16) макаронная фабрика; 17) оставлять; 18) рабочий день; 19) пяти лет; 20) детсад; 21) присматривать за *кем-либо*; 22) теща; 23) вдова.

Их перевод:

1) וויפל זײַט איר אַלט; 2) איך בין (אַלט) געוואָרן; 3) דאָ גייט לאַנג; 4) א צעניאָריקע שול; 5) דינען; 6) אז (איך) האָב געענדיקט; 7) אָפּאַרבעטן; 8) שלאָסער ם ־ס; 9) רופן צום פּריזיוו; 10) וואָסערער־ניט־אין; 11) מיליטער־דינסט װ; 12) פאַך ם; 13) אומקערן זיך; 14) פירער פון א לאָסטמאַשין; 15) באַוויבטער; 16) מאַקאַראָנען־פאַבריק װ ־ן; 17) (איבער)־לאָזן; 18) אַרבעטסטאָג ם (אַרבעטסטעג); 19) פינף יאָר אַלט; 20) קינדער־גאָרטן ם (קינדער־גערטנער); 21) אכטונג געבן אויף עמעצן; 22) שוויגער װ ־ס; 23) אַלמאַנע װ ־ס.

2) Переведите на русский язык следующие предложения:

1. דער זיידע װ י ל איצט לייענען די צײַטונג. 2. ער ד אַ ר ף אָפּפירן דאָס אייניקל אין שול אַרײַן. 3. ער ק אָ ן נאָך פּאַרשפּעטיקן. 4. ער מ ו ז באַלד גיין. 5. ער ק ע ן גוט שפּילן אין שאַך. 6. ער ק ע ן אויך זייער גוט.

Грамматическое замечание.

Обратите внимание на слова, подчеркнутые в первых пяти предложениях. Это так называемые м о д а л ь н ы е г л а г о л ы. Смысл они получают лишь в сочетании с инфинитивом другого, знаменательного глагола. Их поэтому называют иногда г л а г о л а м и н е п о л н о г о в ы с к а з ы в а н и я. От других глаголов эти модальные глаголы отличаются тем, что в третьем лице единственного числа они не получают никакого личного окончания. Ср.:

ער לייענט־ט — ער װ י ל לייענען.

А не:

ער װ י ל־ט לייענען.

Точно так же:

ער דאַרף, ער קאָן, ער מוז, ער קען.

В предложении 6 глагол קען — не модальный («знать»), однако под влиянием того же глагола с модальным значением он также лишен в третьем лице единственного числа окончания ־ט (см. предложение 5).

3) Проспрягайте в формах настоящего времени указанные модальные глаголы:

ווען, דאַרפן, מוזן, קאָנען, קענען.

4) Обратите внимание на различие в способах образования названий лиц женского пола:

а) שילער — שילערן; אינזווינער — ?; לערער — ?; צושנײַדער — ?

б) באַלעבאָס — באַלעבאָסטע; כאַווער — ?; אקשן — ?

в) צווייטקלאַסניק — צווייטקלאַסניצע; קאָלווירטניק — ?; פּאָסטעפּאַסניק — ?

г) פּויאַנער — פּויאַנערקע; שטיפער — ?; בלאָנדין — ?; דעלעגאַט — ?

д) אַלמען — אַלמאַנע; זאָקן — זקיינע; שאַכן — ?

5) Обратите внимание и на случай, когда соответствующие названия лиц мужского и женского пола имеют различные корни:

זון — טאָכטער; פאָטער — ?; ברודער — ?; זיידע — ?; איידעם (зять) — ?; שווער ? — (тесть, свекор)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

■ ■ ■

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Уясните себе содержание следующих пословиц:

טעקסט נום. 3.

יידישע שפריכווערטער וועגן ארבעט.

1. ארבעט מאכט דאָס לעבן זיס. 2. דער שליסל צום גליק איז ארבעט. 3. טו נאָר דײַן מעלאָכע, וועט שוין קומען מאזל־בראָכע. 4. אז דו וועסט ניט האָרעווען, וועסטו ניט עסן. 5. האָרעווע, מידעלע, וועסטו האָבן (אָף) א קליידעלע. 6. געבראָטענע טײַבעלעך פליִען ניט אליין אין מויל ארײַן. 7. געבענטשט זײַנען די הענט, וואָס טוען אליין. 8. א מעלאָכע איז א מעלוכע. 9. די שווערסטע ארבעט איז ליידיק צו גיין. 10. וואָס מע פארזייט, דאָס שנײַדט מען. 11. ליידיקע הענט מאכן קאַליע די ווענט.

Слова и словосочетания:

1) זיס מאכן; 2) מאזל־בראָכע װ; 3) געבראָטענער; 4) געבענטשטער; 5) מעלאָכע װ ־ס; 6) מעלוכע װ ־ס; 7) ליידיקער; 8) ליידיק גיין; 9) פארזייען; 10) שנײַדן; 11) קאַליע מאכן.

Их перевод:

1) услаждать; 2) *здесь*: богатство, обилие (*дословно*: счастье-благословение); 3) жареный; 4) благословенный; 5) ремесло, специальность; 6) царство; 7) порожний; *здесь*: праздный; 8) бездельничать (*дословно*: ходить праздным, т. е. быть праздношатающимся); 9) (по)-сеять; 10) резать; *здесь*: жать, пожинать; 11) (ис)портить.

Упражнения.

1) Выпишите перифрастические глаголы из пословиц 1, 9, 11 — в форме инфинитива.

Примечание. Напоминаем: перифрастические глаголы состоят из двух или более слов; это описательные глаголы. Например: ליב האָבן — любить, כאַרעוו מאכן — разрушить и т. п. Подробнее о таких глаголах — см. 1970, № 10, стр. 160.

2) Переведите пословицу 10 соответствующей русской пословицей. Определите различия в способах выражения сказуемых в обоих языках.

3) Найдите единственное прилагательное в форме превосходной степени в этих пословицах. Как оно образовано (при помощи какого суффикса).

4) Найдите существительные в форме множественного числа. Укажите способы образования этих форм (при помощи ли изменения коренного гласного, при помощи суффикса или без всякого изменения). Выпишите их формы единственного числа.

Выучите наизусть следующее стихотворение одного из зачинателей еврейской советской литературы — Давида Гофштейна — из его мотивов на тему «город»:

טעקסט נום. 4.

ס׳האָט הײַנט פון פעלד א פרישער ווינט
אף הײַזער נאָסן זיך פארקליבן
און ניט געוווּסט ווו אײַן ווו אויס
און שטיל געבליבן.

פון טונקלען הויז בין איך ארויס,
דעם ווינט אנטקעגן אנגעקומען —
און ס׳האָט דער ווינט מיך שטיל
און לינד
ארומגענומען...

איך האָב צעקושט זיך מיט דעם ווינט
און אָן א וואָרט געוואָר געוואָרן,
וואָס טוט אף פעלדער זיך אצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן.

עס וועט מיר קלינגען הײַנט
ביז נאַכט
דער שטילער שאַל פון ווײַטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!

Слова и словосочетания:

1) זיך פארקלײַבן (האָב זיך פארקליבן); 2) ניט װיסן (האָב ניט געװוּסט) װוּ אײַן װוּ אױס; 3) אנקומען (בין אָנגעקומען) אנטקעגן עמעצן; 4) לינד; 5) ארומנעמען (האָב ארומגענומען); 6) זיך צעקושן; 7) אָן א װאָרט; 8) געװאר װערן (בין געװאר געװאָרן); 9) זיך טאָן (האָט זיך געטאָן); 10) אצינד; 11) בליִען; 12) קאָרן; 13) קלינגען (האָט געקלונגען); 14 שאַל; 15) האָרן.

Их перевод:

1) забраться; 2) попасть в недоумение, сбиться с толку; *здесь также*: не найти ни входа, ни выхода; 3) столкнуться с *кем-л.* (*дословно*: прийти *кому-л.* навстречу); 4) кротко; 5) обнять; 6) расцеловаться; 7) не сказав ни слова (*дословно*: без слова); 8) узнать, проведать; 9) делаться, происходить; 10) теперь; то же, что איצט; 11) цвести; 12) рожь; 13) звучать; *здесь*: звучать в ушах; 14) *здесь*: глас, мелодия; 15) рог (пастушеский).

Упражнения:

1) Заведите отдельную тетрадку для записи **фразеологизмов** языка идиш и их перевода на русский язык. Внесите в нее оба фразеологизма из стихотворения Гофштейна (их перевод дан у нас под номерами 2 и 7).

2) Выучив стихотворение наизусть, запишите его, не заглядывая в печатный текст. Потом сверьте с текстом и внесите нужные исправления в вашу запись.

3) Обратите внимание на два глагола: געװאר װערן — «проведать» שטיל בלײַבן (איז שטיל געבליבן) — «умолкнуть». К какому типу глаголов они относятся? Проспрягайте их в формах всех трех времен.

В следующем отрывке из рассказа Т. Гена замените слова, характерные для разговорной речи, словами литературного еврейского языка.

טעקסט נום. 5.

א מאמע דערציילט:

מײַן עלטערע טאָכטער מיט איר מאַן ארבעטן אין נאָרילסק, אָפּן קאָמבינאַט... קומט אײַנמאָל צו פאָרן פון דאָרטן אײנער א מענטש אין א קאָמאַנדיראָװקע... ער האָט געבראַכט פון זײ א פּאָסילקע... אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אין א גאָסטיניצע... איז מײַן הינע טאָכטער זיך דורכגעגאַן מיטן קאָמאַנדיראָװאָטשנעם אײן מאָל אין קינאָ און נאָך א מאָל אין טעאַטער... ער האָט איר אָנגעהױבן אײַנרעדן, אז זי מוז אָװעקפאָרן צו אים, קײן נאָרילסק... זי װעט דאָרט זײַן אָפּן קאָמבינאַט דער גלאַװנער פּלאַנאָװיק, אױך אָפּן סיליקאַטנעם זאַװאָד... װען ער איז אָװעקגעפאָרן, האָט ער אָנגעהױבן שרײַבן בריװ דאָ װאָסטרעבאָװאַניאַ...

Слова для замены:

אָפּן סיליקאַט־זאַװאָד, אין א האָטעל, א מאָטאָנע־פּעקעלע, מיטן קאָמאַנדירטן, אין א קאָמאַנדירונג, ביז ארױספאָדערונג (אױך: פּאָסט־רעסטאַנט).

Слова и словосочетания:

1) א געבױרענער א נאָרילסקער; 2) קומען צו פאָרן (בין געקומען צו פאָרן); 3) אָפּשטעלן זיך; 4) אײַנרעדן; 5) היגער.

Их перевод:

1) уроженец Норильска; 2) приехать; 3) остановиться, заехать; 4) уговаривать; 5) местный; *здесь*: проживающий в нашем городе.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ТЕМА II. Продовольственные и промышленные товары.

Прочтите и переведите устно на русский язык

טעקסט נומער 6.

א. אין א פראָדוקטן־מאגאזין

אונדזער פאמיליע וווינט אין א נײַעם מיקראָ־ראיאָן פון מאָסקווע. קעגנאיבער אונדזער הויז שטייט א צוועלפשטאָקיקער מויער. דעם גאנצן אונטערשטן שטאָק זײַנעם פארנעמט א פראָדוקטן־מאגאזין. ער איז אָפן פון אכט אזייגער אינדערפרי ביז נײַן אזייגער אָפּדערנאכט. ער האָט דרײַ ארײַנגענג.

רעכטס — דער ארײַנגאנג אינעם אָפּטייל „פלייש, פיש“. דאָ קען מען קריגן רינדערן פלייש, שעפּסנפלייש, כאזער־פלייש, געקוילעטע אויפעס — הינער, קאטשקעס, גענדז, אָפט אפילע אינדיקעס. ניט גאָר זעלטן איז דאָ פאראן אין פארקויף לעבעדיקע פיש, דערהויפּט קאָרפּ, העכט, לעשטש. שטענדיק איז צו קריגן געפרוירענע פיש, צום מיינסטן — פון די יאם־סאָרטן: זילבערדיקן כעק, פלאָנדערקעס (קאמבעלע), שטאָקפיש, סקומבריע. מע פארקויפט דאָ אויך אלערליי מינים הערינג, גערייכערטע פיש־פּראָדוקטן. אף די פּאָליצעס איז צו זען בלעכענע פּושקעלעך מיט פארשיידענע פיש־קאָנסערוון — סארדינען, שפּראָטן, קילקע, סטאווירידע אאַ. אינעם זעלבן אָפּטייל איז פאראן אויך רינדערן פעטס, כאזער־שמאלץ, בוימל, עסיק.

פאראן אויך א ברייטער אויסוואל פון ווורשטן: „באזונדערע“, טיי־ווורשט, מילכיקער ווורשט, עסטיש־ווורשט, „היימישער“, אויך געוויאלעטע ווורשטן.

לינקס — דער ארײַנגאנג אינעם אָפּטייל „גרינס, אויבסן“. דאָ קריגט איר פון גרינסן — קארטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל, מייערן, בורעקעס, ווײַס קרויט, בלומענקרויט, געזײַערט קרויט, געזײַערטע אוגערקעס און פּאמידאָרן (טאָמאטן), אום זומער אויך פרישע אוגערקעס און פרישע פּאמידאָרן; פון אויבסן — עפּל, ציטרוס־פרוכטן (לימענעס, מאראנצן, זעלטענער — מאנדארינקעס), אום זומער אויך בארן, פלוימען, קארשן, ווײַנשל, אבריקאָסן, פערשקעס. שטענדיק פארקויפט מען דאָ פארשיידענע געטריקנטע פרוכטן, אויך קאָמפּאָטן און אײַנגעמאכצן (אין גלעזערנע סלוייען און אין בלעכענע פּושקעס).

אינדערמיט — דער ארײַנגאנג אינעם אָפּטייל „מילך“. דאָ קאָנט איר שטענדיק קויפן מילך — אין פלעשער, אין פּאפּירענער פּאקונג, קאָנדענסירטע מילך אין בלעכענע פּושקעלעך. געפרעגטע מילך, קעפיר, זויערמילך, צוואָרעך (ווײַסן קעז). אלערליי סאָרטן הארטער קעז — האָלענדישן, רוסלענדישן, סאָוועטישן, קאָסטראָמער, פּאָשעכאָנער אאַ., אין פּאפּירענער פּאקונג — אויך געשמעלצטן קעז.

אין דורכגאנג צווישן רעכטן און מיטלדיקן אָפּטייל — א קלענערע סעקציע פאר זיסוואַרג (קאָנדיטערײַ). די קוינים קויפן דאָ קאָנפעקטן, צוקערקעס, זיסע געבעקסן, מארמעלאד, צוקער, ווײַן. מע קריגט דאָ אויך מעל און גרויפּן, רײַז, לאָקשן, מאקאראָנען, האָגאם אזעלכע פּראָדוקטן געהערן ניט צו זיסוואַרג.

Слова и словосочетания:

1) אָפּטייל ם ־ן; 2) רינדערן פלייש; 3) שעפּסנפלייש ז; 4) געקוילעטע אויפעס; 5) פאראן אין פארקויף; 6) צום מיינסטן; 7) שטאָקפיש ם ־; 8) גערייכערטער; 9) אאַ.; 10) רינדערן פעטס; 11) כאזער־שמאלץ ו; 12) ווורשט ם ־ן; 13) עסטיש־ווורשט ם; 14) בלומענקרויט ז; 15) געזײַערט קרויט; 16) געזײַערטע אוגערקעס; 17) געפרעגטע מילך; 18) צוואָרעך ם; 19) קוינע ם (קוינים); 20) האָגאם.

Их перевод:

1) отдел; 2) говядина (*дословно*: говяжье мясо); 3) баранина; 4) битая птица (*дословно*: резаные птицы); 5) имеется в продаже; 6) главным образом; 7) треска; 8) копчёный; 9) = און אנדערע — и другие; 10) говяжий жир; 11) свиное сало; 12) колбаса; 13) столовая колбаса; 14) цветная капуста; 15) квашеная капуста; 16) соленые огурцы; 17) топленое молоко; 18) творог; 19) покупатель; 20) хотя.

Упражнения:

1) Сравните сочетания:

שטענדיק איז צו קריגן געפרוירענע פיש; אף די פּאליצעס **איז צו זען** בלעכענע פושקעלעך מיט פיש־קאָנסערוון.

Как перевести выделенные сочетания?

2) Впишите в ваш словарик названия продуктов, встречающиеся в тексте 6, если до этого вы их не знали.

3) Следующий разговор переведите письменно на еврейский язык:

— Где вы завтракаете, обедаете и ужинаете? — Я завтракаю и ужинаю дома, а обедаю в столовой нашего завода. — Что подают у вас к завтраку, к ужину? — К завтраку — кофе с молоком, хлеб с маслом, яичницу, иногда кашу — рисовую или манную; к ужину — жареную или фаршированную рыбу, молоко или чай, к чаю — сыр, белый хлеб, иногда печенье. — Что вы берете в столовой к обеду? — Салат, борщ или суп, на второе — котлеты или жаркое, потом компот или чай с печеньем.

Слова и словосочетания:

1) завтракать; 2) обедать; 3) ужинать; 4) завтрак; 5) обед; 6) ужин; 7) столовая; 8) кофе; 9) яичница; 10) иногда; 11) рисовая каша; 12) манная каша; 13) фаршированная рыба; 14) борщ; 15) суп; 16) на второе; 17) жаркое.

Их перевод:

1) עסן פרישטיק, פרישטיקן; 2) עסן מיטיק, מיטיקן; 3) עסן וועטשערע [אונטערבייסן]; 4) פרישטיק ם ־ן; 5) מיטיק ם ־ן; 6) וועטשערע וו ־ס; 7) גאָרקיך וו ־ן; 8) קאווע וו; 9) פרעושעניצע וו ־ס [פאנקוכן ם ־ס]; 10) אמאָל; 11) רייזקאשע וו ־ס [א קאשע פון רייז]; 12) מאנע־קאשע וו ־ס [א קאשע פון מאנע־גריפּלען]; 13) געפילטע פיש; 14) באָרשט ם ־ן; 15) זופּ ם ־ן; 16) דאָס צווייטע געריכט; 17) ראָסלפלייש ם ־ן.

Переведите устно на русский язык:

טעקסט נומער 7.

ב. אין אן אוניווערמאג

אפן ראָג פון אונדזער גאס איז דאָ ניט לאנג אויסגעבויט א צווייסטאָקיקער, א באַגלאָזטער פון אויבן ביז אראָפּ אוניווערמאג, אן אוניווערסאלער מאגאזין. ער האנדלט מיט אינדוסטריעלע סכוירעס. כמעט עפּעסוואָרג, קאָנט איר דאָ קריגן אלץ, וואָס ס'איז נייטיק צום לעבן. גאנצע 15 סעקציעס האָט דער אוניווערמאג. אין יעדער סעקציע אין מיט גרויסע אויסיעס אויפגעשריבן איבער דער גאנצער וואנט, מיט וואָס זי האנדלט. מיר לייענען אזעלכע אויפשריפטן: „האלבאַשע", „שוכוואַרג", „צעלניק" (גאלאנטעריי), „צייגן", „קאנצעליארישע ארטיקלען", „ביכער", „טעלעוויזאָרס און ראַדיאָ־אויפנעמערס", „עלעקטרישע מאכשירים", „בעמישע סכוירעס", „געפעס", „רייזע־ארטיקלען, מאטאָגעס, סוווענירן", „הויזווירטשאפטלעכע סכוירעס", „ספּאָרטיווע ארטיקלען", „מוזיק", „שפּילכלעך".

די גרעסטע סעקציע איז די ערשטע. זי פארנעמט א האלב פונעם אייבערשטן שטאָק. דאָ פארקויפט מען מענער־קליידער — אנצוגן (קאָסטיומען), ווינטער־מאנטלען, זומער־מאנטלען, דעמיסעזאָנע מאנטלען, אויך — באזונדער — הויזן, פּידזשאַקעס פון אלערליי פאסאָנען; דאמען־קליידער. אין דער דאָזיקער סעקציע איז שטענדיק טומלדיק. בא די קאסעס שטייען דאָרט אָפט לאנגע רייען, באזונדערס — אין די שאבעסדיקע טעג.

אין אייניקע סעקציעס פונעם אוניווערמאג וועט מען איינגיכן איינפירן זעלבסטבאדינונג. דאָס וועט פארלייכטערן די ארבעט פון די פארקויפער, און דאָס וועט זיין באקוועמער אויך פאר די קוינים.

(Слова и их перевод — в следующем номере)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

Слова и словосочетания:

1) ראָג ם ־ן; 2) באַגלאָזטער; 3) אָס ם (אויסיעס); 4) האַלבאַשע; 5) צײַג ז ־ן; 6) מאַכשיר ם (מאַכשירים); 7) רײַזע ו ־ס; 8) רײַזע־אַרטיקלען; 9) הויזווירטשאַפטלעכע סכוי־רעס; 10) הויזן; 11) טומלדיק; 12) ריי ו ־ען; 13) אײַנפירן; 14) זעלבסטבאַדינונג ו; 15) פאַרלײַכטערן; 16) באַקוועם.

Их перевод:

1) угол; 2) остеклённый; 3) буква; 4) одежда; 5) ткань; 6) прибор; 7) путешествие; 8) туристские принадлежности; 9) хозяйственные товары; 10) брюки; 11) шумно; 12) очередь; 13) ввести; 14) самообслуживание; 15) облегчить; 16) удобно.

Упражнения.

1) Образуйте имена прилагательные по данным образцам:

а) צוויי שטאָק — צווייִשטאָקיקער; זעקס יאָר — ?; פיר בענד (четыре тома) — ?; דרײַ מאָל — ?; זיבן שאָ — ?; צען מינוט — ?.

б) פיר וואָכן — פירוואָכיקער; דרײַ זײַטן — ?; פיל אויגן — ?; צוויי טראָפּן (два слога) — ?.

в) פיר צימערן — פירצימערדיקער; זעקס ווינקלען — ?; דרײַ כאַראָשים — ?; אַכט בלעטער — ?.

2) Образуйте имена прилагательные, указывающие на материал, из которого сделан предмет, — по образцам:

а) וואָל (шерсть) — וואָלענער; לײַן (лён) — ?; בלײַ (свинец) — ?; צין (олово) — ?; הויט — ?; שטרוי (солома) — ?; פּאַפּיר — ?; בלעך — ?.

б) רינד — רינדער — רינדערנער; שטיין — שטיינער — ?; גלאָז — גלעזער — ?; קאַלב — קעלבער — ?.

3) Образуйте антонимы (слова с противоположным значением):

לאַנגער — קורצער; אויבן — ?; פינצטערער — ?; אייבערשטער — ?; פאַרקויפן — ?; אַרײַנגיין — ?; אַרײַנגאַנג — ?; רעכטס — ?; הייסער — ?.

4) Исправьте вкравшуюся ошибку: в № 1 (1973) на стр. 192, среди упражнений, два примера из пункта б перемещены в пункт в. Какие именно?

Уясните себе содержание следующих пословиц:

טעקסט נומער 8.

1) אַז ס'איז דאָ ברויט איז שטוב, זײַנען אַלע זאַט. 2) פון ברויט און קרויט ווערן די באַקן רויט. 3) פון אַלע מילכיקע מײַכאָלים איז דאָס בעסטע אַ שטיקל פלייש. 4) צו הערינג באַדאַרף מען ניט קיין זאַלץ און צו גריוון — קיין שמאַלץ. 5) כריין איז גוט פאַר די ציין און יויך פאַרן בויך. 6) צו באָרשטש דאַרף מען ניט האָבן קיין ציין. 7) אַז ס'איז ניטאָ קיין פיש, איז הערינג אויך פיש. 8) אַז מע נעמט אַראָפּ די סמעטענע, בלײַבט די זויערמילך. 9) אַז אַן אָרעמאַן עסט אַ הון, איז קראַנק אָדער ער, אָדער די הון. 10) געפּרעגלט אין האָניק איז רעטעך אויך אַ מײַכל. 11) דער ערשטער קוילעטש איז טאָמיד מיט אַ כיסאָרן. 12) ערשט פונעם דריטן בייגל ווערט מען זאַט. 13) בעסער צו עסן הינערשע יויך מיט הילצערנע לעפל, איידער קרופּניק מיט זילבערנע לעפל. 14) פאַר אַ הונגעריק בײַכל איז קירבעס אויך אַ מײַכל. 15) ציבעלע מיט קנאָבל זײַנען לײַבלעכע ברידער. 16) אַ מאָגן איז ווי אַ וואָגן: וואָס מע זאָל ניט אַרײַנלייגן, מוז ער פאַרטראָגן. 17) בעסער טראָגן די וואָכעדיקע קליידער אום יאָמטעוו איידער די יאָמטעוודיקע קליידער אינדערוואָכן. 18) אַ שקאָרפּעטקע איז קיין בעגעד ניט. 19) קליידער מאַכן לײַט און לײַט מאַכן קליידער. 20) צווישן אַלע שוסטערס איז דער בעסטער שנײַדער יאָסל דער סטאָליער: ער מאַכט אַ היטל, ליגט עס אָפּן קאָפּ, ווי אַ הענטשקע.

Слова и словосочетания:

1) מײַכל ז (מײַכאָלים); 2) גריוו ו ־ן; 3) יויך ו ־ן; 4) אַראָפּנעמען (איך האָב אַראָפּגע־נומען); 5) זויערמילך; 6) קוילעטש ם ־ן; 7) טאָמיד; 8) כיסאָרן ם (כעסרוינעס); 9) ערשט; 10) בויך ם (בײַכער); 11) קירבעס ם; 12) לײַבלעכער; 13) מאָגן ם ־ס; 14) וואָגן ם (וועגנס,

וועגענער); 15) פּאַרטראָגן (איך האָב פאַרטראָגן); 16) וואָכעדיקער; 17) יאָמטעוודיקער;
18) בעגעד ם (בגאָדים); 19) לײַט; 20) מאַכן פאַר אַ לײַט; 21) הענטשקע.

Их перевод:

1) блюдо, пища, еда; 2) шкварка; 3) бульон; 4) снять; 5) простокваша; 6) калач; 7) всегда; 8) недостаток; 9) лишь; 10) живот; 11) тыква; 12) кровный, родной; 13) желудок; 14) воз; 15) вынести, стерпеть; 16) будничный; (об одежде) носильный; 17) праздничный, нарядный; 18) одежда, предмет одежды; 19) люди; 20) сделать человеком; *здесь:* придавать приличный вид; 21) перчатка, рукавица.

Упражнения.

1) Сравните предложения:

а) אַז ס'איז דאָ ברויט, זײַנען אַלע זאַט.
ו, וּ	ו	у	вов	װאָװ	6	בוקסיר, באַמבוק. קאַראַול. בורזשוי
וי	וי	ой	вов-йуд	װאָװ־יוד	—	רוים (ройм) Рим ;[illegible]
װ	װ	в	цвей вовн	צװײ װאָװן	—	װאַטע, אוואַנגאַרד, קאַרנאַװאַל
ז	ז	з	заен	זײַען	7	גאַז, זאַלאַג, האָריזאָנט, דעװיז
זש	זש	ж	заен-шин	זײַען־שין	—	זשעטאָן, זשורנאַל, עטאַזש, לאָזשע
ח	ח	х	хес	כעס	8	חלה (כאַלע) хала ,חכמה (כאָכמע) хохма
ט	ט	т	тэс	טעס	9	טוריסט, טואַלעט, לאַזאַרעט, טורמע
טש	טש	ч	тэс-шин	טעס־שין	—	טשוגון чугун ,טשעמאָדאַן ,מאַטש
י, יִ	י	и, й	йуд	יוד	10	יאָד йод ,יאַנואַר, װיזיט, טשעמפּיאָן
יי	יי	эй	цвей йуди	צװײ יודן	—	באַסײן, װאָלײבאָל, לאָטערײ, פּײזאַזש
ײַ	ײַ	ай	цвей йуди мит а пасех	צװײ יודן מיט א פּאַסעך	—	טראַמװײַ, בײַדאַרקע, דײַטש немецкий
כ, ך	כ, ך	х	хоф, ланге хоф	כאָף, לאַנגע כאָף	20	כאַלע, כאַלאַט, כומאַר, באַכראַך Бахрах
ל	ל	л	ламед	לאַמעד	30	לאַזאַרעט, באַלאַסט, װאָקזאַל, װאָלײבאָל
מ, ם	מ, ם	м	мем, шлосмем	מעם, שלאָסמעם	40	מאַטיװ, לאָקאָמאָטיװ; כאַם, בראַם
נ, ן	נ, ן	н	нун, ланге нун	נון, לאַנגע נון	50	נאָטע нота ,גאַרבע ,טשעמאָדאַן
ס	ס	с	самех	סאַמעך	60	ספּאָרט, סקוטער, טוריסט, ביסקוויט
ע	ע	э, е	аен	אײַען	70	עטאַזש, עלעמענט, עקזאַמען, ענטוזיאַזם
פּ	פּ	п	пей	פּײ	80	פּאַרט, ספּאָרט, אָפּעראַטאָר, פּעראָן
פֿ, ף	פֿ, ף	ф	фей	פֿײ	—	פֿראַנט, פֿראַנס, פֿראַק; שאַרף, טוף
צ, ץ	צ, ץ	ц	цадик, ланге цадик	צאַדיק, לאַנגע צאַדיק	90	צירק, צען, קאָנצערט, טאַנץ танец
ק	ק	к	куф	קוף	100	קאָנצערט, קאָנקורענט, קאָנקורענץ
ר	ר	р	рейш	ריש	200	רעמאָנט, רעסורס, פּראָפּעראַנס
ש	ש	ш	шин	שין	300	שטאָב, שעף, שאַרף, פּאַראַשוט
שׂ	שׂ	с	син	סין	—	שׂמחה (סימכע) радость שׂטן (סאָטן) сатана
תּ	תּ	т	тов	טאָװ	400	תּלמוד (טאַלמוד) талмуд
ת	ת	с	сов	סאָװ	—	אמת (עמעס) правда

Доцент Э. Фалькович

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

אינטערנאַציאָנאַליזמען

אין ייִדיש און אין רוסיש זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער[1]:

1) פֿון גריכיש[2]: אַקאַדעמיע, גימנאַזיע, טעאָריע, היסטאָריע, גראַמאַטיק[3], פֿיזיק[4], מאַטעמאַטיק[5], ביבליאָטעק, קאַטאַלאָג, מאָנאָלאָג, טעאַטער, דראַמע, טראַגעדיע, פּאָעט, טיפּ, כאַראַקטער, טעראַפּעווט, כירורג, קריזיס, אַנאַליז, מאָנאַרכיע, אַנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע...

2) פֿון לאַטייִן[6]: אינסטיטוט, קורס, קאָנקורס, רעקטאָר, פּראָפֿעסאָר, דאָצענט, אַספּיראַנט, עקזאַמען, קאָלאָקוויום, ליטעראַטור, אָפּעראַציע, אַפּאַראַט, קליענט, טעמפּעראַטור, אַקט, אַקטיוו, קאָמבינאַציע, אַמביציע, פֿאָרמע, ליניע, פֿיגור, גענעראַל, מאַיאָר, קאַלענדאַר, פֿאַמיליע, ציסטערנע...

3) פֿון פֿראַנצייזיש[7]: רעסטאָראַן, סערוויז, לימאָנאַד, באָקאַל, גאַרדעראָב, סעזאָן, מאָדע, טואַלעט, זשילעט, קאָמבינעזאָן, עקספּלואַטאַציע, סאַבאָטאַזש, מאַנעזש, קאָמאַנדע, קאָמונע, קאָמונאַר, פּאַרטיזאַן, זשורנאַל, ראָמאַן, ראָמאַנס, ראָיאַל, עקראַן, אַבאַזשור, אַדרעס...

4) פֿון איטאַליעניש[8]: קאָנסערוואַטאָריע, אָפּערע, קאָנצערט, קוואַרטעט, באַס, טענאָר, ווירטואָז, מאַעסטראָ, קאַרנאַוואַל, פּאַיאַץ, אַרלעקין, קאָמעדיאַנט, דילעטאַנט, קאָלאָנע, קאַרקאַס, באַלקאָן, קאָרעטע, קאַרטאָן, טראַפּארעט, קאַריקאַטור, פּראָפֿיל, קאָמפּאַס, נאָוועלע, בראַוואָ...

5) פֿון ענגליש[9]: וואָקזאַל, וואַגאָן, רעלס, טראַמוויי, טאַנק, קאָמבײַן, באַלאַסט, טונעל, טרעסט, קאָנצערן, מאָלעסקין, דזשעמפּער, קאָמיטעט, מיטינג, קלוב, סקווער, קאָמפּאָרט, קלאָון, פֿאָלקלאָר, באַר, ספּאָרט, ספּאָרטסמען, פֿוטבאָל, וואָלייבאָל, באָקס, מאַטש, פֿיניש, טשעמפּיאָן...

און פֿון אַ סאַך אַנדערע שפּראַכן[10]. פֿון העברעיִש[11] זײַנען אין ייִדיש פֿאַראַן טויזנטער[12] ווערטער. אויך[13] אין רוסיש זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך העבראַיִזמען[14].

Перевод: 1) в идише и в русском (языке) имеется много интернациональных слов; 2) с греческого; 3) грамматика; 4) физика; 5) математика; 6) с латинского; 7) с французского; 8) с итальянского; 9) с английского; 10) и со многих других языков; 11) с древнееврейского (иврит); 12) тысячи; 13) также; 14) гебраизмы — ивритские слова, напр.: бегемот, геена (ад), пасха, сатана, суббота, шабаш, Талмуд, талмуд, хала, хохма, юбилей и др. В идише эти гебраизмы произносятся следующим образом:

בהמות, גיהנום (געהענעם), פּסח, שׂטן, שבת, תּלמוד, חלה, חכמה, יובֿל (יובילײ).

Служебные слова — הילפֿווערטער

В идише служебные слова употребляются чаще, чем в русском, напр.:

Сегодня концерт — הײַנט איז אַ קאָנצערט
Моя мама пианистка — מײַן מאַמע איז אַ פּיאַניסטקע

Слово איז — от глагола זײַן (быть) — показывает: 1) настоящее время; 2) 3-е лицо; 3) единственное число. Этот глагол спрягается следующим образом:

קעגנוואַרט[1]	פֿאַרגאַנגענהייט[8]	צוקונפֿט[10]
1. איך בין דאָ[2]	איך בין געווען[9]	איך וועל זײַן[11]
2. דו ביסט „[3]	דו ביסט „	דו וועסט „
3. ער, זי איז דאָ[4]	ער, זי איז „	ער, זי וועט „
4. מיר זײַנען „[5]	מיר זײַנען „	מיר וועלן „
5. איר זײַט „[6]	איר זײַט „	איר וועט „
6. זיי זײַנען „[7]	זיי זײַנען „	זיי וועלן „

Перевод: 1) настоящее время; 2) я здесь; 3) ты здесь; 4) он, она здесь; 5) мы здесь; 6) вы здесь; 7) они здесь; 8) прошедшее время; 9) я был; 10) будущее время; 11) я буду.

נעכטן[1] בין איך געווען אין קלוב. היינט וועל איך זיין אין טעאטער. אין צירק וועל איך זיין מארגן[2] אדער איבערמארגן[3]. מיין טאטע איז א פידלער[4]. מיין ברודער[5] וועט אויך[6] זיין א מוזיקאנט.

Перевод: 1) вчера; 2) завтра; 3) или послезавтра; 4) мой отец скрипач; 5) мой брат; 6) тоже.

ארטיקל „א", „אן"

Служебное слово א (артикль) показывает *неопределенность* и единственное число существительного. Перед гласным и дифтонгом *неопределенный артикль* имеет форму אן, напр.:

א מענטש[1], א ייד[2], א יובילי, א יאר[3],
א האטעל[4], א הימל[5], א האריזאנט.

אן אינסטיטוט, אן אימיגראנט, אן עמיגראנט,
אן אויג[6], אן אויער[7], אן אייזל[8], אן אייגל[9]

א גאסט קומט אף א וויל און זעט אף א מייל[10].
בעסער א האן אין האנט, אײדער אן אדלער אין הימל[11].

Перевод: 1) человек; 2) еврей; 3) год; 4) отель, гостиница; 5) небо; 6) глаз; 7) ухо; 8) глазок; 9) осёл; 10) гость приходит на короткое время и видит далеко (на милю); 11) лучше петух в руке, чем орел в небе.

При существительном во множ. числе неопределенный артикль не употребляется, напр.:

היינט וועט זיין א קאנצערט — היינט וועלן זיין קאנצערטן.
מיין ברודער איז א מוזיקאנט — מיינע ברידער זיינען מוזיקאנטן.

ארטיקל „דער", „די", „דאס"

היינט קומט א גאסט. דער גאסט וועט דא זיין א וואך[1].

При *определенном* существительном употребляются следующие артикли:

1) דער: דער טאטע, דער ברודער, דער קאנצערט, דער פיאניסט... — מענלעכער מין[2].
2) די: די מאמע, די מוזיק, די פיגור, די האנט[3], די צונג[4]... — ווייבלעכער מין[5].
3) דאס: דאס קינד[6], דאס יאר, דאס אויג, דאס מויל[7], דאס וואסער[8]... — נייטראלער מין[9].

а во множественном числе — артикль די, напр.:

די טאטעס, די מאמעס, די קינדער, די יארן, די אויגן, די מיילער...

Перевод: 1) неделя; 2) мужской род; 3) рука; 4) язык; 5) женский род; 6) дитя, ребенок; 7) рот; 8) вода; 9) средний (нейтральный) род.

מיך רופט מען[1] זאלמען,
דער טאטע הייסט[2] קאלמען,
דער ברודער הייסט זארעך,
דער זיידע[3] הייסט בארעך,
די מאמע הייסטביילע.

די שוועסטער[4] הייסט קיילע.
מיין פערדל[5] הייסט סירקע,
מיין קעצל[6] הייסט מירקע.
די באבע[7] הייסט יאכע —
די גאנצע מישפאכע[8]

Перевод: 1) меня зовут; 2) отца зовут (отец называется); 3) дед(ушка); 4) сестра; 5) лошадка; 6) кошечка; 7) бабушка; 8) вся семья.

При существительном с прилагательным артикль ставится перед прилагательным, напр.:

א פידלער — א גוטער פידלער; אן אינסטיטוט — א ליטעראַרישער אינסטיטוט; דער ברודער — דער עלטערער[1] ברודער; די שוועסטער — די עלטערע שוועסטער; די מישפאכע — די גרויסע[2] מישפאכע; דאס קינד — דאס ערשטע[3] קינד.

בע׳סטער אן אל׳טער טאָפּ, איידער א נײ׳ער שארבן[4].
בעסער א גוטער סוי׳נע, איידער א שלע׳כטער פריינט[5].
בעסער א גוטער שכן[6], איידער א שלעכטער קאָ׳ירעוו[7].

Перевод: 1) старший; 2) большая; 3) первое (первая, первые); 4) лучше старый горшок, нежели новый черепок; 5) лучше хороший (добрый) враг, чем плохой (злой) друг; 6) сосед; 7) родственник.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן[1], אז דער טאטע און דער פעטער בעניע זיינען ברי־דער. דער טאטע — א הויכער, א דארער[2], דער פעטער בעניע — א קורצער, א גראָבער[3], דער טאטע — א שווארצער[4], דער פעטער בעניע — א געלער[5]; דער טאטע — א מאָרע־שכוירע־דיקער, א שווייגער[6], דער פעטער בעניע — א פריילעכער, א רעדנער[7]. טאָג מיט נאַכט[8], זומער און ווינטער[9] — און דאָך אייגענע ברידער[10] (ש א ל ע ם־א ל ײ כ ע ם).

Перевод: 1) никто в мире не скажет; 2) высокий, худой; 3) короткий (низкий), толстый; 4) черный, брюнет; 5) желтый, рыжий; 6) меланхолический, молчаливый; 7) весёлый (весельчак), говорун; 8) день с ночью; 9) лето и зима; 10) и всё же родные («собственные») братья.

ארטיקל „קיין“

Артикль קיין — отрицательный — ставится при существительном вместе с частицей ניט (не), напр.:

איך האָב א טינ׳טער[1] — איך האָב ניט קיין טינט[2].
איך האָב טינט — איך האָב ניט קיין הענ׳טל[3].
איך האָב א הענטל — איך האָב ניט קיין פען[4].
איך האָב א פען — איך האָב ניט קיין פאפי׳ר[5].

א׳רעמקייט איז נישט (ניט) קיין שאַנד, נאָר א מאַ׳קע[6] (פע׳רעץ).
קרעפ׳לעך אין כאַ׳לעם זיינען ניט קיין קרעפלעך, נאָר א כאַלעם[7].
צו הערינג[8] דארף מען ניט קיין זאלץ[9] און צו גריוון (גריבענעס)[10] קיין שמאלץ[11].
איך האָב ניט קיין פיס און גיי[12]. איך האָב ניט קיין מויל און צייל[13]. איך האָב ניט קיין האנט און שלאָג[14] (א זיי׳גער)[15].

Перевод: 1) (я имею) у меня есть чернильница; 2) чернила; 3) ручка; 4) перо (для письма); 5) бумага; 6) бедность — не стыд, а напасть (болячка); 7) пельмени во сне — не пельмени, а сон; 8) к селедке; 9) не требуется соль; 10) к шкваркам; 11) сало, смалец 12) (я не имею) у меня нет ног, а хожу; 13) а считаю; 14) у меня нет руки, а бью; 15) часы.

קרעפלעך אין כאָלעם זיינען ניט
קיין קרעפלעך, נאָר אַ כאָלעם
צו הערינג דאַרף מען ניט קיין זאַלץ
און צו גריוון (גריבענעס) קיין שמאַלץ

Присмотритесь к начертанию букв и перепишите эти фразы. Буквы ל ף ץ ש начинайте снизу, остальные — сверху.

דאָצענט ע. באַלאָוויטש

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Склонение существительных в единственном числе

Падеж	Имя собственное одушевленное	Нарицательные			בייגפארמע
		мужской род	средний род	женский род	
Именительный	מוישע	דער מאן[1]	דאס קינד	די פרוי[2]	נאָמינאַטיוו
Винительный	מוישען	דעם מאן	דאס קינד	די פרוי	אַקוזאַטיוו
Дательный	מוישען	דעם מאן	דעם קינד	דער פרוי	דאַטיוו
Притяжательный	מוישעס	דעם מאנס	דעם קינדס	דער פרויס	פּאָסעסיוו

В *винительном* падеже («аккузатив») в основном употребляется прямое дополнение, а иногда обстоятельства времени, напр.:

איך שיק [3] דעם ברודער, די שוועסטער, דאס קינד אהיים[4]. איך אַרבעט[5] דעם טאָג[6] (און די נאכט)[7] זייער א סך[8].

Перевод: 1) муж, мужчина; 2) жена, женщина; 3) посылаю; 4) домой; 5) работаю; 6) в этот день; 7) и в эту ночь; 8) очень много.

В *дательном* падеже («датив») употребляется косвенное дополнение. Существительное в дательном падеже с предлогом может иметь различные значения, напр.:

איך קויף[1] דעם ברודער, דער שוועסטער, דעם קינד ביכער[2]. (ביכער — אקוזאטיוו). איך גיי מיט[3] דעם ברודער, מיט דער שוועסטער, מיט דעם קינד שפּאַצירן[4]. איך דערצייל[5] זיי[6] וועגן דער מילכאָמע[7] און וועגן דעם זיג[8] פון דער סאָוועטישער אַרמיי[9].

Перевод: 1) покупаю; 2) книги; 3) с; 4) гулять, совершать прогулку; 5) рассказываю; 6) им; 7) о войне; 8) и о победе; 9) Советской армии.

Существительное в *притяжательном* падеже (посессив) соответствует русскому существительному в родительном падеже и русскому притяжательному прилагательному, напр.:

דער באָבעס שטוב איז אין מינסק.

Перевод: дом бабушки (бабушкин дом) в Минске.

Имена собственные одушевленные в притяжательном падеже множественного числа также принимают окончание ־ס, напр.:

די קינדערס באָבע הייסט יאַכע.

Притяжательным падежом глагол не управляет, напр.:

שאָלעם־אַליי״כעמס ווערק[1] זײַנען אין אַלמער[2]. איך לייען[3] שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. איך האָב גרויס האַנאָ״ע[4] פון[5] שאָלעם־אַלייכעמס ווערק.

Перевод: 1) сочинения Шолом-Алейхема; 2) (находятся) в шкафу; 3) читаю; 4) большое удовольствие, наслаждение; 5) от, с.

Имена собственные одушевленные в ряде случаев в винительном и дательном падежах единственного числа принимают окончание не ן .ען, напр.:

זאלמען, שאָלעם און ראָכל זײַנען דאָ. איך רוף זאלמענען, שאָלעמען און ראָכלען גיין שפּאַצירן. איך דערצייל זאלמענען, שאָלעמען און ראָכלען וועגן דער מילכאָמע.

די ווערטער מ א מ ע, מ ו מ ע, ב א ב ע זײַנען אין דאַטיוו דער מאַמען, דער מומען, דער באָבען. די ווערטער ט א ט ע, ז ײ ד ע, י ו ד, מ ע נ ט ש זײַנען אין אקוזאטיוו און אין דאַטיוו דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם ייִדן, דעם מענטשן; און אין פּאָסעסיוו — דעם טאַטנס, דעם זיידנס, דעם ייִדנס, דעם מענטשנס.

איך רוף דעם טאַטן, דעם זיידן...; איך גיי מיט (צו) דעם טאַטן, מיט דער מאַמען...; איך לייען[2] דעם טאַטנס (דער מאַמעס) א דערציילונג[3].

אַלע מענטשן[4] זײַנען ברידער — פון איין טאַטן, פון איין מאַמען (פּערעץ).

א סובסטאַנטיוו[5] נאָך א פּרעפּאָזיציע[6] איז אין דאַטיוו. א פּרעפּאָזיציע קומט אָפט[7] איינגענעם[8] מיטן אַרטיקל „דעם": מיט דעם=מיטן; אויף דעם=אויפן; צו דעם=צום; אין דעם=אינעם; פון דעם=פונעם. איך גיי מיטן טאַטן צום זיידן. דאָס האַרץ[9] זעט[10] בעסער פונעם אויג.

Перевод: 1) тётя; 2) читаю; 3) рассказ; 4) все люди; 5) существительное; 6) после предлога; 7) часто; 8) вместе; 9) сердце; 10) видит.

פערזאניקע פראנאמען[1]

ביגפארמע	איינצאל[2]	מערצאל[3]	פונקציע[4]
נאמינאטיוו	איך דו ער זי עס[5] (דאס)	מיר איר זיי	סוביעקט[6]
אקוזאטיוו	מיך דיך אים זי עס (דאס)	אונדז אייך זיי	דירעקטער אביעקט[7]
דאטיוו	מיר דיר. אים איר עם (דעם)	אונדז אייך זיי	אומדירעקטער אביעקט[8]

Перевод: 1) личные местоимения; 2) единств. число; 3) множеств. число; 4) роль в предложении; 5) оно; 6) подлежащее; 7) прямое дополнение; 8) косвенное дополнение.

א פראנאם נאך א פרעפאזיציע איז אין דאטיוו.

איך רוף דיך אין שול. איך גיי מיט דיר צום טאטן. איך רייד[1] וועגן דיר (וועגן איר)[2] מיט דער מאמען. די מאמע שיקט מיט אונדז פאר אייך[3] ביכער[4].

זיי גייען צו אונדז[5]. איך זע זיי[6]. איך גיי צו זיי. איך גיי מיט זיי[7]. איך רייד צו זיי וועגן אייך. איך רייד מיט אייך וועגן זיי[8]. איך גיי מיט זיי צו אייך.

Перевод: 1) говорю; 2) о тебе (о ней); 3) для вас; 4) книги; 5) они идут к нам; 6) я их вижу; 7) иду с ними; 8) говорю с вами о них.

„בעסער שלאגט[1] מיך, נאר לאזט מיך לאכן[2] (אזוי זאגט[3] מאליער). און איך זאג[4]: שלאגט מיך ניט, איך וועל אלציינס לאכן[5], און פון מיין געלעכטער[6] וועט אייך מער[7] וויי טאן[8], ווי מיר[9] פון אייערע קלעפ[10] (ש א ל ע ם־א ל ײ כ ע ם).

Перевод: 1) бейте; 2) но дайте мне смеяться; 3) говорит; 4) а я говорю; 5) всё равно буду смеяться; 6) от моего смеха; 7) больше; 8) больно будет (сделается больно); 9) чем мне; 10) от ваших ударов.

פאסעסיווישע פראנאמען[1]

די ווערטער „מיין, דיין זיין, איר; אונדזער, אייער, זייער"[2] זיינען פאסעסיווישע פראנאמען. זיי האבן אזא סיסטעם פארמעס[3]:

1. מיין ברודער	מיין שוועסטער	מיין קינד — איינצאל.
2. מיינע ברידער	מיינע שוועסטער	מיינע קינדער — מערצאל.
3. ברודער מיינער	שוועסטער מיינע	קינד מיינס — איינצאל.
4. מיינער א ברודער[4]	מיינע א שוועסטער[5]	מיינס א קינד[6] — איינצאל.

Перевод: 1) притяжательные местоимения; 2) мой, твой, его, её, наш, ваш, их; 3) они имеют такую систему форм; 4) один из моих братьев; 5) одна из моих сестёр; 6) одно из моих детей.

מיין שכן איז מיינער א קארעוו. מיין שכיינע[1] איז מיינע א קרויווע[2]. אלע מיינע שכיינים[3] זיינען מיינע קרויווים. איך שיק מיין קינד (מיינע קינדער צו מיין כאווער[4] (כאווערטע)[5], צו מיינעם א כאווער, צו מיינער א כאווערטע. זי שיקט[6] איר(ע) קינד(ער) צו איר כאווער(טע), צו אירן א כאווער, צו אירער א כאווערטע. מיר שיקן[7] אונדזער(ע) קינד(ער) צו אונדזער כאווער(טע), צו אונדזערן א כאווער, צו אונדזערער א כאווערטע.

איך שיק מיינע (דיינע...) א שוועסטער אין שול. איך גיי מיט מיינער (דיינער, אירער, זייערער) א שוועסטער שפאצירן.

Перевод: 1) соседка; 2) родственница; 3) соседи; 4) товарищ; 5) товарка; 6) посылает; 7) посылаем.

מיין מישפאכע

מיין מאן איז בא זיינע עלטערן[1] איין זון[2] — א בעניאכיד[3]. איך בין בא מיינע עלטערן איין טאכטער[4] — א באסיעכידע[5]. אויך מיין מאמע איז א באסיעכידע. מיין מאן איז מיינע עלטערן אן איידעם[6]. איך בין מיין מאנס עלטערן א שנור[7]. מיין ברודערס ווייב איז מיר א שוועגערין[8]. מיין שוועסטערס מאן איז מיר א שוואגער[9]. מיין מאנס מוטער איז מיר א שוויגער[10]. זיין פאטער איז מיר א שווער[11]. מיין שוועסטערס מאנס פאטער איז מיר א מעכוטן[12]. דעם מעכוטנס ווייב איז מיינע א מעכוטענעסטע[13]. איך בין מיין זיידנס און מיין באבעס אן אייניקל[14]. מיין טאטנס (מיין מאמעס) ברודער איז מיר א פעטער[15]. מיין טאטנס (מיין מאמעס) שוועסטער איז מיר א מומע. דעם פעטערס און דער מומעס קינדער זיינען מיינע שוועסטערקינדער[16].

Перевод: 1) у своих родителей; 2) один сын; 3) единственный сын; 4) одна дочь; 5) единственная дочь; 6) зять; 7) сноха; 8) невестка; 9) шурин; 10) свекровь; 11) свёкор; 12) свойственник; 13) свойственница; 14) внучка (внук); 15) дядя; 16) двоюродные братья, двоюродные сестры.

איינצאָל און מערצאָל: טאַטע — טאַטעס; מאַמע־ס; זיידע־ס; באָבע־ס; ברודער — ברידער; שוועסטער(ס); כאָסן[1] — כאַסאַנים; קאַלע[2]־ס; מאַן — מענער, מאַנען; פרוי־ען; ווײַב[3]־ער; שוועגערין; שוועגער־ס; שוואָגער־ס; שוועגערין־ס; פעטער־ס; מומע־ס; זון — זין; טאָכטער — טעכטער; איידעם־ס; שנור — שניר; קינד־ער; אייניקל־עך; מעכוטן — מעכוטאָנים; מעכוטע־נעסטע־ס; כאַסענע[4]־ס; דאָס פּאָרפֿאָלק[5] — פּאָרפֿעלקער, פּאָרפֿאָלקן.

Перевод: 1) жених; 2) невеста; 3) жена; 4) свадьба; 5) супружеская пара.

— ווער איז דאָס ווײַבל?[1] — פרעגט אים איינער פון די אַקטיאָרן[2].
— דאָס איז מײַן ווײַבל, — ענטפערט[3] גויעך. — דו קענסט ניט[4] מײַן סאָרע־פערל? און דאָס זײַנען מײַנע קינדער.
— און דאָס?
— דאָס איז מײַן שוויגער[5].
— און די דאָזיקע?[6]
— דאָס איז מײַן ווײַבס א שוועסטערל[7].
— און ווער איז דער יונגערמאַן?[8]
— דאָס איז איר כאָסן[9].
— און ווער איז דאָס מיידל?[10]
— דאָס איז דעם כאָסנס א שוועסטער.
— און ווער איז דער באָכער?[11]
— דאָס איז דעם כאָסנס שוועסטערס א כאָסן.
— און ווער איז אָט דאָס מיידל?
— דאָס איז זײַן שוועסטער. דאָס הייסט[12], דעם כאָסנס שוועסטערס כאָסנס א שוועסטער
(ש אָ ל ע ם ־א ל יי כ ע ם. „דאָס נײַע קאַסרילעווקע“)[13]

Перевод: 1) кто эта женщина?; 2) спрашивает его один из актеров; 3) отвечает; 4) ты не знаешь; 5) тёща; 6) а эта?; 7) сестричка жены; 8) а кто этот молодой человек?; 9) это её жених; 10) а кто эта девушка?; 11) этот парень?; 12) то есть; 13) «Новая Касриловка».

<u>סינאָ'נימען, אַנטאָ'נימען, האָמאָ'נימען</u>

סינאָ'נימען[1]: דער טאַטע — דער פאָטער; די מאַמע — די מוטער; דער מוזיקאַנט — דער קלעזמער; דער סוינע — דער פײַנט; די מילכאָמע[2] — דער קריג; דער זיג[3] — דער ניצאָכן; די שפּראַך — דאָס לאָשן; די שאַנד — די כאַרפּע; די מישפּאָכע — די פאַמיליע — דאָס געזינד.

אַנטאָ'נימען[4]: דער סוינע — דער פרײַנט; די אָרעמקייט — די רײַכקייט; א גוטער — א שלעכטער; א פריילעכער — אַן אומעטיקער; א הויכער — א נידעריקער; א גראָבער — א דאַרער; א גרויסער — א קליינער; אַן אַלטער — א נײַער[5] (טאָפּ); אַן אַלטער — א יונגער[6] (מענטש); אַן עלטערער — א יינגערער; דער ערשטער — דער לעצטער[7].

האָמאָ'נימען[8]: ה יי ס ן; הייסט: דער טאַטע הייסט קאַלמען; ער הייסט[9] גיין אַהיים[10]. ז יי ן: איר וועט זײַן[11] אין זײַן[12] בריגאַדע. א י ר: איר וועט זײַן אין איר קאָמפּאַניע. ז יי ע ר אַרבעט איז זייער וויכטיק[13]. ז ו ן: דער זון[14] — די זון[15].

Перевод: 1) синонимы — слова, близкие, сходные по значению; 2) война; 3) победа; 4) антонимы — слова, противоположные по значению; 5) новый; 6) молодой; 7) последний; 8) омонимы — слова, одинаковые по звучанию, но различные по значению, напр.: брак, коса, лук и т. п.; 9) велит; 10) домой; 11) быть, будете; 12) в его; 13) важно, важна; 14) сын; 15) солнце.

איינצאָל און מערצאָל: מענטש־ן; ייד־ן; באָכער־ים; ווײַבל־עך; מיידל־עך; יונגערמאַן — יונגעלײַט; סוינע — סאָנים; קאָרעוו — קרויווים; גאַסט — געסט; כאַווער — כאַווייר־ים; כאַווערטע־ס; קלעזמער — קלעזמאָרים; מוזיקאַנט־ן; קאָפּ — קעפּ; האַרץ — הערצער; בויך — בײַכער; האַנט — הענט; פוס — פיס; אויג־ן; אויער־ן; נאָז — נעז(ער); מויל — מײַלער; צונג — צינגער, צונגען; אייגל־עך; הענטל־עך; פען־עס; דערציילונג־ען; כאָלעם — כאַלוימעס; קלאַפּ — קלעפּ; מאַקע־ס; טאָפּ — טעפּ; שאַרבן־ס; האָן — הענער; אָדלער־ס; כײַע־ס; כאַזער — כאַזיירים; קאַל — קוילעס; נאַכט — נעכט; יאָר־ן; הימל־ען.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

פּערזאָ'ניקער ווערב[1]

1. איך	זאָג[2]	ווײַז[3]	היט[4]	באָד[5]	עס[6]	מעסט[7]	האָב[8]	גיב[9]	זע[10]
2. דו	זאָגסט	ווײַזסט	היטסט	באָדסט	עסט	מעסט	האָסט	גיסט	זעסט
3. ער, זי, עס,	זאָגט	ווײַזט	היט	באָדט	עסט	מעסט	האָט	גיט	זעט
4. מיר	זאָגן	ווײַזן	היטן	באָדן	עסן	מעסטן	האָבן	גיבן	זעען
5. איר	זאָגט	ווײַזן	היט	באָדט	עסט	מעסט	האָט	גיט	זעט
6. זיי	זאָגן	ווײַזט	היטן	באָדן	עסן	מעסטן	האָבן	גיבן	זעען

איך גיס[11], דו, ער, זי, עס, איר גיסט, מיר, זיי גיסן; איך הוסט[12], דו, ער, זי ,עס, איר הוסט, מיר, זיי הוסטן; איך ריייד[13], מיר, זיי רייידן, דו רעדסט, ער, זי, עס, איר רעדט.

Перевод: 1) личный глагол (спрягаемые формы); 2) говорю; 3) показываю; 4) берегу, храню; 5) купаю; 6) ем (кушаю); 7) мерю, измеряю; 8) имею; 9) даю; 10) вижу; 11) лью; 12) кашляю; 13) говорю, разговариваю.

א פּערזאָניקער ווערב האָט די פלעקסיעס[1] „־סט“, „־ט“, „־ן“ אָדער „־ען“. די ערשטע פּערזאָן איינצאָל איז אָן א פלעקסיע[2] און איז די באַזע פונעם ווערב[3]. אָבער א סופיקס קאָן בא דער באַזע זײַן[4]. לעמאָ'של: איך רעמאָנטיר'ה[5] (סופיקס „־יר“), איך אָרגאַניזיר'ר (סופיקס — „־יזיר“), איך קלאַסיפיציר'ר (סופיקס „־יפיציר“), איך רייניק[6] (סופיקס „־יק“).

Перевод: 1) окончания; 2) без окончания; 3) основа глагола; 4) но суффикс может быть у основы; 5) ремонтирую (от существительного «ремонт»); 6) чищу (от наречия «рейн» — чисто).

די פלעקסיע „־ען“ איז בא ווערבן, וואָס זייער באַזע האָט צום סאָף די קלאַנגען[1]:

1) „מ“ אָדער „נ“: נעמ[2]־ען, קומ[3]־ען, שטימ[4]־ען; דינ[5]־ען, וווינ[6]־ען, וויינ[7]־ען, לערנ[8]־ען;

2) „נג“ אָדער „נק“: ברענג[9]־ען, זינג[10]־ען, קלינג[11]־ען, טרינק[12]־ען; שווענק[13]־ען, שענק[14]־ען;

3) „ל“, וואָס פאַר אים איז א קאָנסאָנאַנט[15]: האַנדל[16]־ען, זידל[17]־ען, טומל[18]־ען, מורמל[19]־ען;

4) אַן אַקצענטירטן וואָקאַל אָדער אַן אַקצענטירטן דיפטאָנג[20]: טו[21]־ען, רו[22]־ען, גיי־ען, שטיי[23]־ען, בוי[24]־ען, קײַ[25]־ען.

בא איניקע ווערבן[26] איז די פלעקסיע „־נען“: מיר, זיי האַרגע[27]־נען, כאַפּע[28]־נען, כאַסמע[29]־נען. די פּערזאָניקע ווערבן עפן[30], צייכן[31], רעכן[32], טריקן[33], וואָרן[34], באַוואָפן[35], אַנטוואָפן[36] זײַנען בא „מיר“ און „זיי“ — עפענען, צייכענען, רעכענען, טריקענען, וואָרענען, באַוואָפענען, אַנטוואָפענען.

Перевод: 1) окончание «-эн» бывает у личных глаголов, основа которых имеет в конце следующие звуки; 2) беру; 3) прихожу; 4) голосую; соответствую; 5) служу; 6) живу (в квартире), обитаю; 7) пла́чу; 8) у́чу; обучаю; 9) приношу; 10) пою; 11) звоню; звеню; 12) пью; 13) полощу; 14) дарю; прощаю; 15) звук «л» с согласным перед ним; 16) действую; торгую; 17) ругаю, браню; 18) шумлю; 19) бормочу; 20) ударный гласный или ударный дифтонг; 21) делаю; 22) отдыхаю; 23) стою; 24) строю; 25) жую; 26) у некоторых глаголов; 27) бью, убиваю; 28) льщу; 29) подписываю; 30) открываю; 31) черчу; 32) считаю; 33) сушу; 34) предупреждаю, предостерегаю; 35) вооружаю; 36) разоружаю.

איך נעם, וואָס[1] ער גיט (זיי גיבן) מיר. מיר נעמען, וואָס ער גיט (זיי גיבן) אונדז. א נאַר זאָגט, וואָס ער ווייסט[2]; א קלוגער[3] ווייסט, וואָס ער זאָגט. יעדערער[4] נאַר מיינט[5], אַז ער איז קלוג. אַז עס ברענט באַם (בא דעם) שאָכן[6], ביסטו (ביסט דו) אויך אין א סאַקאָנע[7]. דו גייסט הײַנט אין טעאַ'טער? — יאָ[8], איך גיי. — און מאָרגן גייסטו (גייסט דו) אויך? — ניין[9], מאָרגן אַרבעט איך שפּעט[10].

ווו שטייסטו (שטייסט דו)? — אויף דער גאַ'ס[11]. — וואָס טרינקסטו? — עפּלקוואַס[12]. — וואָס עסטו? — בייגעלעך[13]. — וואָס קאָכסטו? [14] — פייגעלעך[15].

Перевод: 1) что; 2) глупец, дурак говорит, что́ он знает; 3) умный, умница; 4) каждый, любой; 5) думает, полагает; 6) когда горит сосед (у соседа); 7) опасность; 8) да; 9) нет; 10) работаю поздно; 11) на улице; 12) яблочный квас; 13) сушки, маленькие баранки; 14) ловишь; 15) птички.

מיט די פיס[1] גיי איך. אױף די פיס שטיי איך. מיט די הענט[2] נעם איך און גיב. מיט די אױגן זע איך. מיט די אױערן הער[3] איך. מיטן (מיט דעם) מױל רייד איך. מיט די ציינער[4] בײַס[5] איך. מיט די הענט און מיטן קאָפּ[6] טו איך זייער א סאך ארבעטן[8].

שרייבט אָן די פֿאריקע זאצן[9] אין מערצאל. דערנאָך[10] — אין דער צווייטער פערזאָן איינצאל.

Перевод: 1) ноги; 2) руки; 3) слышу, слушаю; 4) зубы; 5) кусаю; 6) голова; 7) работаю; 8) работы, дела́; 9) напишите предыдущие предложения; 10) затем.

דאָס וואָרט „ניט" קומט אין ײדיש נאָך דעם פערזאָניקן ווערב[1]: א בלינדער זעט ניט[2]. א טױבער הערט ניט[3]. א שטומער[4] רעדט ניט. א טױטע קו[5] גיט ניט קיין מילך[6]. און אַלע קאצן ניט קיין פליגן[7]. א הונט, וואָס בילט, בײַסט ניט[8]. עמעסע פרײַנט[9] כאַנפֿענען ניט. און אױשער האָט ניט קיין יױשער[10].

Перевод: 1) слово «нит» (не) ставится после личного глагола или поодаль; 2) слепой не видит; 3) глухой не слышит; 4) немой; 5) дохлая корова; 6) молоко; 7) мухи; 8) собака, которая лает, не кусает; 9) истинные друзья; 10) богач не имеет совести (справедливости).

פערזאָניקער ווערב — קעגנווארט[1] — פרעדיקאַ'ט[2]

א פערזאָניקער ווערב ווײַזט א טוונג[3] אין קעגנווארט. אין אין זאַץ[4] דער פרעדיקאַ'ט און שטימט מיטן סוביעקט אין פערזאָן און צאָל[5].

ניט ווײַט פונעם הױז, ווו איך וווין[6],
שטייט ער, דער זעלטענער בױם[7],
מיך טראָגן אהין מײַנע פיס[8],
און שטענדיק פון אים איך געניס[9]

(שיפרע כאַלאַדענקאַ).

Перевод: 1) настоящее время; 2) сказуемое; 3) действие; 4) предложение; 5) согласуется с подлежащим в лице и числе; 6) недалеко от дома, где (в котором) я живу; 7) редкое дерево; 8) меня несут туда мои ноги; 9) и постоянно им наслаждаюсь (вкушаю).

אלס א סוביעקט קומט אין ײדיש אָפט אן אומבאַשטימטער פראָנאָם „מען"[1]. לעמאָשל: א קראנקן פרעגט מען, א געזונטן גיט מען[2]. א קאץ שיקט מען ניט נאָך פוטער[3].

ווען דער אומבאַשטימטער פראָנאָם קומט פאַרן (פאר דעם) ווערב, זאָגט מען ניט „מען", נאָר „מע"[4]. לעמאָשל: אז מע זייט — וואַקסט[5]. אז מע האַקט האָלץ, פאלן (פליען) שפענער[6]. אז מע לאַכט[7], זעען אלע; אז מע וויינט, זעט קיינער[8] ניט. ווען מע עסט, רעדט מען ניט.

Перевод: 1) в качестве подлежащего в идише часто бывает неопределенное местоимение «мен»; 2) больного спрашивают, здоровому дают; 3) кошку не посылают за маслом; 4) при постановке этого местоимения перед глаголом оно произносится с усечением; 5) когда (если) сеют — растёт; 6) дрова рубят, щепки падают (летят); 7) когда смеются; 8) никто.

א פערזאָניקער ווערב איז אין זאַץ געווײנטלעך אױפן צווייטן ארט (דער צווייטער זאַצגליד)[1].

ריכטיק[2]

איך גיי הײַנט אין טעאַטער.
הײַנט גיי איך אין טעאַטער.
אין טעאַטער גיי איך הײַנט.

ניט ריכטיק

איך הײַנט גיי אין טעאַטער.
הײַנט איך גיי אין טעאַטער.
אין טעאַטער איך גיי הײַנט.

אין א זאַץ, וואָס איז געבונדן מיט א פֿאָריקן זאַץ, קומט דער פערזאָניקער ווערב אױפן ערשטן ארט[3]. לעמאָשל: ווען מע עסט, רעדט מען ניט. אז מע האַקט האָלץ, פליען שפענער. אז עס ברענט באַם שכן, ביסטו אױך אין סכּנה.

אויב דער זאַץ איז ניט געבונ׳דן מיט אַ פֿאָריקן און דער פּערזאָניקער ווערב איז אפן ערשטן אָרט, קומט פֿאַר אים אַ פּאַרטיקל „עס" אָדער „סע"[4]. לעמאָשל: עס (סע) רוישן די רעדער[5]. עס טראָגן מיך מײַנע פֿיס. עס גייט שוין אַ רעגן[6]. אָבער: די רעדער רוישן. מײַנע פֿיס טראָגן מיך. דער רעגן גייט שוין (אין די זאַצן איז שוין קיין „עס" ניטאָ). „עס" אָדער „סע" קומט אויך אין אַזעלכע פֿאַלן[7]: עס דונערט[8]. עס רעגנט[9]. עס טאָגט שוין[10].

Перевод: 1) обычно на втором месте в предложении (второй член предложения); 2) правильно, верно; 3) в предложении, связанном с предыдущим предложением, личный глагол находится на первом месте; 4) перед ним ставится частица «эс» или «сэ»; 5) колёса шумят; 6) уже дождь идет; 7) в таких случаях; 8) гремит; 9) дождит; 10) уже светает.

אַ ווערבאַלע באַזע (פֿון „איך") דינט אויך אַלס אַ באַפֿעל (פֿאַרלאַנג, באַקאַשע, דערלויבעניש)[1]. לעמאָשל: נעם די ביכער און גיי אַהיים[2]. רוף[3] מיך נאָר און גיב מיר לעקעך[4]. פֿרעג ניט דעם רופֿא[5] — פֿרעג דעם כוילע[6].

אין מערצאָל האָט די באַפֿעלפֿאָרמע אַ פֿלעקסיע — „ט": נעמט די ביכער און גייט אַהיים. רופֿט מיך נאָר און גיט מיר לעקעך. פֿרעגט ניט דעם רופֿא — פֿרעגט דעם כוילע.

אָבער: „בין" איז אַ פּערזאָניקער ווערב, און די באַפֿעלפֿאָרמע איז — „זײַ", „זײַט". איך בין בײַ די קינדער — זײַ, זײַט אויך בײַ די קינדער.

ווער זײַנען מיר?[7] בײַם לאַנד — די פֿרײַע היטער[8].
ווער זײַנען מיר? בײַם פֿאָלק — די טרײַע ריטער[9].
ווער זײַנען מיר? די שומרים פֿון די שענסטע גיטער[10].
זײַ פֿעסטער, פֿוס[11] זײַ, האַנט, בעניטער[12].
פֿאַרשטאָל זיך, לײַב, אין פֿלאַם־געוויטער[13]

(עזרא פֿינינבערג).

Перевод: 1) глагольная основа служит также в качестве повеления (желания, просьбы, дозволения); 2) домой; 3) зови; 4) медовый пряник; 5) не спрашивай у врача; 6) спроси больного; 7) кто мы есть (кто мы такие)?; 8) у страны — свободные хранители; 9) у народа — верные, преданные рыцари; 10) сторожа красивейших хозяйств (имений); 11) будь прочнее (устойчивее), нога; 12) будь, рука, опытнее; 13) закались, тело, в пламенной грозе.

די פּערזאָניקע ווערבן „דאַרף, וויל, זאָל, טאָר, טויג, מוז, מעג (מאָג), קאָן, קען, קער" זײַנען אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָל אָן דער פֿלעקסיע „ט". צו הערינג דאַרף מען ניט קיין זאַלץ און צו גריוון (גריבענעס) קיין שמאַלץ. מע דאַרף עסן, אָבער ניט פֿרעסן[1]. אַז מע דאַרף פֿײַער[2], זוכט מען עס אין אַש[3]. ווו מע דאַרף מוח[4], העלפֿט ניט קיין קויעך[5]. ווו מע דאַרף צוקער[6], טויג ניט קיין זאַלץ[7]. אויף אַ וווּנד[8] טאָר מען קיין זאַלץ ניט שיטן[9]. אַז מע קען ניט[10] — רעדט מען ניט. אַ קראַנקער מוז וויסן[11], וואָס ער מעג עסן און וואָס ער טאָר ניט[12]. זאָל זײַן מיט אַ געריכט ווייניקער, אַבי גיך[13]. עס קער שוין זײַן שפּעט[14]. אַז מע קאָן ניט, ווי מע וויל[15], מוז מען וועלן, ווי מע קאָן[16].

די אָנגעוויזענע ווערבן[17] („דאַרף, וויל, זאָל"...) קומען ניט אין דער באַפֿעלפֿאָרמע.

Перевод: 1) надо есть, но не жрать; 2) когда нужен огонь; 3) его ищут в золе; 4) где нужен ум; 5) сила не поможет; 6) сахар; 7) соль не годится; 8) рана; 9) нельзя сыпать соль; 10) если не знают; 11) больной должен (больному необходимо) знать; 12) что ему можно кушать и что нельзя; 13) пусть будет одним блюдом меньше, но (лишь бы) быстро; 14) вероятно (должно быть), уже поздно; 15) когда не могут (нельзя), как хотят; 16) следует хотеть по возможности; 17) указанные глаголы.

צוקונפט[1] און פאַרגאַנגענהייט[2]

צוקונפט			פאַרגאַנגענהייט			פילמאָליקע פאַרגאַנגענהייט[3]		
איך	וועל	קויפן, שיקן[4]	האָב	געקויפט,	געשיקט[5]	פלעג	קויפן,	שיקן[6]
דו	וועסט	" "	האָסט	"	"	פלעגסט	"	"
ער, זי, עס	וועט	" "	האָט	"	"	פלעגט	"	"
מיר	וועלן	" "	האָבן	"	"	פלעגן	"	"
איר	וועט	" "	האָט	"	"	פלעגט	"	"
זיי	וועלן	" "	האָבן	"	"	פלעגן	"	"

די סטרוקטור פון צוקונפט איז הילפֿווערב „וועל" (וועסט...) + אינפֿיניטיוו[7]. די סטרוקטור פון דער פילמאָליקער פאַרגאַנגענהייט איז הילפֿווערב „פלעג" (פלעגסט...) + אינפֿיניטיוו.

אַן אינפֿיניטיוו און אַ פּערזאָניקער ווערב בא „מיר" און „זיי" זײַנען ענלעך[8]: מיר, זיי אַרבעטן, לייענען — איך וועל (פלעג) אַרבעטן, לייענען. ניט ענלעך זײַנען פאָלגנדיקע אינפֿי־ניטיוון: „געבן, וויסן[9], וועלן[10], גיין, שטיין, טאָן (טון)[11], זען, געשען[12], זײַן". די פּערזאָניקע זײַנען: מיר, זיי גיבן, ווייסן, ווילן, גייען, שטייען, טוען, זעען, געשעען, זײַנען (זענען).

מיר ווילן וויסן, וואָס ווייסן זיי ניט. אויב זיי וועלן וועלן, וועלן זיי וויסן. מיר גיבן זיי דאָס, וואָס מיר האָבן. מיר וועלן זען, וואָס וועלן זיי אונדז געבן. מיר האָבן געגעבן, וואָס מיר האָבן געהאַט[13].

די סטרוקטור פון פאַרגאַנגענהייט איז הילפֿווערב „האָב" (האָסט...) אָדער הילפֿווערב „בין" (ביסט...) + פּאַרטיציפּ[14]. לעמאָשל: איך האָב געזען, איך בין געפאָרן[15]. בא אַ פּאַר־טיציפּ איז געוויינטלעך[16] פאַראַן אַ פּרעפיקס „גע" און אַ סופיקס „ט" אָדער „(ע)ן": געקויפט, געפאָרן, געקומען.

אַ סך פּאַרטיציפּן האָבן אַ קלאַנגענבײַט אינעם וואָרצל[17]. לעמאָשל: וויסן — איך האָב געוווּסט; וועלן — איך האָב געוואָלט; שטיין — איך בין געשטאַנען; גיין — איך בין געגאַנגען.

Перевод: 1) будущее время; 2) прошедшее; 3) многократное прошедшее; 4) куплю, пошлю; 5) купил, послал; 6) покупал, посылал; 7) инфинитив, «неопределенная форма» глагола; 8) похожи; 9) знать; 10) хотеть, желать; 11) делать; 12) совершаться, случаться; 13) что имели; 14) причастие, его функции в идише и в русском различны; 15) ехал; 16) обычно; 17) перегласовка в корне слова.

אַ וויגליד[1]

שלאָף, שלאָף, שלאָף![2]
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף[3],
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע[4],
וועט זײַן געזונט דאָס קעפּעלע[5].

שלאָף, שלאָף, שלאָף!
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע[6],
וועט זײַן געזונט דאָס פיסעלע[7].

ווײַטער גייען פאָלגנדיקע גראַמען[8]: און ענטעלע[9]... דאָס הענטעלע[10], אַ יױכעלע[11]... דאָס בײַכעלע[12], אַ פייגעלע[13]... דאָס אייגעלע[14], אַ העזעלע[15]... דאָס נעזעלע[16]... פאַראַן אויך אַזאַ וואַריאַנט: דער טאַטע וועט קומען פון דאָרף... וועט זײַן אַ געזונט אין קעפּעלע...

קענטעניש און פאַרגאַנגענהייט

מע זעט דאָס ניט, מע הערט דאָס ניט, מע שפּירט[17] דאָס ניט, מע נעמט דאָס ניט, נאָר לעבן קאָן מען אָן דעם ניט. וואָס איז דאָס? (לופט)[18]. מע האָט דאָס ניט געזען, מע האָט דאָס ניט געהערט, מע האָט דאָס ניט געשפּירט, מע האָט דאָס ניט גענומען, נאָר לעבן האָט מען ניט געקאָנט אָן דעם (אָדער: ...האָט מען אָן דעם ניט געקאָנט).

Перевод: 1) колыбельная песня; 2) спи; 3) поедет в деревню; 4) принесёт яблочко; 5) будет здорова головушка; 6) орешек; 7) ноженька; 8) далее идут следующие рифмы; 9) уточка; 10) ручонка; 11) супец (бульон) — ласкательное; 12) животик; 13) пташка; 14) глазёнки; 15) заинька; 16) носик; 17) ощущают; 18) воздух.

אף דעם גאַנעוו ברענט דאָס היטל[1] — אף דעם גאַנעוו האָט געברענט דאָס היטל.

דער, וואָס פרעגט[2], בלאָנדזשעט ניט[3] — דער, וואָס האָט געפרעגט, האָט ניט געבלאָנדזשעט.

ווו מע דאַרף צוקער, טויג ניט קיין זאַלץ — ווו מע האָט געדאַרפט צוקער, האָט ניט געטויגט קיין זאַלץ (האָט קיין זאַלץ ניט געטויגט).

א גאַסט קומט אף א ווײַל און זעט אף א מײַל — א גאַסט איז געקומען אף א ווײַל און האָט געזען אף א מײַל.

אז עס ברענט באַם שאַכן, ביסטו אויך אין א סאַקאַ'נע — אז עס האָט געברענט באַם שאַכן, ביסטו אויך געווען אין א סאַקאָנע.

ווען נייט[4] א שנײַדער[5] אומזיסט[6] ווען ער מאַכט[7] ניט קיין קניפל[8]. — ווען האָט א שנײַדער געניייט אומזיסט? ווען ער האָט ניט געמאַכט קיין קניפל (ווען ער האָט קיין קניפל ניט געמאַכט).

Перевод: 1) на воре шапка горит; 2) тот, кто спрашивает; 3) не блуждает; 4) шьет; 5) портной; 6) бесплатно, даром; напрасно, зря; 7) делает; 8) узелок (в идише здесь игра слов: шьет бесплатно — шьет зря).

פאַרטיציפן מיט „ביך" (זײַן)

די ווערבן „בלײַבן[1], גיין, געלינ'גען[2], געראָ'טן[3], געשען, דערשײַ'נען[4], הענגען[5], וואַקסן[6], ווערן[7], זינקען[8], זיצן[9], זײַן, טרעטן[10], לויפן[11], ליגן[12], פאַלן[13], פאַרשווי'נדן[14], פאָרן, פליען[15], פרירן[16], קומען, קריכן[17], רינען[18], שווימען[19], שטאַרבן[20], שטיין, שטײַגן[21], שלאָפן[22], שפרינגען[23]" — קומען אין פאַרטיציפ מיטן הילפווערב „בין" (זײַן).

איך בין (ביסט...) געבליבן, געגאַנגען, געלונגען, געראָטן, געשען, דערשינען, געהאַנגען, געוואַקסן, געוואָרן, געזונקען, געזעסן, געווען, געטראָטן, געלאָפן, געלעגן, געפאַלן, פאַרשוווּנדן, געפאָרן, געפלויגן, געפראָרן (געפרוירן), געקומען, געקראָכן, גערונען, געשוווּמען, געשטאָרבן, געשטאַנען, געשטיגן, געשלאָפן, געשפרונגען.

דאָס זײַנען פאַרטיציפן פון שטייענדיקע ווערבן (אינטראַנזיטיווע)[24] — ווערבן, וואָס קומען אָן דירע'קטע אָביעק'טן און באַצײ'כענען מערסטנס[25] א צושטאַנד[26], א באַוועגונג[27]. פאַרטיציפן פון איבערגייענדיקע ווערבן[28] קומען אין פאַרגאַנגענהייט מיטן הילפווערב „האָב" (האָסט...).

Перевод: 1) оста(ва)ться; 2) уда(ва)ться; 3) уда(ва)ться; 4) появляться; 5) висеть, вешать; 6) расти; 7) становиться; 8) вязнуть, погружаться; 9) сидеть; 10) ступать; 11) бежать; 12) лежать; 13) падать; 14) исчезать; 15) летать; 16) мерзнуть, подзябнуть; 17) лазить, ползать; 18) течь, протекать; 19) плавать; 20) умирать; 21) подниматься, возрастать; 22) спать; 23) прыгать, скакать; 24) непереходные глаголы; 25) большей частью; 26) состояние; 27) (пере)движение; 28) переходные глаголы.

פאַרטיציפן פון שטייענדיקע און איבערגייענדיקע ווערבן

אז מע שמירט[1], פאָרט מען — אז מע האָט געשמירט, איז מען געפאָרן. אַלע שוסטער[2] גייען באָרוועס[3] — אַלע שוסטער זײַנען געגאַנגען באָרוועס. אז עס איז דאָ אין טאָפּ[4], איז דאָ אין טעלער[5] — אז עס איז געווען אין טאָפּ, איז געווען אין טעלער. אז מע קאָכט מיט שטרוי[6], בלײַבט דאָס עסן רוי[7] — אז מע האָט געקאָכט מיט שטרוי, איז דאָס עסן געבליבן רוי. אז מע האַקט האָלץ, פאַלן (פליען) שפענער — אז מע האָט געהאַקט האָלץ, זײַנען געפאַלן (געפלויגן) שפענער. דער קאַרגער[8] ליגט אף דעם געלט[9], ווי א הונט[10] אף דעם ביין[11] — דער קאַרגער איז געלעגן אף דעם געלט, ווי א הונט אף דעם ביין. דער גבֿיר[12] שלאָפט, און זײַנע רעוואָכים[13] גייען — דער גבֿיר איז געשלאָפן, און זײַנע רעוואָכים זײַנען געגאַנגען. אף וואָס פאַר א פור[14] מע זיצט, אזא ניגן[15] זינגט מען — אף וואָס פאַר א פור מע איז געזעסן, אזא ניגן האָט מען געזונגען (אזא ניגן פלעגט מען זינגען).

מײַן ברודער עליעס קאַנאַפּקע[16] איז פריער[17] געווען א קאַנאַ'פּע[18], וואָס מע פלעגט אף איר זיצן. נאָר זינט[19] מײַן ברודער עליע איז געוואָ'רן א כאָסן און האָט אָנגעהויבן[20] צו שלאָפן אף דער קאַנאַפּע און איך אף זײַן בעטל[21], איז די קאַנאַפּע געוואָרן א „קאַנאַפּקע" (שאָלעם-אַלייכעם).

Перевод: 1) мажут; 2) все сапожники; 3) босиком; 4) горшок; 5) тарелка; 6) варят (готовят) соломой; 7) сырой;; 8) скупой; 9) деньги; 10) собака; 11) кость; 12) богач; 13) прибыли, барыши; 14) подвода; 15) мелодия; 16) диванчик; 17) раньше; 18) канапе, диван; 19) но с тех пор как; 20) начал, стал; 21) кроватка.

די הילפווערבן, ווי אַלע אַנדערע הילפווערטער[1] (אַרטיקלען, פּרעפּאָזיציעס, בינדווערטער)[2], זײַנען אָן אַקצענטן[3]. מע רעדט זיי אַרויס[4] אײַנ'ציינעם[5] מיט די ווײַטערדיקע ווערטער[6].

א גאַ'סט איז געקו'מען (אף א ווײַ'ל) און האָט געזע'ן אף א מײַ'ל.

Перевод: 1) как все другие служебные слова; 2) предлоги, союзы; 3) без ударений; 4) их произносят; 5) вместе; 6) со следующими словами.

ווערבן קומען אָפט מיט פרעפיקסן. די פרעפיקסן זײַנען אָן אקצענט, פארטיציפן פון ווערבן מיט פרעפיקסן זײַנען אָן דעם פארטיציפיש „גע־‟. לעמאָשל:

פרעפיקסן	אינפיניטיוו	פארטיציפן
אַנט־	לויפן — אנטלויפן[1]	בעלאָפן, אנטלאָפן.
באַ־	שרײַבן[2] — באשרײַבן[3]	געשריבן, באשריבן.
גע־	דענקען[4] — געדענקען[5]	געדענקט.
דער־	געבן — דערגעבן[6]	געגעבן — דערגעבן.
פאַר־	פליען[7] — פארפליען[8]	געפלויגן, פארפלויגן.
צע־	טרעטן — צעטרעטן[9]	געטראָטן, צעטראָטן.

אנטווײַנען[10], אנטוויקלען[11], אנטקרוינען[12], אנטדעקן[13], אנטשטיין[14], אנטשעדיקן[15], אנטשפּרעכן[16].

באארבעטן[17], באגיסן[18], באדינען[19], באזינגען[20], באלוינען[21], באלעבן[22], באנייען[23].

דעראַרבעטן[24], דערזאָגן[25], דערזען[26], דעריאָגן[27], דערקלערן[28], דערקענען[29], דערשרײַבן[30].

פארברענען[31], פארגעבן[32], פארדעקן[33], פארוויקלען[34], פארטאָן[35], פארפאָרן[36], פארקויפן[37].

צעביטן[38], צעגיסן[39], צעגעבן[40], צעהאַקן[41], צעוואַרפן[42], צעזעצן[43], צעהענגען[44], צע־שנײַדן[45].

אנטהאַלטן[46], באהאַלטן[47], דערהאַלטן[48], פארהאַלטן[49]; באלייגן[50], דערלייגן[51], פארלייגן[52], צעלייגן[53];

באַנעמען[54], דערנעמען[55], פארנעמען[56], צענעמען[57]; באציִען[58], דערציִען[59], פארציִען[60], צעציִען[61].

אייניקע ווערבן קומען ניט אָן פרעפיקסן. לעמאָשל: אנטוואָפענען, באוואָפענען, אנטשול־דיקן[62], באשולדיקן[63], אנטשקלאָפן[64], פארשקלאָפן[65], באשוכן[66], באגליקן[67], געוועלטיקן[68], דערווידערן[69].

די ווערבן (אינפיניטיוו) „געבאָרן (געבוירן)"[70], געווינען[71], געפינען[72]" זײַנען אין פאר־טיציפ „געבאָרן (געבוירן), געוווּנען, געפונען". „הערן" און „געהערן"[73] זײַנען אין פארטיציפ „געהערט". פון „עסן" און „צעעסן"[74] זײַנען די פארטיציפן „געגעסן" און „צעגעסן".

א טויבער האָט געהערט, ווי א שטומער האָט דערציילט[75], אז א בלינדער האָט געזען, ווי א קרומער[76] איז גיך[77] געלאָפן. דער זון האָט געוווּנען א מאשין, און די שנור האָט געווינען (געבאָרן) א קינד. אז מע האָט גענומען געגעסן, איז מען הײַנט ניט זאט[78]. אז אן אָרעמאן[79] האָט געגעסן א הון[80], איז ער געווען קראנק[81] אָדער די הון.

אין זאָאָפּארק האָט א קינד דערזען א כאַזער[82].

— וואָס איז דאָס פאר א כײַע[83]? — האָט דאָס קינד געפרעגט זײַן מוטער.

— דאָס איז א כאַזער.

— א כאַזערל — האָט זיך דאָס קינד געכידעשט[84], — צוויסן כײַעס זײַנען דען אויך פאראַן כאַזיירים?

Перевод: 1) убежать; 2) писать; 3) опис(ыв)ать; 4) думать, мыслить; 5) помнить; 6) дода(ва)ть, добавлять; 7) летать; 8) залетать; 9) растоптать; 10) отнимать от груди; 11) разви(ва)ть; 12) развенчивать; 13) откры(ва)ть (что-нибудь новое), раскры(ва)ть, выявлять; 14) возникать, зарождаться; 15) обезвредить; 16) соответствовать; 17) обрабатывать; 18) обли(ва)ть, поли(ва)ть; 19) обслуживать, прислуживать;; 20) воспе(ва)ть; 21) награждать, вознаграждать; 22) оживлять; 23) обши(ва)ть; 24) дорабатывать; 25) договаривать, досказывать; 26) увидать; 27) догонять, настигать; 28) объяснять, разъяснять, объявлять, заявлять; 29) узнавать; 30) допис(ыв)ать; 31) сжигать; 32) зада(ва)ть, прощать; 33) закры(ва)ть, прикры(ва)ть; 34) завертывать, заматывать; запутывать; 35) израсходовать, истратить; 36) заезжать; 37) прода(ва)ть; 38) разменивать; 39) разли(ва)ть; 40) раздавать; 41) рассекать, разрубать; 42) разбрасывать; 43) рассаживать; 44) развешивать; 45) разрез(ыв)ать; 46) содержать в себе; 47) (с)прятать; (по)хоронить; 48) получать, поддерживать; 49) задерживать; 50) облагать; 51) добавлять, прибавлять; 52) закладывать; 53) раскладывать, разлагать; 54) понимать, охватить, обирать; 55) добирать, донимать; 56) занимать; 57) разнимать; 58) обтягивать; 59) дотягивать (до определенного времени или места); воспитывать; 60) затягивать; 61) растягивать; 62) извинять, прощать; 63) обвинять; 64) раскрепощать; 65) порабощать; 66) обу(ва)ть; 67) осчастливить, облагодетельствовать; 68) владычествовать, господствовать; 69) возражать; 70) рожать; 71) выигр(ыв)ать; рожать; 72) находить; 73) принадлежать; 74) разъедать; 75) рассказал; 76) хромой, кривой; 77) быстро; 78) сыт; 79) бедняк; 80) курица; 81) болен, больна; 82) свинья; 83) зверь, животное; 84) удивился.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ווערבן מיט צוגאבן[1]

ווערבן קומען אָפט מיט אקצענטיר׳טע צוגאבן (קאָנווערבן). לעמאָשל:

צוגאבן	אינפיניטיוו	
אהינ־	אהינטאָן[2]	אהינקומען[3]
אונטער־	אונטערבעטן[4]	אונטערהאלטן[5]
ארונ׳טער־	ארונטערפירן[6]	ארונטערציען[7]
אוועק־	אוועקשיקן[8]	אוועקפליען[9]
אנטקעגנ־	אנטקעגנשטיין[10]	אנטקעגנשטעלן[11]
אנידער־	אנידערלייגן[12]	אנידערזעצן[13]
אָנ־	אָנהייבן[14]	אָנשרײַבן[15]
אומ־	אומפאלן[16]	אומקומען[17]
ארומ־	ארומלויפן[18]	ארומשטעלן[19]
אופ־	אופהייבן[20]	אופקומען[21]
ארויפ־	ארופלויפן[22]	ארופשלעפן[23]
אויס־	אויסזעגן[24]	אויסמעסטן[25]
ארויס־	ארויספארן[26]	ארויספליען[27]
איבער־	איבערגעבן[28]	איבערזעצן[29]
אריבער־	אריבערוואַרפן[30]	אריבערשלעפן[31]
אײַנ־	אײַנהייצן[32]	אײַנבייגערן[33]
ארײַנ־	ארײַנשלעפן[34]	ארײַנוואַרפן[35]
אָפּ־	אָפּפירן[36]	אָפּקומען[37]
אראָפּ־	אראָפּזעצן[38]	אראָפּוואַרפן[39]
אפיר־	אפירקוקן[40]	אפירשפרינגען[41]
בײַ־	בײַזײַן[42]	בײַקומען[43]
דורכ־	דורכקוקן[44]	דורכרייניקן[45]
מיט־	מיטנעמען[46]	מיטארבעטן[47]
נאָכ־	נאָכמאכן[48]	נאָכיאָגן[49]
פאנאנ׳דער־	פאנאנדערנעמען[50]	פאנאנדערשנײַדן[51]
פארבײַ־	פארבײַלויפן[52]	פארבײַפירן[53]
פאָר־	פאָרלייגן[54]	פאָרשטעלן[55]
פאָרויס־	פאָרויסזאָגן[56]	פאָרויסזען[57]
פיר־	פירגעבן[58]	פירהאלטן[59]
צו־	צובינדן[60]	צוּוואַרפן[61]
צוזאַ׳מענ־	צוזאמענשטעלן[62]	צוזאמענרופן[63]
צונויפ־	צונויפלייגן[64]	צונויפנייען[65]
צוריק־	צוריקטרעטן[66]	צוריקשפרינגען[67]

אייניקע צוגאבן זײַנען סינאָנימיש[68]. לעמאָשל: צוזאמענרופן־צונויפרופן; צוזאמענשטעלן־צונויפשטעלן. סינאָנימיש זײַנען אויך דער צוגאב „פאנאנדער־" און דער פרעפיקס „צע־": פאנאנדערנעמען־צענעמען; פאנאנדערשנײַדן־צעשנײַדן. א צוגאב איז אָבער מיט אן אקצענט, א פרעפיקס איז אָן[69].

און אייניקע צוגאבן זײַנען אנטאָנימיש (קאָנטראסטן). לעמאָשל: ארופלויפן — אראָפּלויפן; אריבערוואַרפן — ארונטערוואַרפן; ארײַנגיין — ארויסגיין; אָפּפירן — צופירן; פאנאנדערנעמען — צונויפנעמען.

צוגאבן זײַנען טיילמאָל פאראן אויך בא סובסטאנטיוון[70]. לעמאָשל: אויסגעשריי[71], אויסלאנד[72]; אָפּגאָט[73], אָפּגרונט[74].

בא פארטיציפן פון ווערבן מיט צוגאבן איז דער פרעפיקס „גע־" צווישן[75] דעם צוגאב און דער ווערבאַ׳לער באזע. לעמאָשל: אהינגעטאָן, אהינגעקומען, אונטערגעבעטן. בא א פארטיציפ פון א ווערב, וואָס האָט א צוגאב און א פרעפיקס, איז דער „גע־" צווישן דעם צוגאב און דעם פרעפיקס. לעמאָשל: אויסגעפארקויפט, אויסגעדערציילט. אָפט קומט א פארטיציפ פון אזא׳ ווערב אָן דעם „גע־" אויך: אויספארקויפט, אויסדערציילט.

Перевод: 1) ударяемые глагольные «добавления» (конвербы), выражающие главным образом пространственные отношения и служащие при инфинитиве, партиципе и герундиве (деепричастие) приставками, а при личных глаголах как бы наречием (см. ниже); 2) де(ва)ть; 3) де(ва)ться; 4) подстилать; 5) поддерж(ив)ать; 6) сво-

дить (вниз); 7) стаскивать (вниз); 8) отсылать, усылать; 9) улетать; 10) противостоять; 11) противопоставлять; 12) положить; 13) посадить; 14) начинать; 15) написать; 16) свалиться; 17) погибать; 18) обежать; 19) обтачивать; 20) поднимать; 21) возникать, появляться; 22) взбежать; 23) втаскивать (наверх); 24) выпиливать; 25) вымерять, измерять; 26) выезжать; 27) вылетать; 28) переда(ва)ть; 29) пересаж(ив)ать; переводить (на другой язык); перенабирать (типографский текст); 30) перебрасывать; 31) перетаскивать; 32) затапливать (печь); 33) внедрять, вкоренять; 34) втягивать, втаскивать; 35) вбрасывать; 36) отвозить, отводить; 37) убавляться; отделаться (от чего-нибудь); 38) ссаживать, снижать, смещать; 39) сбрасывать, низвергать; 40) выглядывать (из-под); 41) выскакивать (из-под); 42) присутствовать; 43) преодоле(ва)ть, осили(ва)ть; 44) просматривать; 45) прочищать; 46) брать с собой; 47) сотрудничать; 48) подражать, поддел(ыв)ать; 49) преследовать; 50) разбирать, разнимать; 51) разрез(ыв)ать; 52) пробежать (мимо); 53) провозить (мимо), проводить (мимо); 54) предлагать; 55) представлять; 56) предсказ(ыв)ать; 57) предвидеть; 58) предлагать; 59) упрекать; 60) привяз(ыв)ать; 61) подбрасывать; 62) составлять; 63) соз(ы)вать; 64) складывать; 65) сши(ва)ть; 66) отступать; 67) отскакивать (обратно); 68) синонимичны — одинаковы по смыслу; 69) без; 70) существительные; 71) восклицание; 72) заграница; 73) идол; 74) бездна, пропасть; 75) между.

(בוזי האָט געוויינט)

בוזי האָט געוויינט. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין די הענט[1]. אירע פּלייצעס האָבן אופגעציטערט[2]. און זי האָט געוויינט אַלע מאָל שטאַרקער[3] און שטאַרקער.

אַזוי[4] וויינט אַ קליין קינד[5], וואָס דערפילט[6], אַז עס האָט פאַרלוירן טאַטע־מאַ'מע[7].

אַזוי וויינט אַ געטריי'ע מוטער[8] אָף איר קינד, וואָס מע האָט דאָס בא איר צוגענומען.

אַזוי וויינט אַ יונגפרוי[9], וואָס באַקלאָגט איר געליבטן[10], וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פון איר[11].

אַזוי וויינט אַ מענטש, וואָס באַקלאָגט זײַן אייגענע וועלט[12], וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע פיס[13] (שאָלעם־אַלייכעם, „שיר־השירים").

שרײַבט אַרויס די ווערבן (מיט די הילפווערבן) פונעם פאַריקן פראַגמע'נט[14].

Перевод: 1) спрятала лицо в руках; 2) плечи её вздрагивали; 3) всё сильнее; 4) так; 5) малое дитя; 6) когда (которое) почувствует; 7) что потеряла отца и мать; 8) преданная мать; 9) девушка; 10) оплакивающая своего возлюбленного; 11) отвернувшегося от нее; 12) над своей жизнью; 13) выскользнувшей из-под его ног; 14) отрывок.

צוגאָבן בא פּערזאָ'ניקע ווערבן

בא פּערזאָניקע ווערבן (אין קעגנוואַרט) קומען די צוגאָבן נאָך[1] די ווערבן און באַזונדער[2]. פאַרגלײַכט[3] לעמאָשל:

צוקונפט: מיר וועלן הײַנט אָנהייבן די אַרבעט אין שול.

פאַרגאַנגענהייט: מיר האָבן הײַנט אָנגעהויבן די אַרבעט אין שול.

קעגנוואַרט: מיר הייבן הײַנט אָן די אַרבעט אין שול.

צווישן די פּערזאָניקע ווערבן און די צוגאָבן קאָנען זײַן אַלערליי[4] ואַצגלידער[5]. זעט לעמאָשל:

פאַרגאַנגענהייט: מיר זײַנען די לעצטע טעג[6] זייער פרי אופגעשטאַנען[7].

קעגנוואַרט: מיר שטייען זייער פרי אויף די לעצטע טעג; מיר שטייען די לעצטע טעג זייער פרי אויף.

דאָס וואָרט „ניט" בא אַ פּערזאָניקן ווערב מיט אַ צוגאָב קומט פאַר דעם צוגאָב. לעמאָשל: מיר הייבן די אַרבעט ניט אָן אָן[7] דעם בריגאַדיר. איך גיב אײַך די ביכער נאָך ניט אַוועק: איך דאַרף זיי צו דער אַרבעט.

אַזוי איז אויך בא דער באַפעל־פאָרמע: שטיי(ט) אויף און הייב(ט) אָן די אַרבעט. גיב (גיט) די ביכער נאָך ניט אַוועק.

טרעט ניט אָף אַ קאָטשערע[8], ווײַל זי וועט אײַך אָפּשפּרינגען[9].

לייג ניט אָפּ[10] אָף מאָרגן, וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן[11].

קוקט זיך צו צום סיידער[12] פון די ווערטער און צו זייערע פאָרמעס אין די ווײַטערדיקע זאַצן פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל"[13].

מײַן ברודער עליע פירט מיך אַרײַן אין קראַנקן כיידער[14]... (דער טאַטע) לייגט אַרויף[15] אָף מײַן פּאָנעם אַ הייסע[16] האַנט מיט ביינערדיקע פינגער[17]... דער דאָקטער נעמט אים אָן בא דער טרוקענער[18] הייסער האַנט... דאָבציע (דעם כאַזנס מיידעלע)[19] כאַפּט מיך אַרום[20] מיט אירע דאַרע הענטלעך[21] און טשעפּעט זיך אָן[22] מיט די דינע פינגערלעך[23]. צווישן די קלעצער[24] וואַקסן שטעכלקעס מיט קריגעלעך[25]. די שטעכלקעס זײַנען גוט אָף צו שטעכן, און די קרידגעלעך בלאָזט מען אָן[26] און מע טוט זיי אַ קנאַק[27] אָן שטערן[28] — פּלאַצן[29] זיי.

שרײַבט אָן די פאַריקע זאַצן אין צוקונפט. דאָס וואָרט „אָנעמען" (אָן+נעמען) איז אין סאָוועטישן ייִדיש מיט איין „נ". „מע טוט זיי אַ קנאַק" וועט אין צוקונפט זײַן: מע וועט זיי אַ קנאַק טאָן.

Перевод: 1) после; 2) отдельно; 3) сравните; 4) разные члены предложения; 5) последние дни; 6) очень рано встали; 7) без; 8) наступи на кочергу; 9) отскочит; 10) не откладывай; 11) обеспечить; 12) порядок; 13) «Мальчик Мотл» (кантора Пейси); 14) комната; 15) кладет; 16) горячая; 17) костлявые пальцы; 18) сухая; 19) девочка кантора; 20) обхватывает; 21) тощие ручки; 22) уцепляется; 23) тонкие пальчики; 24) бревна; 25) колючки с кувшинчиками; 26) надувают; 27) хлопают; 28) по лбу; 29) лопаются.

צוגאָבן קומען טײלמאָל אָן די גרונטווערבן[1]. לעמאָשל: הײַנט זײַנען די קראָמען[2] צו (=צוגעמאַכט)[3]. דער דאָקטער בײזערט זיך[4], פאַרוואָס מע האַלט דאָס פענצטער[5] צו.

זעט אויך אין די ווײַטערדיקע זאַצן פון „מאָטל פײסי דעם כאַזנס ײנגל“.

דער גאָרטן[6] איז ניט אַריבער צו רוּוון דעם עפּל־ײדן[7]... מיט אַ ווונק[8] האָט מיר די מאַמע באַוויזן, איך זאָל אַרוף אױפן טיש[9]... אײנמאָל אין אַ שײנעם פרימאָרגן[10] זײַנען אַלע זײַנע בעקערס[11] אױפגעשטאַנען, צונױפגענומען די קלומקעס[12] און זײַנען אַוועק[13]... איך הײב אױף די אױגן[14] — אַן אָנגעלאָף בײַ אונדז אין שטוב[15]... ײדן און ווײַבער... דער אַרױס, דער אַרײַן[16]...

אין די דאָזיקע זאַצן זײַנען די צוגאָבן „אַריבער, אַרוף, אַוועק, אַרױס, אַרײַן“ — אַנשטאָט[17] די ווערבן „אַריבערגעגאַנגען, אַרױפגײן, אַוועקגעגאַנגען, גײט אַרױס, גײט אַרײַן“.

צוגאָבן דאַרף מען ניט מישן מיט פּרעפּאָזיציעס. לעמאָשל: אײנעם זאָגט „דער טאַטע רופט מיך צו צו זיך“ אין דער ערשטער[18] „צו“ אַ צוגאָב („רופט צו“), דער צווײטער[19] — אַ פּרעפּאָזיציע. מע קאָן דעם ערשטן „צו“ אַוועקשטעלן צום סאָף[20] — דער טאַטע רופט מיך צו זיך צו — אַלצאײנס[21] וועט דער דאָזיקער „צו“ זײַן אַ צוגאָב.

Перевод: 1) без основных глаголов; 2) лавки, магазины; 3) закрыты; 4) злится, сердится; 5) окно; 6) сад; 7) не перешел к яблочнику Рувяну; 8) кивок; 9) чтобы я влез на стол; 10) однажды в одно прекрасное утро; 11) пекаря; 12) котомки; 13) ушли; 14) подымаю глаза; 15) стечение, тревога у нас в доме; 16) этот выходит, тот входит; 17) вместо; 18) первый; 19) второй; 20) в конце; 21) всё равно.

[איך און בוזי]

איך קאָן ניט לײַדן[1], אַז בוזי זיצט פאַרזאָרגט[2]. איך זעץ מיך אַוועק נעבן איר אױף די קלעצער[3] און וויל איר צעשלאָגן די געדאַנקען[4].

איך האַלט די הענט אין די קעשענעס[5], קלינג מיט די ניס[6] און זאָג צו איר:

— טרעף, וואָס קאָן איך טאָן[7], אַז איך וויל?

— וואָס קאָנסטו טאָן?

— אַז איך וויל, גײען איבער[8] אַלע דײַנע ניס צו מיר.

— וועסט זײ בײַ מיר אָפּגעווינען?[9]

— נײן, מיר וועלן אַפילע ניט אָנהײבן שפּילן[10].

— וואָס זשע, וועסט זײ בײַ מיר אַוועקנעמען מיט גוואַלד?[11]

— נײן, זײ גײען אַלײן אַריבער צו מיר[12].

זי הײבט אױף אירע שײנע אױגן אױף מיר[13], אירע שײנע בלױע שיר־האַשירים־אױגן[14]. איך זאָג צו איר:

— דו מײנסט אָפּשנעם[15], אַז איך טרײַב קאַטאָוועס?[16] איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך[17]... איך זאָג אַ פּאָסעק[18]...

זי עפנט אױף די אױגן נאָך שטאַרקער[19]. איך פיל מיך גרױס[20]. איך גיב איר צו פאַרשטײן[21], ווי אַ גרױסער, ווי אַ העלד[22]:

— מיר, ײנגלעך, קאָנען אַלצדינג[23] (שאָלעם־אַלײכעם. „שיר־האַשירים“).

Перевод: 1) я не переношу (не могу терпеть); 2) когда Бузя грустна (озабочена); 3) я сажусь около нее на бревнах; 4) рассеять (разбить) её мысли; 5) я держу руки в карманах; 6) громыхаю орехами; 7) угадай, что я могу сделать; 8) перейдут; 9) ты их выиграешь у меня?; 10) нет, мы даже не начнем играть; 11) что же, ты их у меня силой отберешь? 12) они сами ко мне перейдут (переходят); 13) она поднимает на меня свои красивые глаза; 14) свои красивые голубые (синие) глаза из «Песни песней»; 15) ты, вероятно (возможно), думаешь; 16) что я шучу; 17) у меня есть, глупенькая, такой заговор; 18) скажу слово (изречение) такое; 19) она еще шире раскрывает глаза; 20) я чувствую себя великим; 21) я даю ей понять; 22) как большой, как герой; 23) мы, мальчики, всё умеем.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

צוגאָבן, אדווערבן און פּאָסטפּאָזיציעס[1]

צוגאָבן דאַרף מען ניט מישן מיט אדווערבן[2]. אדווערבן זײַנען זעלבשטענדיקע ווער־טער — זאַצגלידער[3], וואָס קומען געווײנטלעך בײַ ווערבן צו ווײַזן די צײַט, דאָס אָרט, דעם אייפן פון דער טוונג[4]. לעמאָשל:

ער איז נעכטן[5] אַהין[6] אַוועקגעגאַנגען צופוס[7].

„נעכטן“ ווײַזט די צײַט, „אַהין“ — דאָס אָרט, די ריכטונג[8], און „צופוס“ — דעם אייפן. „נעכטן“ און „צופוס“ זײַנען אדווערבן, אָבער „אַהין“ קאָן זײַן אויך אַ צוגאָב. לעמאָשל אין דער פראַזע: מע ווייסט ניט, ווו ער איז אַהינגעקומען.

אָבער אַזעלכע ווערטער, ווי „אַהיים, אַהער“, זײַנען נאָר אדווערבן, ניט קיין צוגאָבן; מע דאַרף זיי שרײַבן באַזונדער אויך בײַ אינפיניטיוון און פּאַרטיציפּן: איך וועל גיין אַהיים (אַהער), איך בין געגאַנגען אַהיים (אַהער). אָדער: איך וועל אַהיים (אַהער) גיין, איך בין אַהיים (אַהער) געגאַנגען.

אַ צוגאָב איז אַ וואָרט־טייל[9], אַפילע[10] ווען ער איז באַזונדער (נאָכן פּערזאָניקן ווערב). און אדווערב איז אַ זעלבשטענדיק וואָרט, אַ זאַצגליד.

צוגאָבן דאַרף מען אויך ניט מישן מיט פּאָסטפּאָזיציעס — מיט ווערטער, וואָס קומען נאָך סובסטאַנטיוון[11] צוליב אַ קאָנקרעטיזאַציע. לעמאָשל:

אַף איין פוס שפּרינג איך אַרויס[12] אין דרויסן אַרויס[13] (שאָלעם־אַלייכעם).

דער ערשטער „אַרויס“ איז אַ צוגאָב — ער ציט צום ווערב; דער צווייטער „אַרויס“ איז אַ פּאָסטפּאָזיציע. אין פאַרגאַנגענהייט וועט דער דאָזיקער זאַץ זײַן אַזוי: אַף איין פוס בין איך אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן אַרויס.

אָדער אַזעלכע בײַשפּילן[14] פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל“:

1. מיכל כאַפּט די ספאָרים גיך־גיך[15], פּאַקט זיי אײַן אין אַ זאַק אַרײַן[16].

2. אַ מאָדנע ידענע אָט די פּעסיע[17], אומעטום שטופּט זי אַרײַן איר נאָז[18].

אין דער ערשטער פראַזע איז „אײַן“ אַ צוגאָב און „אַרײַן“ אַ פּאָסטפּאָזיציע, אין דער צווייטער פראַזע איז „אַרײַן“ שוין אַ צוגאָב. אין פאַרגאַנגענהייט וועלן די צוויי פראַזעס זײַן אַזוי: מיכל האָט געכאַפּט די ספאָרים גיך־גיך, האָט זיי אײַנגעפּאַקט אין אַ זאַק אַרײַן; אַ מאָדנע ידענע איז געווען אָט די פּעסיע, אומעטום פלעגט זי אַרײַנשטופּן איר נאָז.

פּאָסטפּאָזיציעס טרעפט מען בײַ די איצטיקע ליטעראַטן[19] אַ סאַך זעלטענער[20], איידער בײַ שאָלעם־אַלייכעמען און בײַ אַנדערע עלטערע מעכאַבערים[21].

Перевод: 1) наречия и послелоги; 2) не смешивать с наречиями; 3) самостоятельные слова, члены предложения; 4) время, место и образ действия; 5) вчера; 6) туда; 7) пешком; 8) направление; 9) часть слова; 10) даже; 11) после существительных; 12) на одной ноге выскакиваю; 13) на улицу; 14) такие примеры; 15) Михл хватает быстро книги; 16) сует их (упаковывает) в мешок; 17) чудная (странная) эта Песя; 18) всюду она сует свой нос; 19) встречаются у современных литераторов; 20) реже; 21) авторы.

צוגאָבן מיט „אַר־“ און אָן

1. אַראָפּ־ (אַר — אָפּ): אַראָפּגיין[1], אַראָפּגעגאַנגען: פון באַרג, פון לייטער, פון וועג; פון זינען[2]. אַראָפּוואַרפן[3], אַראָפּגעוואָרפן: די שווערע מאַסע[4], די ווינ־טערדיקע בגאָדים[5], דעם קייסער[6], די מאַכט[7]. אַראָפּזעצן[8], אַראָפּגעזעצט: די פרײַזן[9], דעם דירעקטאָר, די פאַרוואַלטונג[10]. אַראָפּטראָגן[11], אַראָפּגעטראָגן: אין שטאַל, אין קעלער[12]. אַראָפּלאָזן[13], אַראָפּגעלאָזן (אַראָפּגעלאָזט): דעם קאָפּ, די נאָז, די הענט, די אויגן. אַראָפּנעמען[14], אַראָפּגענומען: דאָס היטל, דעם טישטעך[15]; דעם פּאַר־באַס[16]; אַ קאָפּיע פונעם אַטעסטאַט; די סטירעס (ווידערשפּרוכן) פונעם אַרטיקל[17]. אַראָפּפאַלן[18], אַראָפּגעפאַלן: אַ ראָד פונעם וואָגן[19], די בלעטער פון די ביימער[20]; ער פאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ[21]. אַראָפּפירן[22], אַראָפּגעפירט: פון באַרג, פון די טרעפּ[23], פון וועג. אַראָפּקלאַפּן, אַראָפּגעקלאַפּט: די עפּל[24] אין סאָד, דעם טרינעס אַראָפּלאַ׳נען; זײַן האָנער[25]. אַראָפּשפּרינגען[26], אַראָפּגעשפּרונגען: פונעם לייטער, פון די טרעפּ, פונעם באַלקאָן.

2. אפ־: אפגיין[27], אפגעגאנגען: פון זיי: פון דער באוועגונג[28], פון די אלטע פּאָזיציעס: פון קאס[29]. אפדינען[30], אפגעדינט: צוויי יאר אין דער ארמיי און אפגעוועזן צען יאר אפן זאוואָד. אפהאקן[31], אפגעהאקט: דעם עק[32], דעם אייבערשטן טייל און דעם אונטערשטן[33]; די צווייגן פון די ביימער[34]. אפוואַרפן[35], אפגעוואָרפן: דעם פּײַנט (סוינע); דעם פאָרשלאָג[36], די מאָטיוון, די טענעס[37]. אפוועגן[38], אפגעוואויגן: א קילא צוקער[39], א האלב קילא רײַז[40], צוויי קילא גרויפּן[41] און דרײַ קילא מעל[42]. אפזיצן[43], אפגעזעסן: א גאנצן טאָג אין שטוב[44] און א גאנצע נאכט[45] אפן זאוואָד. אפזעצן[46], אפגעזעצט: די פּראָדוקציע פון דער פאבריק; די אלטע סכוירע[47]. אפלאָזן[48], אפגעלאָזן (אפגעלאָזט): די שולקינדער[49] אהיים; זי לאָזט דאָס קינד פון זיך[50] ניט אפ. אפשטיין[51], אפגעשטאַנען: א גאנצן טאָג אף די פיס[52]; זי שטייט ניט אפ פון דער גרופּע. אפשטעלן[53], אפגעשטעלט: דעם צוג[54]; דעם אָנגריף און די פאַרלוסטן[55].

Перевод: 1) сходить, спускаться; 2) с горы, с лестницы, с пути, с ума; 3) сбрасывать; низвергать; 4) тяжелая ноша; 5) зимние платья; 6) царь; 7) власть; 8) снижать; смещать; 9) цены; 10) (у)правление; 11) сносить; 12) в хлев, в погреб (подвал); 13) опускать, спускать; 14) снимать, убирать; 15) шапка, скатерть; 16) запрет; 17) противоречия статьи; 18) сваливаться, упасть; 19) колесо с телеги; 20) листья с деревьев; 21) не падает духом; 22) свозить, сводить; 23) ступенька; 24) яблоки; 25) спесь; 26) соскакивать; 27) отходить; 28) движение; 29) гнев; 30) прослужить; 31) отрубить, отсекать; 32) хвост; 33) верхнюю и нижнюю часть; 34) ветви деревьев; 35) отбрасывать, отклонять; 36) предложение; 37) притязания; 38) отвешивать, взвешивать; 39) сахар; 40) рис; 41) крупа; 42) мукá; 43) просиживать; 44) целый день дома; 45) ночь; 46) сбывать; 47) старый товар; 48) отпускать; 49) школьники; 50) не отпускает от себя; 51) простаивать, отставать; 52) на ногах; 53) (при)останавливать; 54) поезд; 55) наступление и потери.

3. ארויס־ (אר—אויס): ארויסגיין[1], ארויסגעגאנגען: פון שטוב, פון שטאָט[2], פון געדולד[3], פון די קיילים[4]. ארויסגעבן[5], ארויסגעגעבן: א צײַטונג[6], א זשורנאַל; די סודעס[7]; דעם פאַרברעכער[8]. ארויסטרײַבן[9], ארויסגעטריבן: די בהיימעס[10] אין פעלד[11]; די פוילי'אַקעס און גאָרנישטן[12]; א קרענק[13]. ארויסלאָזן[14], ארויסגעלאָזט: די בהיימעס פון שטאַל[15]; די פייגעלעך פון שטײַג[16]; גוט צוגעגרייטע[17] אינסטרוקטאָרן. ארויסנעמען[18], ארויסגענומען: די הענט פון די קעשענעס[19]; די קליידער (בגאָדים)[20] פונעם אלמער (שאַפע)[21]; דאָס געלט[22] פון דער שפּאָרקאַסע[23]. ארויספירן[24], ארויסגעפירט: פון שטוב, פון שטאַל; פון געדולד[25]; פון א שווערן צושטאַנד[26]; אף א ריכטיקן וועג[27]. ארויספליען[28], ארויסגעפלויגן: פון שטײַג; דורכן פענצטער[29]; אף א נײַעם עראָפּלאַן; פון קאָפּ. ארויסרופן[30], ארויסגערופן: פון צימער (כיידער)[31], פון דער זיצונג[32]; צום טאָוול[33]; אלע באַלאַ'נים[34]. ארויסשאַרן[35], ארויסגעשאַרט: דאָס אש פונעם אויוון[36] און דאָס מיסט[37] פון די צימערן (כאַדאָרים). ארויסשטעלן[38], ארויסגעשטעלט: די ווינטערדיקע ראַמען[39]; די מאָטיוון פונעם פּראָיעקט; איין קאַנדידאַט פון די פּראָגרעסיווע פּאַרטייען.

4. אויס־: אויסגיין[40], אויסגעגאנגען: די גאנצע שטאָט; אויסגיין ווי א ליכט[41]; זי גייט אויס נאָכן באָכער[42]. אויסגעבן[43], אויסגעגעבן: דאָס גאנצע געלט; אלע קינדער (כאַסענע געמאַכט)[44]. אויסדריקן[45], אויסגעדריקט: קלאָר און פּינקטלעך[46] דעם געדאַנק[47]; דעם זאַפט[48] פון די עפּל (אויסגעקוועטשט). אויסהאלטן[49], אויסגעהאלטן: דעם שווערן יאָר[50]; דעם עקזאַמען; די קינדער; איך האלט ניט אויס דעם טומל[51]. אויסהערן[52], אויסגעהערט: אלע טאַלמידים[53]; אלע טענעס און דערווידערונגען[54]; אלע פּאַציענטן. אויסוואַשן[55], אויסגעוואַשן: די פענצטער[56], די דילן[57] אין אלע כאַדאָ'רים; די קינדערס וועש (גרעט)[58]. אויסווישן[59], אויסגעווישט: די ווענט, די שויבן[60]; דעם שווייס[61] פון פּאָנעם. אויסזײַן[62], אויסגעווען: דאָרט[63] אין א סאך שטעט און דערפער[64]; אין אלע מוזייען און גאַלערייען. אויספירן[65], אויסגעפירט: אלץ, וואָס ער וויל; וואָס ער האָט געוואָלט. אויסקומען[66], אויסגעקומען: אָן א מאַשין, אָן א באַהעלפער[67]; עס קומט אויס א רובל אף א מענטש; עס קומט אויס אָפט צו שרײַבן; זיי קענען ניט אויסקומען צווישן זיך (זיי הויזן ניט)[68].

א וועזנטלעכער כילעק (אונטערשייד)[69] איז אויך צווישן די צוגאָבן פון די פאַרלעצטע[70] „אום־, ארום־; אונטער־, ארונטער־; אופ־, ארופ־; איבער־, אריבער־; אײַנ־, ארײַנ־".

„אר־" גיט דעם צוגאָב צו א מער קאָנקרעטן באַטײַט. דער צוגאָב מיט „אר־" ווײַזט די ריכטונג, דעם וועג פון דער טוונג[71].

Перевод: 1) выходить; 2) город; 3) терпение; 4) из себя (дословно: из посуды); 5) выдавать, издавать; 6) газета; 7) секреты; 8) преступник; 9) выгонять, изгонять; 10) коровы; 11) поле; 12) лентяи и ничтожества; 13) болезнь; 14) выпускать; 15) хлев; 16) клетка; 17) хорошо подготовленные; 18) вынимать; 19) карманы; 20) платья (одежда); 21) шкаф; 22) деньги; 23) сберкасса; 24) вывозить, выводить; 25) терпение; 26) тяжелое состояние; 27) правильный путь; 28) выле-

тать; 29) через окно; 30) вызывать; 31) комната; 32) заседание; 33) доска (школьная); 34) желающие; 35) выгребать; 36) зола из печки; 37) сор, мусор; 38) выставлять; 39) зимние рамы; 40) исходить, иссякать; 41) свеча; 42) юноша; 43) (из)-расходовать; выдавать замуж, женить; 44) то же, что «ойсгегебн»; 45) выражать; выжимать; 46) ясно и точно; 47) мысль; 48) сок; 49) выдержать; содержать; 50) ярмо, иго; 51) шум; 52) выслушивать; 53) ученики; 54) возражения; 55) вымывать, выстирать; 56) окна; 57) полы; 58) белье; 59) вытирать; 60) стёкла; 61) пот; 62) добывать; 63) там; 64) сёла, деревни; 65) выполнять, добиться своего; 66) обходиться; приходиться, уживаться; 67) помощник; 68) не могут ладить; 69) существенное различие; 70) пары; 71) действие.

(בוזי)

ווער בוזי איז — דאַרפט איר געדענקען[1]. איך האָב אײַך שוין אַמאָ'ל[2] דערציילט. נאָר טאָמער האָט איר פאַרגעסן[3], כאַזער איך אײַך איבער נאָך אַ מאָל[4].

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרן[5]. נאָך אים איז געבליבן אַ וואַסערמיל[6], אַ יונגע אַלמאָנע[7], צוויי פערדלעך[8] און איין קינד. האָט מען די מיל אָפּגעלאָזט[9]. די פערדלעך פאַרקויפט. די אַלמאָנע האָט כאַסענע געהאַט ערגעץ ווײַט[10]. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי.

כאַ־כאַ־כאַ! אַלע מיינען[11], אַז איך און בוזי זײַנען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. מײַן טאַטן רופט זי טאַטע, מײַן מאַמען רופט זי מאַמע. און מיר צווישן זיך לעבן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, און האָבן זיך ליב[12], ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער! פאַרוואָ'ס זשע שעמט זיך פאַר מיר בוזי?[13]

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַ מייסע[14]. מיר זײַנען געבליבן אַליין, אַליין אינצווייען[15] איבער דער גאַנצער שטוב. פאַרנאַכט'לעך[16] איז דאָס געווען. פינצטערלעך שוין[17]. דער טאַטע איז געגאַנגען אין שול[18] זאָגן קאַדעש[19] נאָך מײַן ברודער בעני, און די מאַמע — נאָך שוועבעלעך[20]. איך און בוזי האָבן זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע[21], און איך דערצייל איר מייסעס[22], שיינע מייסעס פונעם כיידער[23], מייסעס פון טויזנט איין נאַכט[24]. זי רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָענט[25]. איר האַנט איז אין מײַן האַנט.

— דערצייל, שימעק, דערצייל.

שטיל לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט[26]. פּאַמעליע קלעטערן אַף די ווענט די שאָטנס[27], ציטערן, פויזען אַף דער ערד[28] און צעקריכן זיך[29], קוים־קוים וואָס מיר זעען זיך[30]. נאָר איך פיל[31], איר הענטל ציטערט[32], און איך הער, איר הערצל קלאַפּט[33], און איך זע, אירע אייגן אין דער פינצטער גלאַנצן[34]. פּלוצעם[35] רײַסט זי אַרויס איר האַנט פון מײַן האַנט[36]. „וואָס איז, בוזי?"[37] „מע טאָר נישט"[38]. „וואָס טאָר מען נישט?" „האַלטן זיך בײַ די הענט"[39]. „פאַרוואָס?[40] ווער האָט דיר געזאָגט?" „איך ווייס אַליין". „מיר זײַנען דען פרעמדע?[41] מיר זײַנען דען נישט שוועסטער און ברודער?" „עז ווען מיר זאָלן זײַן[42] שוועסטער און ברודער" (שאָלעם־אַלייכעם. שיר־השירים).

Перевод: 1) кто такая Бузи — вы должны помнить; 2) однажды; 3) но если вы забыли; 4) повторяю еще раз; 5) утонул; 6) осталась водяная мельница; 7) молодая вдова; 8) лошадки; 9) оставили; 10) где-то (куда-то) далеко; 11) все думают; 12) любим друг друга; 13) почему же Бузя меня стыдится?; 14) Однажды произошло вот что; 15) одни вдвоем; 16) перед вечером; 17) уже стемнело; 18) синагога; 19) поминальная молитва; 20) спички; 21) забрались в уголок; 22) сказки; 23) прекрасные сказки из хедера; 24) из «Тысячи и одной ночи»; 25) придвинулась (придвигается) ко мне совсем близко; 26) тихо спускается ночь; 27) медленно взбираются по стенам тени; 28) дрожат, ползут по земле; 29) расплываются; 30) мы едва видим друг друга; 31) чувствую; 32) ее ручка дрожит; 33) сердечко стучит; 34) глазки блестят в темноте; 35) вдруг; 36) вырывает свою руку из моей; 37) что такое, Бузя?; 38) нельзя; 39) держаться за руки; 40) почему?; 41) разве мы чужие? 42) если бы мы были брат и сестра!

דאַצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ווערבן מיט „זיך“[1]

ווערבן קומען אָפט מיטן הילפוואָרט (פּאַרטיקל) „זיך“. לעמאָשל: א יונג ביימעלע בייגט זיך, אַן אַלטס ברעכט זיך[2]. ברעכט זיך א רינג, צערײַסט זיך די גאַנצע קייט[3]. ניט אַזוי גיך מאַכט זיך, ווי עס טראַכט זיך[4]. איינעם דאַכט זיך, אַז באַם אַנדערן לײַכט זיך[5]. צו גוטס גע־וווינט מען זיך גיך צו[6].

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט[7]
און אָן א וואָרט געוואָר געוואָרן[8],
וואָס טוט אָף פעלדער זיך אַצינד[9] —
דאָרט בליט שוין קאָרן[10]!

דאָוויד האָפשטיין

ווערבן מיט „זיך“ ווײַזן אָפט א טוּונג, וואָס דער סוביעקט טוט מיט זיך אַליין[11]. לעמאָשל: ער וואַשט זיך[12], פאַרקעמט זיך[13], טוט זיך אָן[14]; אָדער א טוּונג, וואָס ער טוט אינאיינעם מיט נאָך עמעצן[15]. לעמאָשל: ער באַגעגנט זיך[16] מיט..., קושט זיך[17]..., נעמט זיך אַרום[18]...; אָדער א טוּונג, וואָס דריקט אויס א געוויסן צושטאַנד אָדער געפיל פונעם סוביעקט[19]. לעמאָשל: ער מאַטערט זיך[20], כידעשט זיך[21], פרייט זיך[22]; אָדער א טוּונג, וואָס קומט פאָר ווי פון זיך זעלבסט[23]. לעמאָשל: עס טראַכט זיך, עס ווילט זיך[24]. פאַרגלײַכט: ער וויל אַהיים — אים ווילט זיך אַהיים; און נאָך א ריי אַנדערע טוּונגען.

אָנמערקונג 1[25]. בא א ריי שרײַבער טרעפט מען אָפט דעם פּראָנאָם „מיך“ (און אַמאָל אויך „דיך“) אין אַזעלכע פאַלן, וווּ איצט וואָלט מען גיכער געשריבן דעם פאַרטיקל „זיך“[26]. לעמאָשל: „א גאַנצן טאָג געפין איך מיך באַם טײַך[27] — אָדער איך כאַפ פיש, אָדער איך באָד מיך[28]. כאַפן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין“[29] (שאָלעם־אַלייכעם).

אָנמערקונג 2. „זיך“ איז אין א ריי פאַלן ניט קיין פאַרטיקל, נאָר א זעלבשטענדיק וואָרט — אַן אומדירעקטער אָביעקט. פאַרגלײַכט:

1. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט[30].
2. ער האָט מיט זיך קיינעם ניט גענומען[31].
3. ער האָט זיך געקויפט א נײַעם קאָסטיום.

דער ערשטער „זיך“ איז א פאַרטיקל, דער צווייטער (2) און דריטער (3) זײַנען זעלבשטענדיקע ווערטער — אָביעקטן. דער פאַרטיקל איז אָן אַקצענט, די אָביעקטן — מיט.

בא א ווערב אין צוקונפט אָדער אין פאַרגאַנגענהייט קומט דער פאַרטיקל „זיך“ געוויינטלעך פאַר דעם אינפיניטיוו און פאַרטיציפ. לעמאָשל: א יונג ביימעלע וועט זיך בייגן, אַן אַלטס וועט זיך ברעכן; א יונג ביימעלע האָט זיך געבויגן, אַן אַלטס האָט זיך געבראָכן. צוליב ריט־מישע טעמים (מאָטיוון) קאָן דער „זיך“ אַמאָל זײַן נאָכן אינפיניטיוו אָדער פאַרטיציפ, ווי אין האָפשטיינס פערז[32] „איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט“.

אין קעגנוואָרט איז דער פאַרטיקל „זיך“ געוויינטלעך גלײַך נאָכן פערזאָניקן ווערב. צו־ליב ריטמישע טעמים קאָן דער „זיך“ זײַן א ביסל ווײַטער. ווי אין האָפשטיינס פערז „וואָס טוט אָף פעלדער זיך אַצינד“. אין א פּראָזאַאישער שורע[33] וואָלט מען גיכער געשריבן: וואָס טוט זיך אָף פעלדער אַצינד (איצט). אויב דער פערזאָניקער ווערב איז מיט א צוזאָג, קומט דער פאַרטיקל „זיך“ צווישן דעם פערזאָניקן ווערב און דעם צוזאָג. לעמאָשל: א יונג ביימעלע בייגט זיך אײַן; א יונג ביימעלע גלײַכט זיך אויס[34]. אויב נאָכן פערזאָניקן ווערב דאַרף זײַן א סוביעקט א פּראָנאָם (איך, דו, ער, מיר, זיי, מען...), שטעלט מען דעם „זיך“ נאָכן סוביעקט. לעמאָשל: צו גוטס געוווינט מען זיך גיך צו. צו שלעכטס[35] וויל מען זיך ניט צוגעוווינען.

Перевод: 1) глаголы с частицей «зих», соответствующей русскому суффиксу -ся; 2) молодое деревцо гнется, старое ломается; 3) ломается звено, разрывается вся цепь; 4) не так скоро делается, как думается; 5) одному кажется, что у другого светится; 6) к добру быстро привыкают; 7) расцеловался с ветром; 8) узнал; 9) что делается теперь на полях; 10) там уже цветет рожь; 11) самим собой; 12) моется; 13) причесывается; 14) одевается; 15) вместе с кем-нибудь; 16) встречается; 17) целуется; 18) обнимается; 19) выражающее известное состояние, чувство или свойство; 20) мучается; 21) удивляется; 22) радуется; 23) как бы само собой; 24) хочется; 25) примечание; 26) местоимения «мих», «дих» встречаются порой... где теперь писали бы «зих»; 27) целый день нахожусь у реки; 28) ловлю рыбу или купаюсь; 29) ловить рыбу я научился сам; 30) принялся за работу; 31) никого не взял с собой; 32) стих; 33) строка; 34) выпрямляется; 35) зло.

קוקט זיך צו צו די פאָרמעס און צום סיידער פון די ווערטער[1] אין די ווייטערדיקע פראַגמענטן.

אויסגעבעט אויף דער ערד[2], האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, ווי די גראַפן[3], צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאָלדרע[4] (זײַנע האָט מען פאַרקויפט)[5], און ס'איז מיר געווען זייער אײַנגענעם צו הערן פון מײַן עלטערן ברודער[6], אַז אויף דער ערד צו שלאָפן איז גאָר ניט אַזוי שלעכט[7] (ש אָ ל ע ם-א ל ײ כ ע ם).

אַז דער זומער הייבט זיך אָן[8] און די ביימער הייבן אָן צו בליִען[9], זיך באַדעקן מיט ווײַסע פעדערלעך[10], קאָנט איר האָפן[11], אַז ניט הײַנט איז מאָרגן[12] — וועלן זיך באַווײַזן אין די קורצע שטעכלדיקע ביימעלעך גרינע אַגרעסן[13]. דאָס איז די ערשטע פּירות[14], וואָס עס גלוסט זיך אײַך פּאַרזוכן[15]. פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן[16], ביז די אַגרעסן ווערן רויט[17]. נאַראָנים[18]! איך זאָל האָבן די בראָכעס[19], וואָס גרינערהייט זײַנען זיי אַ סאַך מער באַטאַמט און געשמאַק[20] (ש אָ ל ע ם-א ל ײ כ ע ם).

אין די ווייטערדיקע פראַזעס פון שאָלעם-אַלייכעמס „מאָטל" זײַנען פאַראַן צוויי (2) „מיך", וואָס האָבן דעם באַטײַט[21] פון „זיך". ווײַזט זיי אָן[22].

מײַן ברודער עליע פירט מיך אַרײַן אין קראַנקן ביידער. דער טאַטע דערזעט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט אַ לאַנגן דאַרן פינגער[23]. מײַן ברודער שטופּט מיך אונטער[24]. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט[25]. אַלע שטעלן זיך אײַן פאַר מיר[26]. מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם[27]. אַלע ווילן מיך. פאַראַן באַלאָנים[28], וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק[29]. איך ווייס, אַז איצט וועט ער(עליע) מיך ניט אָנרירן[30], ווײַל איך בין אַ יאָסעם.

ווײַזט אָן די פּרעפיקסן און די צונאָבן אין די פאָריקע פראַזעס און פראַגמענטן.

Перевод: 1) к порядку слов; 2) постелив на земле (на полу); 3) мы оба, я и мой брат Эля, растянулись как графы; 4) накрылись оба одним одеялом; 5) его (одеяло) продали; 6) и мне было очень приятно услышать от моего старшего брата; 7) что спать на земле вовсе не так плохо; 8) когда лето начинается; 9) цвести; 10) покрываться белыми пушинками; 11) можете надеяться; 12) не сегодня — то завтра; 13) на низеньких колючих кустах покажется зеленый крыжовник; 14) первый плод; 15) который вам хочется попробовать; 16) дожидаются; 17) пока крыжовник становится красным; 18) глупцы; 19) благословения; 20) в зеленом виде (состоянии) гораздо аппетитнее и вкуснее; 21) значение; 22) укажите их; 23) длинным тонким пальцем; 24) подталкивает меня; 25) если бы не стыдился — расплакался бы; 26) все заступаются; 27) сирота; 28) желающие; 29) навсегда; 30) не тронет.

ווערבן מיטן פּאַרטיקל „זיך" רופט מען אָפט רעפלעקסיווע (ווידערקעריקע)[1], ווײַל מערסטנס[2] ווײַזן זיי אַ סוּנג פון אַ סוביעקט, וואָס איז גלײַכצײַטיק[3] אַן אָביעקט: ער וואַשט זיך, ער טוט זיך אָן. אַזוי איז אויך בײַ אַזעלכע ווערבן, ווי באַגעגענען זיך, אַרומנעמען זיך: יעדער אָנטיילנעמער פון דער געמיינזאַמער טוּונג[4] איז אי אַ סוביעקט אי אַן אָביעקט.

אַן ענלעכן אינהאַלט קאָן מען צומאָל אויסדריקן[5] דורך אַ רעפלעקסיוון ווערב אָדער דורך אַן אַקטיוון (ניט קיין רעפלעקסיוון). לעמאָשל: אײַנגעבן זיך — געלינגען[6]; דערשלאָגן זיך — פּויעלן[7]; טומלען זיך — האָרען[8].

אַ רעפלעקסיווער ווערב קאָן אַמאָל האָבן דעם באַטײַט פון אַן אַקטיוון. לעמאָשל: דער הונט בײַסט זיך[9]. פאַרשטייט זיך[10], אַז ער בײַסט ניט זיך, נאָר עמעצן (אָדער אַלעמען). אַזוי איז אויך מיטן רעפלעקסיוון ווערב שלאָגן זיך[11]. מע קאָן זיך שלאָגן מיט עמעצן אָדער מיט עפּעס[12] און מע קאָן שלאָגן עמעצן, אַ צווייטן. שאָלעם-אַלייכעמס מאָטל דערציילט אַמטייגער: „מײַן ברודער עליע איז אַ געטרײַער[13] ברודער, אָבער ניט קיין גוטער רעבע[14]. ער איז אַ קעסן, ער שלאָגט זיך"[15].

די רעפלעקסיוויטעט פון ווערבן פאַלט ניט שטענדיק צונויף[16] אין יידיש און אין רוסיש (אָדער אין אַנדערע שפּראַכן). לעמאָשל: די יידישע רעפלעקסיווע ווערבן לאַנגווײַלן זיך און סודען זיך זײַנען אין רוסיש: скучать און секретничать — ניט רעפלעקסיוו. און די רוסישע ווערבן смеяться און сомневаться זײַנען אין יידיש: לאַכן און צווייפלען.

Перевод: 1) возвратные; 2) большей частью; 3) одновременно; 4) каждый участник совместного действия; 5) сходное содержание можно порой выразить; 6) удаваться; 7) добиваться; 8) суетиться; 9) собака кусается; 10) понятно; 11) драться; 12) с чем-нибудь; 13) преданный; 14) плохой учитель; 15) он вспыльчивый, он дерется; 16) не всегда совпадает.

אַקטיווע, רעפלעקסיווע און פּאַסיווע ווערבן[1]

1. די דעלעגאַטן רעגיסטרירט מען באַם אַרײַנגאַנג[2].
2. די דעלעגאַטן רעגיסטרירן זיך באַם אַרײַנגאַנג[3].
3. די דעלעגאַטן ווערן רעגיסטרירט באַם אַרײַנגאַנג[3].

אין דער ערשטער פראַזע איז דער ווערב אַן אַקטיווער. „די דעלעגאַטן" זײַנען אַן אָביעקט. דער סוביעקט, דער טוער[4] (דער רעגיסטראַטאָר) איז דאָ דער פּראָנאָם „מען" („מען"

נעמט זיך פונעם סובסטאַנטיוו „מאַן“). אין דער צווייטער פראַזע איז דער ווערב אַ רעפלעקסיווער. דאָ זײַנען „די דעלעגאַטן“ אַ סוביעקט — זיי רעגיסטרירן זיך אַליין. אין דער דריטער פראַזע איז דער ווערב אַ פּאַסיווער. „די דעלעגאַטן“ זײַנען דאָ נאָר גראַמאַטיש אַ סוביעקט (דער ווערב ציט זיך צו זיי), אָבער פאַקטיש זײַנען זיי אַן אָביעקט: זיי אַליין טוען גאָרנישט — מע טוט עפּעס מיט זיי.

אין רוסיש ווערן די צווייטע און דריטע פראַזעס איבערגעזעצט אַלצײַנס. אין ייִדיש, ווי איר זעט, מאַכט מען אַן אונטערשייד[5]. אין אייניקע פאַלן[6] זײַנען רעפלעקסיוו און פּאַסיוו אויך אין ייִדיש סינאָנימיש. לעמאָשל:

1. די באַגעגעניש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער שׂימחה[7].
2. די באַגעגעניש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער שׂימחה[8].

בכלל אָבער דאַרף מען געדענקען דעם אונטערשייד[9] צווישן אַקטיווע, רעפלעקסיווע און פּאַסיווע ווערבן.

די סטרוקטור פון אַ רעפלעקסיוון ווערב שיידט זיך אונטער[10] פון אַן אַקטיוון נאָר מיטן „זיך“. די סטרוקטור פון אַ פּאַסיוון ווערב איז: הילפֿווערב „ווערן“ אָדער „זײַן“ (בין, ביסט...)+פּאַרטיציפּ. לעמאָשל:

אין קעגנוואַרט: ער ווערט אָנגענומען אין אוניווערסיטעט, ער איז אָנגענומען...

אין צוקונפט: ער וועט ווערן (זײַן) אָנגענומען...; אָדער: ער וועט אָנגענומען ווערן;

אין פאַרגאַנגענהייט: ער איז אָנגענומען געוואָרן... ער איז געווען אָנגענומען...

מיט „ווערן“ קומט אַ פּאַסיווער ווערב, ווען מע וויל ווײַזן אַן אָנהייב[11] פון אַ פּאַסיווער טוונג (אָדער צושטאַנד); מיט „זײַן“ — ווען מע וויל ווײַזן בכלל אַ פּאַסיווע טוונג (אָדער צושטאַנד). פאַרגלײַכט: די יוגנט[12] ווערט אָרגאַניזירט — די יוגנט איז אָרגאַניזירט.

פּאַסיווע סטרוקטורן ווענדט מען אין ייִדיש אָן זעלטענער[13], איידער אין רוסיש. דערי־בער דאַרף מען בכלל אויסמײַדן[14] אַזעלכע פאָרמולירונגען, ווי פאָלגנדיקע:

1. עס וועט דאָ געשאַפן ווערן[15] אַ סאַנאַטאָריע פאַר קינדער.
2. וועגן דעם איניען[16] איז געפירט געוואָרן אַ לאַנגע דיסקוסיע.

אין ייִדיש איז בעסער: 1) דאָ וועט מען שאַפן (דאָ וועט זײַן) אַ סאַנאַטאָריע פאַר קינדער; 2) וועגן דעם איניען האָט מען געפירט אַ לאַנגע דיסקוסיע.

באַזונדערס[17] דאַרף מען אין ייִדיש אויסמײַדן אַזעלכע פּאַסיווע זאַצן, ווי פאָלגנדיקער: „עס זײַנען געלייגט געוואָרן בלומענקראַנצן[18] דורך דעם שטאָטראַט[19], דורך אַנטיפֿאַשיסטישע קעמפער[20] און דורך אַ ריי פאַרשיידענע אַנשטאַלטן[21]. פאַר ייִדיש, וואָס האָט ווייניקער בייגפאָרמעס[22], איידער רוסיש, און איז ניט אַזוי שטאַרק[23] פאַרקאַנצעלאַריזירט, ווי דאָס אָפֿיציעלע רוסיש, איז פּאַסיקער[24], מע זאָל זאָגן אַזוי: עס האָבן געלייגט בלומענקראַנצן דער שטאָטראַט, אַנטיפֿאַשיסטישע קעמפער, אַ ריי... — אַזוי איז קירצער, גרינגער און נאַטירלעכער[25].

דאָס הייסט אָבער ניט[26], אַז די פּאַסיווע סטרוקטור איז בכלל טרייף[27]. עס זײַנען פאַראַן פאַלן, ווען זי איז גאַנץ פּאַסיק. לעמאָשל: „די שטרעבונג פון אַננאַ פראַנק „צו לעבן נאָכן טויט“[28] איז דערפילט געוואָרן אין אַ געוויסער הינזיכט“[29]. „די שטרעבונג...“ איז דאָ אַ גראַמאַטישער סוביעקט (און אַ פאַקטישער אָביעקט). קיין פאַקטישער סוביעקט איז דאָ ניטאָ. קיינער האָט זיך ניט באַמיט[30] אויסצופילן די דאָזיקע שטרעבונג. עס האָט זיך אַליין פון זיך באַקומען[31], ניט געקוקט אויף אַלע מערדערייען[32] פון די פאַשיסטן. קיין „מען“ איז דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך ניט שײַך[33]. דעריבער איז דאָ די פּאַסיווע סטרוקטור באַרעכטיקט[34].

Перевод: 1) действительные, возвратные и страдательные; 2) делегатов регистрируют у входа; 3) делегаты регистрируются у входа; 4) деятель; 5) различают; 6) в некоторых случаях; 7) встреча превратилась в большое торжество; 8) была превращена (превратилась); 9) разница, различие; 10) отличается; 11) начало; 12) молодежь; 13) применяют реже; 14) избежать; 15) будет создана; 16) об этом деле (по этому поводу); 17) в особенности; 18) венки; 19) горсовет; 20) борцы; 21) разные учреждения; 22) меньше падежных форм; 23) не так сильно; 24) больше подходит; 25) короче, легче и естественнее; 26) но это не значит; 27) недозволена; 28) стремление... «жить после смерти»; 29) выполнено в известном смысле; 30) никто не старался; 31) само собою получилось; 32) несмотря на все злодеяния; 33) невозможно, немыслимо; 34) оправдана.

דאַצענט ע. פאַלקאָוויטש

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

מאָדוסן[1]—פאַקטישע און ניט קיין פאַקטישע טוונגען

די צײַטפאָרמעס קענגוואַרט, פאַרגאַנגענהײט און צוקונפט („סאָוועטיש היימלאַנד", נר מערן 4 און 5) ווײַזן טוונגען, וואָס קומען פאָר[2], זײַנען פאַרגעקומען אָדער וועלן פאַרקומען. אַזעלכע טוונגען געהערן צום **פאַקטישן מאָדוס** (אינדיקאַטיוו)[3], אויב אפילע זיי זײַנען מיטן פאַרטיקל „ניט" (זען נומער 4).

ניט קיין פאַקטישע מאָדוסן[4] זײַנען אין ייִדיש פאַראַן פאָלגנדיקע: באַדינג־מאָדוס[5], באַדויער־מאָדוס[6], באַפעל־מאָדוס[7], געמישטער מאָדוס[8].

באַדינג־מאָדוס באַטײַט א טוונג, וואָס וואָלט פאַרגעקומען בא א געוויסן טנאַי (באַדינג)[9] אָדער בא א געוויסער האַשאָרע[10], אָבער פאַקטיש קומט זי ניט פאָר. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז פערזאָניקער הילפוערב „וואָלט" + אינפיניטיוו אָדער פאַרטיציפּ. לעמאָשל:

1\. ווען א כאַזער וואָלט האָבן הערנער[11], וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט[12].

2\. ווען טילים[13] וואָלט זײַן א רעפוּע[14], וואָלט מען עס פאַרקויפט אין אַפּטייק[15].

באַדויער־מאָדוס באַטײַט באַדויערונג[16] אָדער כאַראָטע[17]. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז הילפוואָרט „כאָטש" אָדער „גאָכ" + פערזאָניקער הילפוערב „וואָלט" + פאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו. לעמאָשל: גאָכ וואָלט זי מיך געכאַפּט אַליין, אָן איידעס[18], וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן בא איר[19] (**שאָלעם־אַליי כעם**).

אָנמערקונג. אַנשטאָט „כאָטש וואָלט" זאָגט מען אין א ריי ערטער „כאָלט". לעמאָשל: כאָלט איך בעסער ניט געגאַנגען אַהין. כאָלט איך אים ניט געקענט...

באַפעל־מאָדוס (אימפּעראַטיוו) באַטײַט א באַפעל, א באַקאָשע[20] אָדער א פאַרלאַנג[21] וועגן א טוונג, וואָס עס דאַרף געווײַנטלעך טאָן א צווייטע פערזאָן אין איינצאָל אָדער אין מערצאָל. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז ענלעך צו דער ערשטער פערזאָן איינצאָל פון קענגוואַרט (זיץ, פאַרשרײַב, קוק דורך, טו זיך אָן...) אָדער צו דער צווייטער פערזאָן מערצאָל (זיצט, פאַרשרײַבט, קוקט דורך, טוט זיך אָן...). ניט ענלעך זײַנען בלויז די ווערטער „בין — זײַ": איך בין דאָ — זײַ אויך דאָ.

1\. גרייט דיר אָן אין דער יוגנט[22], וועסטו האָבן אויף דער עלטער[23].

2\. ווילסט האָבן א פּאָנעם בא לײַטן[24], האָב פריער בא זיך אַליין[25].

אָנמערקונג. באַם באַפעל־מאָדוס פון א ווערב מיט א צוגאָב קאָן דער צוגאָב אָפּטמאָל זײַן אָן דעם גרונטווערב (זען נומער 6). לעמאָשל: אַרויס! אַוועק! אין מערצאָל ווערט אַזא צוגאָב קומען מיט דער פלעקסיע „־ט". לעמאָשל: אַוועקט, אַוועקט, פאַלשע געדאַנקען![26] (**שאָלעם־אַליי כעם**).

Перевод: 1) наклонения; 2) которые происходят; 3) изъявительное наклонение; 4) ирреальные наклонения; 5) сослагательное (условное) наклонение; 6) выражает сожаление или раскаяние; 7) повелительное; 8) «смешанное» наклонение; 9) при известном условии; 10) предположение; 11) имела бы рога; 12) мир (свет) не существовал бы; 13) псалтырь — библейская книга молитв, песнопений; 14) лекарство; 15) аптека; 16) сожаление; 17) раскаяние; 18) хоть бы она одна поймала меня, без свидетелей; 19) я бы мог отпроситься у нее; 20) просьба; 21) желание; 22) заготовь себе в молодости; 23) в старости; 24) у людей (у других); 25) раньше у самого себя; 26) прочь, фальшивые мысли!

באַפעל־מאָדוס איז אָפּטמאָל געווענדט[1] ניט דאַפקע צו א קאָנקרעטער (צווייטער) פערזאָן, נאָר צו יעדן איינעם[2], ווי, לעמאָשל, אין די לעצטע זאַצן[3] פון פאָלגנדיקע פראַגמענטן פון שאָלעם־אַליי כעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל":

1\. עפּל. דאַרפט איר וויסן, איז ניט קיין באַרן[4]. באַרן, זיי מעגן זײַן די בעסטע באַרן אין דער וועלט („בערגאַמאָטן")[5], וויבאַלד זיי זײַנען ניט רעכט פאַרטיק[6], קאָנט איר מיט זיי גאָרניט מאַכן[7]. **גייט קײַט האַלקע!**[8]

2\. אַגע, טרעפט, ווו איז דער גאַניידן[9] איר וועט ניט טרעפן. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווײַל בא איטלעכן איז ער אויף אן אַנדער אָרט[10]. לעמאָשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גאַניידן איז דאָרטן, ווו מײַן טאַטע, פּייסי דער כאַזן, געפינט זיך[11]... פרעגט זשע אָבער מײַנע כאַווײרים[12], וועלן זיי אײַך דערציילן מײַסעס[13], אַז דער גאַניידן געפינט זיך ערגעץ אויף א באַרג[14]... יינגלעך לויפן דאָרט אַרום פראַנק־און־פרײַ[15]. לערנען לערנט מען ניט. נאָר מע באָדט זיך גאַנצע טעג[16]... זעט איר שוין פאַרטיק?[17] קומט צו גיין א ייִד אַן איינבינדער[18] און טוט זיך א זאָג[19], אַז דער עמעסער גאַניידן איז גאָר פּרוסטיק אין באָד[20]... **הײַנט גייט דערגייט אָן עקן!**[21]

באַפעל־מאָדוס קאָן זײַן געווענדט אויך צום ריידער זעלבסט[22], ווי צו יעדן איינעם, און זײַן אין איינצאָל. לעמאָשל: די וועלט אַרום און אַרום איז מעכײַע[23], גרויס, אָפן, כאָטש **הייב זיך און פלי**[24], כאָטש **צי זיך אויס און שווים!**[25] (**שאָלעם־אַליי כעם**).

א באַפעל וועגן א טוונג איז אָפט שײַעך[26] ניט צו א צווייטער פערזאָן, נאָר צו א דריטער פערזאָן (אָדער זאַך). דעמלט איז די סטרוקטור פונעם באַפעל־מאָדוס אַזאַ: פערזאָניקער הילפווערב „לאָז, לאָזן“+אינפיניטיוו. לעמאָשל: לאָז ער לייענען[27], לאָז מען אופהערן טומלען[28], לאָזן זיי גיין.

זעט אויך אין דעם ווײַטערדיקן פראַגמענט פון „מאָטל פייסי דעם כאַזנס ייִנגל“:

— לאָז ער שווערן[29], אַז ער וועט שוין מער אפילע ניט אַרײַנקוקן[30] צו מיר אין גאָרטן אַרײַן! — פאָדערט די רויפעטע מיט איר מאַנצבלשער שטים[31] אָן א קאַפ ראַכמאָנעס צו א יאָסעם[32].

— לאָז מיר אָפדאַרן די הענט[33], לאָז מיר ארויס די אויגן[34], — זאָג איך און גיי מיט דער מאַמען אַהיים און הער אויס איר מוסער מיט איר וויינען[35], און צעוויין מיך אַליין אויך גאַנץ געשמאַק.

אָנמערקונג. „לאָזן“ איז פאַראַן אויך א זעלבשטענדיקער ווערב. לעמאָשל: איך האָב אים געלאָזט אין שטוב[36]. איך קאָן ניט לאָזן די אַרבעט[37]. דאָ ווײַזט דער ווערב „לאָזן“ א פאַקטישע טוונג. ער קאָן זײַן אויך אין באַפעל־מאָדוס: לאָז אים (זיי) אין שטוב. לאָזט אים (זיי) די אַרבעט.

Перевод: 1) обращен(о); 2) к любому; 3) в последних предложениях; 4) яблоки, должны вы знать, это не груши; 5) даже самые лучшие на свете; 6) раз не созрели как следует; 7) вы с ними ничего не сделаете; 8) точно дерево грызешь (дословно: идите жуйте дрова); 9) отгадайте, где находится рай; 10) для каждого он в другом месте; 11) где... кантор Пейси находится; 12) но спросите моих товарищей; 13) сказки; 14) где-то на горе; 15) совершенно свободно; 16) целые дни; 17) думаете — это всё? (дословно: так вы уже готовы?); 18) переплетчик; 19) заявляет (сказанул); 20) настоящий рай — в пятницу в бане; 21) вот и добейтесь толку; 22) к самому говорящему; 23) прекрасен, замечателен (дословно: оживляет); 24) хоть поднимись и лети; 25) хоть растянись и плыви; 26) относится; 27) пусть он читает; 28) пусть перестанут шуметь; 29) пусть поклянется; 30) что он больше даже не взглянет...; 31) требует лекарша своим мужским голосом; 32) без капли жалости к сироте; 33) чтоб у меня руки отсохли; 34) чтоб у меня глаза вылезли; 35) выслушиваю её нравоучения и ее плач; 36) оставил дома; 37) не могу оставить работу.

ווען די טוונג וויל טאָן דער ריידער זעלבסט אָדער איינעם מיט נאָך עמעצן, איז די סטרוקטור פונעם באַפעל־מאָדוס „לאָמיך“ (איינצאָל) אָדער „לאָמיר“ (מערצאָל)+אינפיניטיוו. לעמאָשל: לאָמיך זיך נעמען דערצו. לאָמיר אָנהייבן די אַרבעט. אַמאָל קומט „לאָמיך“ (לאָז מיך) אָדער „לאָמיר“ אָן דעם אינפיניטיוו. לעמאָשל: מאַמע! לאָמיך אַהיים. מאַמע! (פ ע ר ע ץ).

קוקט זיך צו צו די ווערבפאָרמעס אינעם ווײַטערדיקן פראַגמענט פון שאָלעם־אַלייכעמס „שיר־האַשירים“ און אין שיקע דריזס ליד „גוטמאָרגן“.

און אָט זײַנען מיר באַם בריקל[1]...

דאָס טײַכל לויפט[2], די זשאַבעס קוואַקען[3], און די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך[4], און בוזי ציטערט[5].

— אַי, ביסטו, בוזי, א... וואָס האָסטו מוירע, נאַרעלע[6] האַלט זיך אָן אָן מיר[7], אָדער גיב, לאָמיך דיך אַרומנעמען[8], איך דיך, און דו מיך. זעסטו[9] אָט אַזוי. אָט אַזוי[10].

איך וווין אין מאָסקווע,
דו — אין פאַריז,
דיך רופט מען שאַרל,
מיך — שיקע דריז.

לאָמיר זשע לייטערס
באַ שכיינים אַנטלײַען[11]
און איינער דעם צווייטן
גוטמאָרגן זיך שרײַען[12].

Перевод: 1) у мостика; 2) речка течет (дословно: бежит); 3) лягушки квакают; 4) доски шатаются, качаются; 5) а Бузя дрожит; 6) чего ты боишься, глупенькая?; 7) держись за меня; 8) или давай я тебя обниму; 9) видишь? 10) вот так; 11) давайте у соседей лестницы возьмем; 12) и один другого добрым утром приветствовать.

ג ע מ י ש ט ע ר   מ אָ ד ו ס

דער דאַזיקער מאָדוס האָט א סאַך באַטײַטן: א באַדינג, א באַפעל, א פאַרלאַנג וועגן א טוונג, אָפטמאָל אויך א כידעש[1], א האַשאָרע אָדער אַן אומזיכערקייט[2] אין דער טוונג פון דער מיטיילונג[3], און נאָך אַנדערע. די סטרוקטור פונעם דאַזיקן מאָדוס איז הילפווערב „זאָל“+אינפיניטיוו. לעמאָשל: וואָס א גראָבער בויך קאָסט[4], וואָלט איך געוואָלט האָבן; וואָס ער איז זוערט[5], זאָלן מײַנע סאָנים פאַרמאָגן[6].

זעט אויך אין די ווײַטערדיקע פראַגמענטן פון „מאָטל פייסי דעם כאַזנס ייִנגל“:

1) איך זאָל זײַן א קייסער[7], וואָלט איך א גאַנץ יאָר געגעסן קאַוועגע מיט ברויט[8]. 2) דער כאָסן, מײַן ברודער עליע, קוקט אָף מיר, איך זאָל זיצן ווי א מענטש, איך זאָל עסן מיט א גאָפל[9] און זאָל ניט כאַפן[10], און זאָל אַכטונג געבן אָף דער נאָז[11]. 3) זיי זאָגן, אַז איך עס

מאך איך מיט די ליפן[12]. איך וואלט וועלן זען יענעם מענטשן[13], וואס זאל עסן און ניט מאכן מיט די ליפן. 4) מיין ברודער עליע הערט אויס די מיטע מיט די עפל און ווערט בלאס[14]. אפאנעם, פאר קאס[15]. די מאמע דערזעט, אז ער איז אויסער זיך[16]. זי האט מוירע[17], ער זאל מיך ניט שלאגן. זי רוימט אים איין א סאד[18], ער זאל מיך ניט שלאגן, ווארעם איך בין א יאסעם[19]. 5) אך, ווען[20] די מאמע זאל זיין א גוטע מאמע, וואלט זי מיך געמאכט פאר א קלעזמער[21]. איך ווייס אבער[22], אז זי וועט דאס ניט וועלן[23]. ניט מאכמעס זי איז א שלעכטע[24], נאר מאכמעס די וועלט וועט ניט דערלאזן[25], אז פייסי דעם באזנס יונגל זאל זיין א קלעזמער. ניט קיין קלעזמער און ניט קיין באלמעלאכע[26].

אמאל איז געווען...
אז אמאל איז געווען, איז ניט וויכטיק נאך[27],
וויכטיק איז, עס זאל ווידער זיין[28].
זוך אין אמאליקן א ליכטיק ארט[29],
ס'זאל אויך אף איצטיקן ווארפן שיין[30]...

דאוויד האפשטיין

Перевод: 1) удивление; 2) неуверенность; 3) сообщение; 4) что толстое брюхо стóит; 5) какая ему цена; 6) пусть мои враги имеют; 7) будь я царем; 8) арбуз с хлебом; 9) вилка; 10) чтоб не торопился; 11) чтоб следил за носом; 12) «делаю» губами; 13) того человека; 14) бледнеет; 15) видимо (вероятно), от гнева; 16) вне себя; 17) боится; 18) просит его шепотом (дословно: шепчет ему секрет); 19) ибо я сирота; 20) если бы; 21) музыкант; 22) но я знаю; 23) она не захочет; 24) не потому, что она плохая (злая); 25) мир не допустит; 26) ремесленник; 27) еще неважно; 28) чтобы опять было; 29) ищи в былом светлое место; 30) чтобы и на теперешнее бросало свет.

אפט קאן איין מאדוס קומען אנשטאט א צווייטן, האבן דעם באטייט פון א צווייטן. לעמאשל, די פארמע „וואלט"+ פארטיציפ אדער אינפיניטיוו קאן צוליב העפלעכקייט[1], צוליב אפשיי[2] אנגעווענדט ווערן אף אויסצודריקן[3] א טוונג, וואס מע מיינט זי אלס א פאקטישע[4]. אנשטאט „איך בעט אייך אויסהערן מיך ביזן סאף[5]" זאגט מען: „איך וואלט אייך געוואלט בעטן[6] אויסהערן מיך ביזן סאף". און פארקערט[7]: קעדיי פארצושטעלן[8] א באדינגלעכע[9] טוונג אלס א מער לעבעדיקע[10], קאן אנשטאט באדינג־מאדוס קומען פאקטישער מאדוס. לעמאשל: ווען איך בין זיכער[11], אז די דייטשישע ארמיי וועט זיין ניטראל, וועק איך אוף די קריגסגעפאנגענע[12] און גיי מיט דיר ארויס אין גאס (ד א נ ג ע ל). אנשטאט באפעל־מאדוס ווערן אפט אנגעווענדט אלע אנדערע מאדוסן, ווייל דאס גיט די מעגלעכקייט אויסצודריקן פארשיידענע ניואנסן פון א העפלעכן אדער האכנאעדיקן[13] פארלאנג אדער באפעל.

אנמערקונג. א פארלאנג אדער א באפעל ווען א טוונג קאן מען אויסדריקן אויך דורך אן אינפיניטיוו. לעמאשל: העכערן די פראדוקטיוויקייט! און אמאל אפילו אינגאנצן[14] אן א ווערב. לעמאשל: שטארקער די פעלקער־פריינטשאפט![15]

Перевод: 1) учтивость; 2) почтение; 3) чтобы выразить; 4) которое мыслится как реальное; 5) прошу вас выслушать меня до конца; 6) я бы хотел вас просить; 7) наоборот; 8) чтобы представить; 9) условное; 10) живо; 11) будь я уверенным; 12) военнопленные; 13) покорный; 14) совершенно, всецело; 15) прочнее (крепче) дружбу народов!

דאצענט מ. פאלקאוויטש

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

דויערדיקע און מאָמענטאַלע ווערבן[1]

א סאַך ווערבן האָבן פאַרמעס, וואָס ווײַזן דעם דויער פון דער טוונג[2]. פאַרגלײַכט לעמאָשל:

קוקן[3]	האַלטן[4] אין קוקן	א קוק טאָן (געבן)[5]
שטופן[6]	האַלטן אין שטופן	א שטופ טאָן (געבן)[7]

די ווערבן רעכטס[8] ווײַזן א טוונג בכלל[9]. אינמיטן[10] ווײַזן די ווערבן דויערדיקע טוונגען, און לינקס[11] — טוונגען, וואָס קומען פאָר[12] מאָמענטאַל.

די סטרוקטור פון א דויערדיקן ווערב איז הילפוווערב „האַלטן" + פּרעפּאָזיציע „אין" + אן אינפיניטיוו, וואָס ווײַזט די טוונג. ווען מע וויל די דויערדיקײַט פון דער טוונג נאָך מער פאַרשטאַרקן[13], שטעלט מען פאַרן אינפיניטיוו אַרײַן דאָס וואָרט „איין". לעמאָשל: ער האַלט אין איין קוקן, ער האַלט אין איין שטופן, זי (די מאַמע) האַלט אין איין יאָמערן[14] און אין איין כאַלעשן[15] בא מײַן ברודער עליע אױף די הענט (שאָלעם־אַלייכעם). בוני די קעכן[16] האָט געהאַלטן אין איין בלאָזן[17] (ד. בערגעלסאָן).

די סטרוקטור פון א מאָמענטאַלן ווערב איז הילפוווערב „טאָן" אָדער „געבן" + אַרטיקל „א" + א סובסטאַנטיוו, וואָס ווײַזט די טוונג. דערבײַ קאָן דער סובסטאַנטיוו יאָ אָדער ניט צונױפפאַלן[18] מיט דער ווערבאַלער באַזע. לעמאָשל:

פאַלן צונויף	פאַלן ניט צונויף
איך נעם — איך טו (גיב) א נעם.	איך וואַרף[19] — איך טו (גיב) א וואָרף.
איך זאָג — איך טו (גיב) א זאָג.	איך שרײַ[20] — איך טו (גיב) א געשריי.

טײלמאָל קומט א מאָמענטאַלער ווערב מיטן הילפוווערב „כאַפּן". לעמאָשל: דערבײַ[21] כאַפּט זי (די מאַמע) דערווײַל[22] א וויין און א וויש די אויגן[23] (שאָלעם־אַלייכעם). זײַנע אויגן כאַפּן א גנייוויִשן קוק פון אונטערן שטערן[24] (ד. בערגעלסאָן).

דער מאָמענטאַלער ווערב קאָן קומען אין אַלע צײַטן: אין קעגנוואַרט, ווי אין די פּאַריקע בײַשפּילן, אין פאַרגאַנגענהייט (איך האָב א נעם געטאָן, א וואָרף געטאָן), אין צוקונפט (איך וועל א נעם טאָן, א וואָרף טאָן) און אויך אין דער פילמאָליקער פאַרגאַנגענהייט: איך פלעג א נעם טאָן, א וואָרף טאָן[25].

Перевод: 1) длительные и мгновенные глаголы; 2) продолжительность действия; 3) смотреть, глядеть; 4) держать; 5) посмотреть, взглянуть; 6) толкать; 7) толкнуть; 8) справа; 9) вообще — без определенного видового значения; 10) в середине; 11) слева; 12) происходят; 13) усилить; 14) вопить, стенать; 15) падать в обморок; 16) кухарка Буня; 17) дуть (только одно и делала — дула); 18) совпасть, совпадать; 19) бросаю; 20) кричу; 21) при этом; 22) пока; 23) «вейн» — от «вейнэн» — плакать; «виш» — от «вишн» — вытирать; 24) воровской взгляд из-под лба; 25) в этих примерах многократное прошедшее мгновенного (однократного) вида обозначает мгновенное действие, повторявшееся много раз.

ווען א מאָמענטאַלער ווערב איז מיט א צונאָב, קומט דער צונאָב באַזונדער, נאָך דעם ווערבאַלן סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: דערנאָך גיט ער זיך פּלוצעם א שטעל אויף[1] (מענדעלע). איך טו זיך א רײַס אויס[2] (שאָלעם־אַלייכעם). דער היפּשער אוילעם[3] אַרום דער פאַרמאַכטער קאַרעטע[4] האָט זיך געגעבן א רוק אָפּ[5], זיך געטאָן א מיש אויס[6] (ד. בערגעלסאָן).

דער ווערבאַלער סובסטאַנטיוו פון א מאָמענטאַלן ווערב קאָן האָבן אַדיעקטיוון[7]. לעמאָשל: א גוטע קאָווענע איז מע טוט א רעכטן[8] טרײַסל[9], טוען די קערלעך[10] א פאַל אַרויס[11] (שאָלעם־אַלייכעם).

קוקט זיך צו צו די ווערבפאָרמעס אין די ווײַטערדיקע פראַגמענטן פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל" און אין ש. כאַלאַדענקאָס ליד.

1) מיטאמאָל[12] טוט זיך דער דאָקטער א דריי אויס מיטן בענקל צום קראַנקן טאַטן[13]. 2) אַף עפּל און אַף באַרן איז רוזון שוין איינמאָל א מייוון[14]. ער, אַז ער טוט א קוק מיט איין אויג אַף א בוים, וועט ער אַיך באַלד זאָגן[15], וויפל פּאַרנאָסע[16] דער בוים קאָן געבן. 3) בא מענאַשעבס דער רויפּעטע אין גאָרטן זיינען דאָ צוויי רייען קליינע ביימעלעך. האַרט בא דער ערד[17], אָנגעזעצט מיט ווײַמפּערלעך[18]. אַף דער זון ברענען זיי און פינקלען אָפּ[19], און עס גלוסט זיך[20] כאָטש איין צווײַגעלע[21], כאָטש איין ווײַמפּערל[22] מיט צוויי פינגער[23] געבן א ריס אָפּ[24] און גלײַך אין מויל אַרײַן[25]. 4) דאָס אָנגעשריבענע[26] האָט ער (דער ברודער עליע) צוגעטראָגן פריִער[27] צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מײַן שווּעגערן בראָכע. די בײדע האָבן געגעבן א קוק אַרײַן[28] און א זאָג צו אים: — סע שרײַבט! 5) באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער[29] צו דער פריִערדיקער[30] אַרבעט. אָנגעגאָסן נאָך א פּאָר עמער וואַסער[31], האָט מײַן ברודער עליע אויפגעהויבן די האַנט: „גענוג!"[32] ווידעראַמאָל אײַנגעטונקען די פען אין פאַס[33], ווידעראַמאָל געגעבן א שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר[34] אַרײַן און ווידעראַמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריִער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מײַן שווּעגערן בראָכע. די בײדע האָבן ווידער געגעבן א קוק אַרײַן אין פּאַפּיר אַרײַן און א זאָג: — סע שרײַבט.

סײַ אין פרייד און סײַ אין טרויער[35]
הײַנער האַלט מען אין איין בויען[36],
קינדער האַלט מען אין איין האָבן[37],
און... פאַרשטייט זיך, גריבער גראָבן[38].

שײנע אָדעמלעך און כאַוועס[39],
זינט[40] די וועלט איז נאָר געבאָרן,
האַלטן שטענדיק[41] אין איין האָווען[42]
אַף דעם מאָרגן צו באַזאָרגן[43].

איך באַגיי די זעלבע אוולע[44],
שטענדיק טראַכט איך וועגן מאָרגן,
ווײַל[45] א מענטש כ'בין גלײַך מיט אַלע[46],
איך פאַרגרייט, און איך באַוואָרן[47].

נאָר בעשאַס די הייסטע דײַגעס[48]
בלײַב איך שטיין און איך פאַרטראַכט זיך[49],
כ'זאָל קיין גרעזל[50] ניט פאַרבײַגיין,
כ'זאָל קיין מענטשן ניט פאַראַכטן[51].

שיפרע כאָלאָדענקאָ

Перевод: 1) от глагола «уфштэлн зих» — встать; 2) от глагола «ойсрайсн зих» — вырваться; 3) значительный (большой) народ (толпа); 4) около закрытой кареты; 5) от глагола «опрукн зих» — отодвинуться; 6) от глагола «ойсмишн зих» — смешаться; 7) прилагательные; 8) настоящий (должный); 9) от глагола «трейслэн» — трясти; 10) зёрнышки; 11) от глагола «аройсфалн» — выпасть; 12) сразу, вдруг; 13) доктор вместе со стулом поворачивается к больному отцу; 14) большой знаток; 15) сразу скажет; 16) сколько прибыли; 17) два ряда маленьких приземистых кустов; 18) усыпанных красной смородиной; 19) краснеют и сверкают; 20) хочется; 21) хоть одну веточку; 22) смородинку; 23) двумя пальцами; 24) от глагола «опрайсн» — оторвать; 25) прямо в рот; 26) написанное; 27) поднёс сначала; 28) от глагола «арайнкукн» — заглянуть; 29) снова; 30) прежний; 31) влили еще пару ведер воды; 32) довольно; 33) снова обмакнул перо в бочку; 34) белая бумага; 35) и в радости и в печали; 36) дома строят; 37) детей рожают; 38) ямы копают; 39) Адамчики и Евы; 40) с тех пор; 41) постоянно; 42) суетится; 43) обеспечить; 44) делаю (допускаю) ту же несправедливость (дурной поступок); 45) ибо; 46) как и все (одинаково со всеми); 47) заготавливаю и обеспечиваю; 48) но во время самых горячих забот; 49) задумываюсь; 50) травинка; 51) презирать.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

באַשרײַביקע (פּעריפֿראַסטישע) ווערבן[1]

באַשרײַביקע ווערבן זײַנען אַזעלכע, ווי „ברענגען צו טראָגן[2]", מילכאָמע האַלטן[3], קאַליע מאַכן[4], געוואָר ווערן[5], מעכאַבעד זײַן[6]"... אין אַ באַשרײַביקן ווערב איז די טוּונג אויסגעדריקט[7] דורך אַ גרופּע ווערטער, וואָס בילדן איין באַגריף[8]. איינס פֿון די דאָזיקע ווערטער איז אַ הילפֿווערב, וואָס בײַגט זיך[9] אין צאָל, פּערזאָן, צײַט און מאָדוס. די אַנדערע ווערטער זײַנען אינפֿיניטיוון, פּאַרטיציפּן, סובסטאַנטיוון און אַנדערע. לעמאָשל: איך ברענג צו טראָגן, דו ברענגסט צו טראָגן... איך האָב געבראַכט צו טראָגן... איך וואָלט געבראַכט צו טראָגן און אַזוי ווײַטער.

אין ייִדיש זײַנען פֿאַראַן אַ סך טיפּן באַשרײַביקע ווערבן. לעמאָשל:

1) הילפֿווערב „קומען, ברענגען" אָדער „געבן" + „צו" + אינפֿיניטיוו. לעמאָשל: קומען צו גיין, קומען צו לויפֿן, קומען צו פֿליִען...; ברענגען צו טראָגן, ברענגען צו פֿירן, ברענגען צו שלעפּן[10]...; געבן צו וויסן[11], געבן צו פֿאַרשטיין, געבן צו דערקלערן[12]...;

2) הילפֿווערב „ווערן"+פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: אַנשווײַגן ווערן[13], אַנשלאָפֿן ווערן[14], פֿאַרפֿאַלן ווערן[15], פֿאַרפֿראָרן (פֿאַרפֿרוירן) ווערן[16], פֿאַרפֿרעמדט ווערן[17], פֿאַרשימלט ווערן[18]...;

3) הילפֿווערב „זײַן" + סעמיטישער פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: זויכע זײַן[19], כוישעד זײַן[20], מוידיִע זײַן[21], מויכל זײַן[22], מאַטריעך זײַן[23], מאַצל זײַן[24], מעכאַבעד זײַן[25], מעקײַעם זײַן[26]...;

4) הילפֿווערב „ווערן" + סעמיטישער פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: ניִמעס ווערן[27], ניפּטער ווערן[28], ניצל ווערן[29], נישטוימעם ווערן[30], באָטל ווערן[31], פּאָטער ווערן[32], ניספּאָעל ווערן[33]...;

5) הילפֿווערב „זײַן" + סעמיטישער פּאַרטיציפּ + סעמיטישער סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: מעקאַבל־פּאָנעם זײַן[34], מאַכניס־אויריעך זײַן[35], מעוואַקער־כוילע זײַן[36], מויצע־כײן זײַן[37]...;

6) הילפֿווערב „זײַן" + פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס. לעמאָשל: אויסן זײַן[38], אימשטאַנד זײַן[39], בעיאָר זײַן[40], בעקויעך זײַן[41], בעדיל־האָדאָל זײַן (ווערן) (פֿאַראָרעמט ווערן)[42]...; 7) הילפֿווערב „האָבן" + סובסטאַנטיוו אָדער אַנדערע. לעמאָשל: האַנאָע האָבן[43], כאַסענע האָבן[44], כאַראָטע האָבן[45], כיישעק האָבן[46], מוירע האָבן[47], ליב האָבן[48], פֿײַנט האָבן[49]...;

8) הילפֿווערב „מאַכן" אָדער „טאָן" + סובסטאַנטיוו אָדער אַנדערע. לעמאָשל: כאַסענע מאַכן[50], כאָרעוו מאַכן[51], באָטל מאַכן[52], כויזעק מאַכן[53], אַ וואַזוראַך מאַכן[54], ווײ טאָן[55], טפֿילע טאָן[56], טשוּווע טאָן[57], אַ שידעך טאָן[58], האַנאָע טאָן...;

9) פֿאַרשיידענע הילפֿווערבן + פֿאַרשיידענע. לעמאָשל: מילכאָמע האַלטן, אַכטונג (האַשגאָכע) געבן[59], ליב באַקומען (קריגן)[60], קאַטאָוועס טרײַבן[61], פֿאַלן אַף אַן אייצע[62], שלאָגן זיך מיט דער דייע[63]...;

10) הילפֿווערב „טאָן" + אינפֿיניטיוו (מיט אָדער אָן „זיך"). דער דאָזיקער טיפּ איז היפּש[64] פֿאַרגעשטעלט אין עלטערע טעקסטן און אין פֿאָלקסלידער. טיילמאָל איז ער פֿאַראַן אויך אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. לעמאָשל: לײַט[65] טוען זיך פֿרייען מיט אים (ש אָ ל ע ם־ א ל ײ כ ע ם). די גאַנצע וועלט טוט זיך דאָ וויגן[66] (ד. ב ע ר ג ע ל ס אָ ן). זינגען לידער פֿײַנערן, און דער גאַנצער סטעפּ[67] טוט הערן (ש. ה אַ ל ק י ן). ביכלאַל אָבער איז דער טיפּ פֿאַרעלטערט (אַרכאַיש).

Перевод: 1) описательные глаголы; 2) приносить (см. ниже — примеры в первой группе); 3) воевать (дословно: «войну держать»); 4) (ис)портить; 5) узнать, навестить; 6) угостить; 7) выражено; 8) образующие одно понятие; 9) спрягаемый; 10) притащить, приволочь; 11) дать знать; 12) объяснить, разъяснить; 13) замолчать; 14) заснуть; 15) пропасть; 16) замерзнуть; 17) стать чуждым; 18) заплесне(ве)ть; 19) удостоиться; 20) подозревать; 21) известить; 22) простить; 23) утрудить, побеспокоить; 24) спасти; 25) угостить, почтить, удостоить; 26) исполнить, осуществить; 27) опротиветь; 28) скончаться, умереть; 29) спастись, избавиться; 30) поразиться; 31) стать недействительным, растерянным; 32) избавиться, отделаться; 33) изумляться, восхищаться; 34) встречать, принимать; 35) быть гостеприимным; 36) посетить больного; 37) нравиться; 38) иметь намерение; 39) быть в состоянии; 40) иметь возможность; 41) иметь силу, возможность; 42) оскуде(ва)ть, быть в оскудении; 43) иметь удовольствие; 44) жениться, выйти замуж; 45) раскаяться; передумать; 46) иметь желание, охоту; 47) бояться (дословно: иметь страх); 48) любить; 49) не любить; ненавидеть; 50) женить, выдать замуж; 51) разрушить, опустошить; 52) отменить, уничтожить; 53) издеваться, глумиться; 54) ударить, скрыться; 55) болеть, причинять боль; 56) молиться; 57) покаяться; 58) вступить в брак; 59) наблюдать, присматривать; 60) полюбить; 61) издеваться, глумиться, насмехаться; 62) прийти на ум; найти совет; 63) раздумывать; 64) значительно (много); 65) люди; 66) качается; 67) степь (в идише произносится: стэп).

אַנמערקונג 1. ווערבן פֿונעם 2־טן טיפּ זײַנען ניט קיין פּאַסיוונע, נאָר אַקטיוונע. אויב זיי קומען מיט אַ סוביעקט, איז ער דער פּאַקטישער טוער (אַ נאָמינאַטיוו). בײַ אַ פּאַסיוו ווערט דער פֿאַקטישער טוער אויסגעדריקט דורך אַ דאַטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע „פֿון" אָדער „דורך" (זעט די לעקציע אינעם נומער 8).

אַנמערקונג 2. סעמיטישע פּאַרטיציפּן (טיפּן 3—5) פֿאַלן אין זייערע באַטײַטן און פֿונקציעס אָפֿט ניט צונויף מיטן פּאַרטיציפּ, וואָס איז אין ייִדיש פֿון די דײַטשישע קוועלן, ווי דער ייִדישער פֿאַלט אָפֿט ניט צונויף מיטן רוסישן פּאַרטיציפּ.

אַנמערקונג 3. צווישן די באַשרײַביקע ווערבן זײַנען טײלמאָל פֿאַראַן פּאַרלעך אַקטיווע און פּאַסיווע. לעמאָשל: מאַצל זײַן (ראַטעווען) — ניצל ווערן (געראַטעוועט ווערן); מצוויטש זײַן (פֿאַרשעמען) — מצוויטש ווערן (פֿאַרשעמט ווערן); מעקײַעם זײַן (אויספֿילן) — מעקוייעם ווערן (אויסגעפֿילט ווערן).

דאָצענט ע. פֿאַלקאָוויטש

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

גרונטיקע און געבילדעטע (פּראָדוציִרטע) ווערבן[1]

ווערבן זײַנען פֿאַראַן גרונטיקע און געבילדעטע. לעמאָשל: די ווערבן גיין, שטיין, זען, הערן, נעמען, געבן, אַרבעטן — זײַנען גרונטיקע; די ווערבן אַוועקגיין, אָפּשטיין, דערזען, אַניסהערן, אַרויסנעמען, צעגעבן, באַאַרבעטן — זײַנען געבילדעטע.

די ווערבן — סײַ די גרונטיקע און סײַ די געבילדעטע — זײַנען דאָ געגעבן, ווי געוויינטלעך[2], אין דער אינפֿיניטיוויִשער פֿאָרמע — מיט די סופֿיקסן „־ן" אָדער „־ען".

אין אַ ריי פֿאַלן[3] באַגייט מען זיך[4] גאַנץ גוט מיט גרונטיקע ווערבן אַליין, לעמאָשל: ...איידער[5] דאָס ברויט[6] קומט צום מענטשנס מויל, דאַרף מען אויף דעם גוט אַרבעטן: אַקערן און מיסטיקן[7], זייען, שנײַדן, טריקענען און דרעשן[8], און ווײַטער[9] טריקענען, און מאָלן, און זיפּן[10], און קנעטן, און באַקן[11] — און ערשט דעמאָלט[12] קומט אַרויס[13] פֿאַרטיק[14] ברויט (יעכעזקל קאָטיק, מײַנע זכרוינעס[15]).

אינעם דאָזיקן פֿראַגמענט איז נאָר דער לעצטער ווערב אַ געבילדעטער, אַלע איבעריקע[16] זײַנען גרונטיקע.

אָפֿט קומט מען אָבער אָן צו געבילדעטע ווערבן אויך. לעמאָשל: ...כאַפּן פֿיש[17] האָב איך מיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַליין[18]. אַז איר ווילט, קאָן איך אײַך אויך אויסלערנען. מע טוט אויס דאָס העמד[19] און מע פֿאַרקניפּט דעם אַרבל[20] און מע גייט פּאַוואָליע ביזן האַלדז אין וואַסער[21], מע דאַרף גיין לאַנג־לאַנג[22]. אַז איר פֿילט[23], אַז דאָס העמד איז שווער[24], איז אַ סימען[25], אַז ס'איז פֿול[26], גייט איר אַרויס וואָס גיכער[27] און טרייסלט אויס[28] דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע[29] און קוקט זיך גוט צו[30]. אין גראָז ליגן פֿאַרפּלאָנטערט [31] אַמאָל[32] קליינע זשאַבקעלעך[33] — וואַרפֿט זיי אַרײַן צוריק[34] אין וואַסער אַרײַן (שאָלעם־אַליי־כעם, מאָטל פּייסי דעם חזנס).

שרײַבט אַרויס פֿונעם פֿאַריקן[35] פֿראַגמענט די געבילדעטע ווערבן (מיט פּרעפֿיקסן, צו־גאָבן און מיטן „זיך").

Перевод: 1) основные (непроизводные) и производные глаголы; 2) как обычно; 3) в ряде случаев; 4) обходятся; 5) прежде чем; 6) хлеб; 7) пахать и унавоживать; 8) сеять, жать, сушить и молотить; 9) и снова (дословно: дальше); 10) молоть, просеивать; 11) месить, печь; 12) лишь тогда; 13) получается; 14) готовый; 15) воспоминания; 16) все остальные; 17) ловить рыбу; 18) я научился сам (дословно: от себя самого); 19) снимают сорочку; 20) завязывают узлом рукав; 21) медленно по горло в воде; 22) долго-долго; 23) когда чувствуете; 24) тяжела; 25) значит (дословно: это признак); 26) она полна; 27) как можно скорее; 28) вытряхиваете; 29) всю траву (водоросли) и грязь; 30) хорошенько присматриваетесь; 31) запутаны; 32) порой, иногда; 33) лягушата; 34) обратно; 35) предыдущий.

באַם בילדן ווערבן קומט מען אָן[1] צו פֿאַלגנדיקע מיטלען[2]: מע שטעלט צו צו אַ גרונטיקן ווערב (אָדער צו אַ סובסטאַנטיוו, צו אַן אַדווערב):

1) אַ פּרעפֿיקס „אַנט־, באַ־, גע־, דער־, פֿאַר־, צע־". לעמאָשל: אַנטלויפֿן, באַשרײַבן, געדענקען, דערגיין, פֿאַרגעבן, צעטיילן ...; אַנטוואָפֿענען („וואָפֿן")[3], באַוואָפֿענען, באַגרענעצן[4] („גרענעץ")[5], באַוועגן[6] („וועג")[7], באַפֿרײַען[8] („פֿרײַ")[9], דערלאַנגען[10] („לאַנג")[11]... צו אַ ריי ווערבן פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָנד שטעלט מען צו אַ פּרעפֿיקס „דיס־, דע(ז)־, טראַנס־, עקס־, רע־". לעמאָשל: דיסקוואַליפֿיצירן, דעמאָביליזירן, דעזאָרגאַניזירן, טראַנספֿאָרמירן, עקסקורסירן, רעאָרגאַניזירן.

2) אַ צוגאָב. זעט דאָס צעטל צוגאָבן און די בײַשפּילן אין דעם נומער 6 פֿון 1974. צוגאָבן שיידן זיך אונטער[12] פֿון פּרעפֿיקסן, ערשטנס[13], דערמיט, וואָס בײַ אינפֿיניטיוון, פּאַרטיציפּן און גערונדיוון ווערן זיי פּרעפֿיקסירט, אָבער בײַ פֿערזאָניקע ווערבן זײַנען זיי באַזונדער און נאָך די ווערבן. לעמאָשל: אָנשרײַבן, אויסשרײַבן, אונטערשרײַבן, אָנגעשריבן, אויסגעשריבן, אונטערגעשריבן; אָנשרײַבנדיק, אויסשרײַבנדיק, אונטערשרײַבנדיק; אָבער: איך שרײַב אָן, איך שרײַב אויס, איך שרײַב אונטער. צווייטנס[14], זײַנען צוגאָבן מיט אַקצענטן, אָבער פּרעפֿיקסן זײַנען אָן. ווען אַ צוגאָב באַשטייט פֿון צוויי אָדער פֿון דרײַ טראָפֿן[15], איז דער

אַקצענט אַפן צווייטן טראַף: אַהינ׳טאָן, אַוועק׳וואַרפן, אַני׳דערשטעלן, פאַנאַנ׳דערנעמען... באַם צוגאָב „אונטער" איז דער אַקצענט אַפן ערשטן טראַף: אונ׳טערזאָגן[16], אונ׳טערלייגן, אונ׳טערשטעלן... (אויך באַ „הינטער" איז דער אַקצענט אַפן ערשטן טראַף: אַ הינ׳טערטיר[17], אַ הינ׳טערגאַס[18]; זײַן הינ׳טערשטעליק[19]...).

3) אַ סופיקס „־יק, ־ל, ־עווע, ־ער, ־צ, ־קע". לעמאָשל: רייניקן[20], קינדלען[21], בונטע־ווען[22], לופטערן[23], גרילצן[24], מעקען[25], האווקען[26]... ווי אויך די אינטערנאַציאָנאַלע סופיקסן „־יר, ־יזיר, ־יפיציר". לעמאָשל: מאָטיווירן, טעלעפאָנירן, טעלעפאָניזירן (די נײַע המצאָר), קלאַסיפיצירן... דער סופיקס „־יר" (־יזיר, ־יפיציר) איז מיט אַן אַקצענט. ווען אַ ווערב מיטן דאָזיקן סופיקס באַקומט אַ צוגאָב, גייט דער אַקצענט אַריבער אַפן צוגאָב. לעמאָשל: רע־מאָנטי׳רן — אָפּ׳רעמאָנטירן; קאָנטראָלי׳רן — דורכ׳קאָנטראָלירן; קלאַסיפיצי׳רן — אויס׳קלאַ־סיפיצירן.

4) מע קומט אָן צום פאַרטיקל (הילפוואָרט) „זיך". לעמאָשל: אָנטאָן זיך[27], וואַרפן זיך[28], פוילן זיך[29]. דערבײַ זײַנען פאַראַן ווערבן, וואָס אָן דעם „זיך" קומען זיי ניט (אַלס ווערבן). לעמאָשל: וועטן זיך[30], סטאַרען זיך[31], פּאָרען זיך[32], אײַסעקן זיך[33], אַקשנען זיך[34], מיִאוסן זיך[35], סאָפּעקן זיך[36], סודען זיך[37];

5) מע קומט אָן צו אַ קלאַנגענבײַט אינעם וואָרצל פונעם וואָרט. לעמאָשל: קירצן[38] („קורץ")[39], קרענקען[40] („קראַנק")[41], גלעטן[42] („גלאַט")[43];

6) מע ניצט צוויי אָדער דרײַ מיטלען פון די פאַריקע אײַנצײַטיק[44]. לעמאָשל:

א) אַ קלאַנגענבײַט און סופיקסאַציע: בלעטערן[45] („בלאַט")[46], צערטלען[47] („צאַרט")[48];

ב) פּרעפיקסאַציע און סופיקסאַציע: באַזײַטיקן[49] („זײַט") [50];

ג) אַ קלאַנגבײַט, פּרעפיקסאַציע און סופיקסאַציע: באַגיטיקן[51] („גוט")[52];

ד) פּרעפיקסאַציע, סופיקסאַציע און „זיך": באַטייליקן זיך[53] („טייל")[54];

ה) סופיקסאַציע און „זיך": וויצלען זיך[55] („וויץ")[56], זאַנגלען זיך [57] („זאַנג")[58];

ו) אַ קלאַנגבײַט, סופיקסאַציע און „זיך": ווערטלען זיך[59] („וואָרט")[60].

7) מע שטעלט צו צו אַ סובסטאַנטיוו אָדער צו אַן אַדוועַרב אַ ווערבאַלע פאָרמע (אַ ווערבאַלן סופיקס, אַ ווערבאַלע פלעקסיע) אָדער אַ פּערזענלעכן פּראָנאָם (איך, דו...). לעמאָשל: אײַצע[61] — אײַצען, איך אײַצע[62]; דײַגע[63] — דײַגע(ן), איך דײַגע[64]; טײַנע[65] — טײַנען, איך טײַנע[66]; מישפּעט[67] — מישפּעטן, איך מישפּעט[68]; שמועס[69] — שמועסן, איך שמועס[70]; העכער[71] — העכערן, איך העכער[72].

8) אָפט קומט מען אויך אָן צו באַשרײַביקע (פּעריפראַסטישע) ווערבן, באַ וועלכע די טוונג ווערט אויסגעדריקט דורך אַ גרופּע ווערטער, וואָס בילדן איין באַגריף[73]. אינעם נומער 11 פון 1974 זײַנען שוין געווען בײַשפּילן פון אַ רײ באַשרײַביקע ווערבן, איצט וועלן מיר אָנמערקן עטלעכע רייען[74] פון אַזעלכע ווערבן, וואָס אַנטהאַלטן[75] העברעיִשע פּאַרטיציפּן:

א) גבֿיר זײַן[76], זוכה זײַן[77], טופס זײַן[78], בורח זײַן[79], מוחל זײַן[80], חושד זײַן[81];

ב) מעכבֿ זײַן[82], מעוניש זײַן [83], מעכבֿ זײַן [84], מעקנא זײַן [85], מעשׂאָר זײַן[86];

ג) מאַטריח זײַן[87], מבֿריח זײַן[88], מאַפסיק זײַן[89], מאַקפּיד זײַן[90], מאַקריוו זײַן[91];

ד) מיסאַסעק זײַן זיך[92], מיסוואַדע זײַן זיך[93], מיסיאַעץ זײַן זיך[94], מיסכאַטן זײַן זיך[95];

ה) ניפטער ווערן[96], ניצל ווערן[97], נעלעם ווערן[98], נערעג (נהרג) ווערן[99].

ו) נויטע־כײַן זײַן[100], פּוגײַע־בעקאָוועד זײַן[101], קוינע־שעם זײַן[102]; מעוואַקער־בוילע זײַן[103], מענאַכעם־אָוול זײַן[104], מעקאַבל־פּאָנעם זײַן[105].

אין די העברעיִשע פּאַרטיציפּן, וואָס באַשטייען פון דרײַ טראַפן, איז דער אַקצענט אַפן צווייטן טראַף. אין אַזעלכע פאַלן, ווי אין דער לעצטער גרופּע, איז דער אַקצענט (הויפּט־אַקצענט) אַפן סובסטאַנטיוו: נויטע־כײַ׳ן זײַן, מעוואַקער־בוי׳לע זײַן...

Перевод: 1) применяют; обращаются; 2) средства; 3) оружие; 4) ограничи-(ва)ть; 5) граница; 6) двигать; побудить (к чему-нибудь); 7) дорога; 8) освобождать; 9) свободный; 10) подавать; достигать; доставать; 11) давно; долгий; длинный; 12) отличаются; 13) во-первых; 14) во-вторых; 15) слоги; 16) подсказ(ыв)ать; 17) задняя дверь; 18) задняя улица; 19) быть отсталым; несостоятельным; 20) чистить; 21) рожать, плодить детей; 22) бунтовать; 23) проветривать; 24) сверчать, стрекотать; 25) мычать; 26) гавкать, лаять; 27) оде(ва)ться; 28) бросаться; 29) лениться; 30) держать пари; 31) стараться; 32) возиться, копошиться; 33) возиться, заниматься; 34) упрямиться, артачиться, упорствовать; 35) брезгать, гнушаться; 36) сомневаться; 37) секретничать; 38) сокращать; 39) коротко, короткий; 40) болеть; 41) больной, болен; 42) гладить (по щеке...); 43) гладко; беспрепятственно; 44) одновременно; 45) перелистывать; 46) лист; 47) нежить, ласкать; 48) нежно, нежный; 49) устранять, отстранять; 50) сторона, страница; бок; 51) одобрять; удобрять; вознаграждать; 52) хорошо, хороший, добрый; 53) участвовать; 54) часть; 55) шутить, острить; 56) шутка, острота; 57) колоситься; 58) колос; 59) шутить, острить; 60) слово; 61) совет; 62) советовать; советую; 63) забота; 64) заботиться, радеть; забочусь; 65) притязание, довод; 66) твердить, настаивать на своем; твержу, настаиваю...; 67) суд; 68) судить; сужу; 69) беседа; 70) беседовать; беседую; 71) выше; 72) повышать, повышаю; 73) одно понятие; 74) несколько рядов; 75) содержат; 76) осилить, (пре)одолеть; 77) удостоиться; 78) воспринимать, усваивать; 79) подозревать;

80) прощать; 81) противоречить; 82) преувеличивать (чрезмерно); 83) осрамить, пристыдить; 84) угощать, потчевать; 85) завидовать; 86) предполагать; 87) утруждать; 88) многословить, распространяться в разговоре; 89) прерывать (разговор, дело); 90) педантствовать; 91) (по)жертвовать, принести в жертву; 92) возиться, заниматься; 93) признаться, исповедоваться; 94) посоветоваться; 95) породниться; 96) скончаться, умирать; 97) спастись; 98) исчезать, пропадать; 99) убиться, ушибиться до смерти; 100) (по)нравиться (дословно: быть носителем обаяния); 101) задеть, обидеть; 102) стать известностью; 103) посещать больного; 104) утешать человека в трауре; 105) встречать, принимать.

אַ ריי סינאָנימישע ווערבן

גיווער זײַן — בײַקומען — באַזיגן; טויפעס זײַן — באַנעמען — באַגרײַפן — פאַרשטיין; מויכל זײַן — אַנטשולדיקן; סויסער זײַן — ווידערשפּרעכן; מעגאַזעם זײַן — זאָגן גוזמעס — איבערטרײַבן; מעווײַעש זײַן — פאַרשעמען; מעכאַבעד זײַן — טראַקטירן; מײַריך זײַן — פאַרציִען — ריידן לאַנג; מאַפסיק זײַן — איבעררײַסן, איבערשלאָגן (די רעדע, די טפילע); ניפטער ווערן — שטאַרבן; ניצל ווערן — געראַטעוועט ווערן; נעלעם ווערן — פאַרשווינדן — ניט ווערן; נערעג ווערן — געהאַרגעט ווערן; ניִסע־כיין זײַן — געפעלן, אויסנעמען; קוינע־שעם זײַן — ווערן באַוווּסט, פּאָפּולער — קריגן אַ נאָמען; מעוואַקער־כוילע זײַן — באַזוכן אַ (דעם) כוילע; מענאַכעם־אָוול זײַן — טרייסטן אַ (דעם) אָוול; מעקאַבל־פּאָנעם זײַן — באַגעגענען — אויפנעמען.

נעם מיר אַרויס אַ בער פון וואַלד

— נעם מיר אַרויס אַ בער פון וואַלד[1]
און לערן אים אויס שרײַבן[2],
אָט־אָ דענסטמאָל און אָט־אָ דענסטמאָל[3]
וועל איך דײַנע בלײַבן[4].

— איך וועל דיר אַרויסנעמען אַ בער
פון וואַלד,
און איך וועל אים אויסלערנען שרײַבן,
האָב זשע מיר זיבן קינדער[5],
און זאָלסט אַ מיידל בלײַבן[6].

— איך וועל דיר האָבן זיבן קינדער
און אַ מיידל בלײַבן,
מאַך זשע מיר אַ וויגעלע[7]
אָן האָלץ און אָן געצײַגן[8].

— איך וועל דיר מאַכן אַ וויגעלע
אָן האָלץ און אָן געצײַגן,
ניי זשע מיר אויס זיבן העמדער[9]
אָן נאָדלען און אָן זײַדן[10].

— איך וועל דיר אויסנייען זיבן העמדער
אָן נאָדלען און אָן זײַדן,
כאַפּ זשע מיר אויס אַלע פיש פון יאַם[11],
ס'זאָל קיין איינע ניט בלײַבן[12].

— כ'וועל דיר אויסכאַפּן אַלע פיש פון יאַם,
ס'זאָל קיין איינע ניט בלײַבן.
פּרעגל אָפּ זיבן פישעלעך[13],
זיי זאָלן לעבעדיק בלײַבן[14].

— איך וועל דיר אָפּפּרעגלען זיבן פישעלעך,
זיי זאָלן לעבעדיק בלײַבן.
מאַך זשע מיר אַ לייטערל[15],
ס'זאָל צום הימל שטײַגן[16].

— איך וועל דיר מאַכן אַ לייטערל,
ס'זאָל צום הימל שטײַגן.
איך בין אַ נאַר, און דו אַ גרעסערער[17],
לאָמיר ביידע שווײַגן[18].

מ. בערעגאָווסקי. יידישע פאָלקסלידער (רוסיש), 1962.

Перевод: 1) приведи (вынь) мне медведя из лесу; 2) и научи его писать; 3) вот тогда; 4) я стану (останусь) твоей; 5) роди мне семерых детей; 6) и останься девушкой; 7) сделай мне колыбельку; 8) без дерева и без инструмента; 9) вышей мне семь рубах; 10) без иголок и без шелка; 11) выкови мне всех рыб из моря; 12) чтобы ни одной (там) не осталось; 13) зажарь семь рыбок; 14) чтобы оставались живыми; 15) лестница (уменьшительная от «лейтэр»); 16) до самого неба (чтобы к небу поднялась); 17) я глуп, а ты еще глупее; 18) помолчим лучше (будем оба молчать).

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

אַ שמועס צװישן שאָלעם־אַלײכעמס טעװיען און כאַװען

„...איך קום צו פֿאָרן אײנמאָל אַהײם[1], אַרום פֿאַרנאַכטלעך שױן[2], באַגעגן איך דעם שרײַבער כװעדקע שטײט אין דרױסן מיט מײַן כאַװע[3], די דריטע טאָכטער מײַנע[4], די צװײטע פֿון האָדלען הײסט עס[5]. מיך דערזען[6], האָט זיך מײַן באָכער געגעבן אַ דרײ אױס[7], אַראָפּגענומען פֿאַר מיר דאָס היטל[8] און אַװעק[9]. רוף איך מיך אָן צו מײַן כאַװען[10]: „װאָס האָט דאָ געטאָן כװעדקע?“[11] זאָגט זי: „גאָרניט“[12]... זאָג איך: „װאָס הײסט גאָרניט?“...[13] זאָגט זי: „מיר האָבן געשמועסט“[14]... זאָג איך: „װאָס פֿאַר אַ מעכוטן ביסטו מיט כװעדקען?“[15] זאָגט זי: „מיר זענען באַקאַנט שױן פֿון לאַנג“...[16] זאָג איך: „מאַזלטאָװ דיר מיט דײַן באַקאַנטשאַפֿט![17] אַ שײנער באַקאַנטער כװעדקע!“[18] זאָגט זי צו מיר: „דו קענסט אים דען?[19] דו װײסט דען, װער ער איז?“[20]... זאָג איך צו איר: „װער ער איז, װײס איך ניט[21], כ'האָב זײַן ייכעס־בריװ ניט געזען[22]; נאָר פֿאַרשטײן פֿאַרשטײ איך[23], אַז ער דאַרף שטאַמען פֿון סאַמע גדױלים[24]: דער טאַטע זײַנער, זאָג איך, האָט געמוזט זײַן[25] אָדער אַ פּאַסטעך, אָדער אַ סטרוזש, אָדער אַזױ אַ שיקער“[26]... רופֿט זי זיך אָן צו מיר, כאַװע הײסט עס[27]: „װאָס זײַן טאַטע איז געװען[28], װײס איך ניט און װיל ניט װיסן[29], בא מיר זענען אַלע מענטשן גלײַך[30]; נאָר אַז ער אַלײן איז אַ מענטש ניט קײן געװײנלעכער[31] — דאָס װײס איך פֿאַר געװיס“[32]... „דהײַנו[33], זאָג איך, װאָס פֿאַר אַ מין סאָרט מענטש איז ער?[34] לאָמיך הערן“[35]... „איך װאָלט דיר, זאָגט זי, געזאָגט[36], װעסטו ניט פֿאַרשטײן[37]. כװעדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער צװײטער גאָרקי“[38]... „דער צװײטער גאָרקי? — זאָג איך.— װער זשע איז געװען, זאָג איך, דער ערשטער גאָרקי?“[39]... „גאָרקי, זאָגט זי, דאָס איז הײַנט קימאַט דער ערשטער מענטש אַף דער װעלט“[40]... „װוּ זיצט ער, זאָג איך, דער טאַנע דײַנער[41], װאָס איז זײַן געשעפֿט[42] און װאָס פֿאַר אַ דראָשע האָט ער געדאַרשנט?“...[43] מאַכט זי צו מיר[44]: „דער גאָרקי — דאָס איז אַ באַרימטער שרײַבער[45], אַ שריפֿטשטעלער[46], אַ מענטש, הײסט דאָס, װאָס מאַכט ביכער[47], און אַ טײַערער, אַ זעלטענער, אַן ערלעכער מענטש[48], שטאַמט אױך פֿון פּראָסטן שטאַנד[49], נישט געלערנט אין ערגעץ, נאָר פֿון זיך אַלײן[50]... אָט דאָס איז זײַן בילד“[51]... אַזױ מאַכט זי צו מיר, כאַװע הײסט עס, און נעמט אַרױס פֿון קעשענע אַ פּאָרטרעטל[52] און װײַזט דאָס מיר[53]. „אָט דאָס איז ער, זאָג איך, דער צאַדיק דײַנער, רעב גאָרקי?[54] איך װאָלט געמעגט שװערן[55], אַז איך האָב אים ערגעץ געזען[56], זאָג איך, אָדער בא דער באַן טראָגן זעק[57], אָדער אין װאַלד שלעפּן קלעצער“[58]... „איז דאָס בא דיר, זאָגט זי, אַ כיסאָרן[59], זאָגט זי, אַז אַ מענטש האָרעװעט מיט זײַנע אײגענע הענט?[60] דו אַלײן האָרעװעסט דען ניט?[61] און מיר האָרעװען ניט?“[62]... „יאָ, יאָ, זאָג איך, ביסט גערעכט[63], זאָג איך, ס'איז אַ בעפֿײרעשער פּאָסעק בא אונדז[64]: [...] אַז דו װעסט ניט האָרעװען, װעסטו ניט עסן[65]... נאָר פֿונדעסטװעגן[66], זאָג איך, פֿאַרשטײ איך ניט[67], װאָס האָט דאָ צו טאָן כװעדקע?[68] איך װאָלט בעסער, זאָג איך, געװען צופֿרידן[69], װען דו זאָלסט זײַן באַקאַנט מיט אים פֿון דער װײַטן[70]; דו באַדאַרפֿסט ניט פֿאַרגעסן[71], זאָג איך, [...] װער ביסטו און װער איז ער“[72]... מאַכט זי צו מיר: „גאָט האָט באַשאַפֿן אַלע מענטשן גלײַך“[73]... „יאָ, יאָ, זאָג איך, גאָט האָט באַשאַפֿן אָדאָם־האָרישױנען נאָך זײַן געשטאַלט[74]; מע טאָר אָבער ניט פֿאַרגעסן[75], אַז איטלעכער דאַרף זוכן זײַן גלײַכן[76], װי אין פּאָסעק שטײט בא אונדז געשריבן“[77] [...] „און אַנטיקע[78] — זאָגט זי צו מיר.— אַף אַלצדינג האָסטו אַ פּאָסעק![79] עפּשער געפֿינט זיך, זאָגט זי, בא דיר אַ פּאָסעק װעגן דעם[80], װאָס מענטשן, זאָגט זי, האָבן גענומען און האָבן זיך אַלײן, זאָגט זי, אײַנגעטײלט[81] אַף ײדן און גױים[82], אַף באַלעבאַטים און קנעכט[83], אַף פּריצים און בעטלערס?“[84]... „טץ־טץ־טץ! — זאָג איך.— ביסט מיר שױן, דאַכט מיר, פֿאַרפֿאָרן, טאָכטער[85], אין עלעף־האַשישי אַרײַן“[86], און איך גיב איר צו פֿאַרשטײן[87], אַז אַזױ פֿירט זיך שױן אַף דער װעלט[88] מישײשעס־יעמײ־בערײשיס[89]. פֿרעגט זי מיך[90]: „לעמײַ זאָל זיך אַזױ פֿירן אַף דער װעלט?“[91]... זאָג איך: „דערפֿאַר[92], װאָס אַזױ האָט גאָט באַשאַפֿן זײַן װעלט“[93]... זאָגט זי: „לעמײַ האָט גאָט אַזױ באַשאַפֿן זײַן װעלט?“[94]... זאָג איך: „עט! אַז מיר װעלן אָנהײבן פֿרעגן קאַשעס[95] — לעמײַ אַזױ און לעמײַ אַזױ[96], איז אײן לעדאָװער סאָף — אַ מײַסע אָן אַן עק“[97]... זאָגט זי מיר: „דערױף האָט דאָך אונדז גאָט געגעבן אַ פֿאַרשטאַנד[98], אַז מיר זאָלן פֿרעגן קאַשעס“[99]... (שאָלעם־אַלײכעם. טעװיע דער מילכיקער[100]).

לײענט דורך דעם שמועס עטלעכע מאָל[101] און באַמיט זיך צו פֿאַרגעדענקען[102] די סטרוקטורן פֿון די זאַצן[103]. די װערטער, װאָס זײַנען פֿאַר אײַך נײַ[104], פֿאַרשרײַבט לױטן אַלעפֿבײס[105].

Перевод: 1) приезжаю однажды домой; 2)*уже к вечеру; 3) застаю («встречаю») писаря Федьку на улице с моей Хавой; 4) третья дочь моя; 5) следующая («вторая») за Годл; 6) увидав меня; 7) парень повернулся; 8) снял передо мною шапку; 9) и

ушел; 10) спрашиваю у Хавы; 11) что тут делал Федька?; 12) ничего; 13) что зна-
чит «ничего»?; 14) мы беседовали; 15) а что общего у тебя с Федькой («мехутн» —
свойственник); 16) мы знакомы уже давно; 17) поздравляю тебя с твоим знаком-
ством; 18) хорошая компания для тебя — Федька («красивый товарищ Федька»);
19) ты разве его знаешь? 20) знаешь, кто он такой?; 21) я не знаю; 22) родослов-
ной его не видал; 23) но понимать понимаю; 24) что он очень знатного рода («дол-
жен происходить от самых великих»); 25) отец его, наверное, был; 26) либо пастух,
либо сторож, либо просто пьяница; 27) заявляет она мне; 28) кем был его отец;
29) не знаю и не хочу знать; 30) для (у) меня все люди равны; 31) но что он сам
человек необыкновенный; 32) это я знаю наверняка; 33) а именно; 34) что же он
за человек такой?; 35) а ну-ка послушаем; 36) я бы сказала тебе; 37) да ты не пой-
мешь; 38) Федька — это второй Горький; 39) а кто же такой был первый Горький?;
40) Горький — это ныне чуть ли не первый человек в мире; 41) где же он обре-
тается, твой мудрец; 42) чем занимается; 43) и что проповедует («какую проповедь
он проповедовал»); 44) отвечает она мне; 45) это знаменитый писатель; 46) сочи-
нитель; 47) то есть, который делает книги; 48) и дорогой, замечательный («редкий»),
честный человек; 49) тоже из простонародья («происходит из простого сословия»);
50) нигде не учился, всё самоучкой; 51) вот его портрет; 52) достает из кармана;
53) показывает мне; 54) вот это и есть твой праведник, реб Горький?; 55) Готов
(«я бы мог») поклясться; 56) что я его где-то видал; 57) или мешки на станции
грузил; 58) или бревна в лесу таскал; 59) это, по-твоему, недостаток; 60) если чело-
век своими руками трудится; 61) а ты сам не трудишься?; 62) а мы не трудимся;
63) да, да, ты права; 64) у нас (в писании) прямо так и сказано; 65) не будешь
трудиться — есть не будешь; 66) но все же; 67) я не понимаю; 68) чего здесь надо
Федьке; 69) я был бы больше доволен; 70) если бы ты была с ним знакома на рас-
стоянии («издалека»); 71) ты не должна забывать; 72) кто ты и кто он; 73) бог
создал всех людей равными; 74) бог создал Адама («первого Адама») по своему
образу; 75) нельзя, однако, забывать; 76) что каждый должен искать себе ровню;
77) как в писании («в библейском изречении») сказано; 78) удивительное дело;
79) на все у тебя имеется изречение; 80) может, есть у тебя изречение насчет того;
81) что люди сами поделили себя; 82) на евреев и неевреев; 83) на господ и рабов;
84) на богачей («помещиков») и нищих; 85) это ты, дочка, хватила; 86) больно
далеко («в шестое тысячелетие»); 87) даю ей понять; 88) что так уж повелось на
земле; 89) с первых дней сотворения мира; 90) спрашивает она меня; 91) почему
так повелось?; 92) потому; 93) что бог так создал мир; 94) а почему бог так
создал мир; 95) если мы начнем спрашивать («задавать вопросы»); 96) отчего да
почему; 97) то дело будет без конца; 98) на то бог и дал нам разум; 99) чтобы
мы вопросы задавали; 100) «Тэвье молочник»; 101) несколько раз; 102) старайтесь
запомнить; 103) структуры предложений (фраз); 104) новые для вас слова; 105) за-
писывайте по алфавиту.

домой	אהיים
ушел, пошел; пошел!	אוועק
всё	אלצדינג
редкая, ценная вещь	אנטיקל, דאָס (־עך)*
снимать, убирать с поля	אראָפּנעמען (אראָפּגענומען)**
начинать	אָנהייבן (אָנגעהויבן)
однажды	איינמאָל
один раз	איין מאָל
встречать	באַגעגענען (באַגעגנט)
хозяин, владелец	באַלעבאָס, דער (באַלעבאַטים)
железная дорога	באַן, די (־ען)
знаком-ый	באַקאַנט־ער
известен; известный	באַרימט־ער
создавать, сотворять	באַשאַפֿן (באַשאַפֿן)
парень; холостяк	באָכער, דער (באָכערים)
картина, образ	בילד, דאָס (־ער)
попрошайка, нищий	בעטלער, דער (־ס)
лучше; лучший	בעסער־ער
явно; явный	בעפּירעש־ער
письмо	בריוו, דער, די (־)
великий; знаменитость	גאָדל, דער (גדוילים)
бог	גאָט, דער (געטער)
ничто, ничего	גאָרניט
ровно, одинаково; ровный, одинаковый	גלייכ־ער
давать	געבן (געגעבן)
помнить	געדענקען (געדענקט)
(на)верно, несомненно	געווים

* В скобках при существительном указывается форма множественного числа (чи-
тай: «антиклэх»).

** При глаголе дана форма партиципа (причастия): «аропгенумен».

обычно, обыкновенно; обычный, обыкновенный	געוויינלעכ־ער
справедливый, прав-ый	גערעכט־ער
образ, вид	געשטאַלט, די, דאָס (־ן)
дело, занятие	געשעפֿט, דאָס (־ן)
проповедывать; толковать	דאַרשענען (געדאַרשנט)
здесь	דאָ
именно; например	דהיינו
разве; ибо	דען
увидать	דערזען (דערזען)
проповедь; речь	דרשה
наружная сторона; снаружи	דרויסן, דער
третий	דריט־ער
рука	האַנט, די (הענט)
трудиться, работать (тяжко)	האָרעווען (געהאָרעוועט)
шапка	היטל, דאָס (־עך, ־עך)
велеть; называться; значить, означать	הייסן (געהייסן)
сегодня	הײַנט
слышать, слушать	הערן (געהערט)
лес	וואַלד, דער (וועלדער)
знать	וויסן (געוווּסט)
показывать	ווײַזן (געוויזן)
мир, свет, вселенная	וועלט, די (־ן)
мешок	זאַק, דער (זעק)
сказать, говорить	זאָגן (געזאָגט)
искать	זוכן (געזוכט)
сидеть	זיצן (בין געזעסן)
быть	זײַן (בין געווען, געוועזן)
редко; редкий	זעלטן, זעלטענער
видеть	זען (געזען)
отец, папа	טאַטע, דער (־ס)
древний ученый, один из составителей Мишны и ряда других евр. произведений	טאַנע, דער (טאַנאָים)
дочь	טאָכטער, די (טעכטער)
делать	טאָן (געטאָן)
иметь право	טאָרן (געטאָרט)
дорого; дорогой	טײַער־ער
носить; быть беременной	טראָגן (געטראָגן)
да	יאָ
родословная	ייִחוס־בריוו, דער
товарищ	כאַווער, דער (כאַווײרים)
недостаток, порок	כיסאָרן, דער (כעסרוי׳נעס)
длинно; долго; длинный; долгий	לאַנג־ער
почему, к чему, зачем	לעמאַי
учить; обучать	לערנען (געלערנט)
поздравление («доброй судьбы!»)	מאַזלטאָוו
делать; совершать; сказать; махать; поживать	מאַכן (געמאַכט)
происшествие, история; рассказ	מייסע, די (־עס)
дела, поступки	מייסים
свойственник	מעכוטן, דער (מעכוטאָ׳נים)
мочь, иметь право	מעגן (געמעגט)
человек	מענטש, דער (־ן)
есть, кушать	עסן (געגעסן)
возможно, может быть, авось	עפּשער
где-то; куда-то	ערגעץ
честно; честный	ערלעכ־ער
первый	ערשט־ער
хвост; конец; край	עק, דער (־ן)
пастух	פּאַסטעך, דער (־ער)
изречение; библейская фраза	פּאָסעק, דער (פּסוקים)
помещик, барин	פּאָריץ, דער (פּריצים)
забывать	פֿאַרגע׳סן (פֿאַרגעסן)
вечер(к)ом	פֿאַרנאַ׳כטלעך
заезжать	פֿאַרפֿאָ׳רן (בין פֿאַרפֿאָרן)
понимать	פֿאַרשטיי׳ן (פֿאַרשטאַנען)
ехать	פֿאָרן (בין געפֿאָרן)
всё же, всё-таки	פֿונדע׳סטוועגן
водить, возить	פֿירן (געפֿירט)
спрашивать	פֿרעגן (געפֿרעגט)

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

קאַסרילעװקער רעסטאָראַנען

(אַ שמועס װעגן עסן)

...— עפּעס עסן?[1] — רופֿט זיך אָן דאָס װײַבל מיט אַ מאָדנע מין גענאַנג(...)[2], און טרײסלט אױס דעם פּאַרטנער[3], און פּאַרשיט מיר די אױגן מיט מעל[4]. — װאָס װילט איר עסן?[5]

— װאָס האָט איר?[6] — זאָג איך צו איר מיטן זעלבן ניגון, װאָס זי[7].

— װאָס װילט איר?[8] — זאָגט זי נאָכאַמאָל מיטן אײגענעם ניגון[9].

— װאָס איך װיל? — זאָג איך. — הם... פֿיש איז דאָ בײַ אײַך געפֿילטע?[10]

— נאָכן מאַרק פֿיש?[11] — זאָגט זי. — אַ שײנע מעשׂה![12]

— נו, לאָז זײַן באָרשטש, — זאָג איך, — אַז ניט קײן פֿיש[13].

— װוּ האָט איר געזען, — זאָגט זי, — נאָך האַלבן טאָג באָרשטש?[14] אַ באָרשטש דאַרף זיך קאָכן[15] — דאָס װײסט איר צי נײן?[16]

— אַלצדינג, — זאָג איך, — באַדאַרף זיך קאָכן[17].

— אַבי איר װײסט, — זאָגט זי, — איז גוט![18]

— נו, — זאָג איך, — איז קײן ראָסלפֿלײש אױך ניטאָ?[19]

— פֿונװאַנעס, — זאָגט זי, — האָט זיך גענומען אַ ראָסלפֿלײש?[20] ס'איז געװען אַ ראָסלפֿלײש, האָט מען אים אָפּגעגעסן[21].

— נו, — זאָג איך, — לאָז זײַן אַ יױך[22].

— מיט װאָס, — זאָגט זי, — װילט איר, זאָל זײַן די יױך?[23] מיט מאַנע־גריפּלעך, מיט אַ מאַצעלע צי מיט מאַנדלען?[24](...)

— לאָז זײַן, — זאָג איך, — מיט װאָס איר װילט, אַבי אַ יױך![25]

— אָף װען[26], — זאָגט זי, — װילט איר, זאָל זײַן די יױך?

— װאָס הײסט, — זאָג איך, — אָף װען? אָף באַלד![27]

— װאָס הײסט, — זאָגט זי, — אָף באַלד? איר װילט דאָך מיסטאָמע אַ יױך זאָל זײַן פֿון אָפֿיר?[28] װאָסער טאָם האָט אַ יױך אָן אָפֿיר?[29] און אָן אָף באַדאַרף מען ערשט כאַפּן[30], שיקן צום שױכעט[31], אָפּפּליקן, מאַכן, זאַלצן, אָפּגיסן, אױסװײקן און צושטעלן[32]. עס קאָן אַרױסקומען האַלעװײַ אָף דער נאַכט[33].

— גיט זשע מיר אַזױ, — זאָג איך, — װאָס־ביט־איז[34]: אַ שטיקל פֿלײש, אַ ביסל זופּ[35], אַ פֿרעשעניצע פֿון עטלעכע אײער[36], אָדער עפּעס געזאַלצנס, טאָמער האָט איר?[37]

— אַ מאָדנער ייִד![38] (...) אַלצדינג גלוסט זיך אים[39]... אַ הערינג, אױב איר װילט, קאָן איך אײַך מאַכן[40].

— לאָז זײַן אַ הערינג, — זאָג איך, — אַבי גיכער[41].

— װיאַזױ װילט איר? — זאָגט זי. — מיט אַ ציבעלקע?[42]

— מיט אַ ציבעלקע.

— און מיט עסיק אױך?[43]

— מיט עסיק אױך.

— און מיט בױמל[44] אױך?

— מיט בױמל אױך.

זי טוט װידער אַ טרײסל דעם פּאַרטעך[45], קאַטשעט אָפּ די אַרבל[46], לאָזט זיך גײן נאָך אַ הערינג און קערט זיך אום צוריק[47].

— װיאַזױ האָט איר ליב אַ הערינג זאָל זײַן — מיט אַ מילעך [מילך][48] צי מיט אַ ראָגן?[49]

— לאָז ער זײַן װי ער װיל זיך, — זאָג איך, — אַבי לאָז ער שױן זײַן[50].

— גערײכערטע פֿישלעך עסט איר?[51]

— פֿאַרװאָס ניט?[52] — זאָג איך.

— און אָדעסער קעפּאַליען?[53] — זאָגט זי.

— בעקאָװעד־גאָדל![54] — זאָג איך.

— איך װײס אָבער ניט, — זאָגט זי, — צי זײ זענען שױן דאָ?[55] מיר דאַכט[56], אַז זײ זענען נאָך ניטאָ[57], און אפֿשער זענען זײ שױן דאָ?[58]... נײן, ס'איז נאָך פֿרי[59]... פֿונדעסטװעגן װעל איך גײן זען[60], טאָמער זענען זײ שױן דאָ[61] (ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם. דאָס נײַע קאַסרילעװקע)[62].

Перевод: 1) чего-нибудь поесть?; 2) отзывается женщина со странным напевом; 3) встряхивает фартук; 4) и засыпает мне глаза мукой; 5) чего вы хотите поесть?; 6) что у вас есть?; 7) говорю я ей с тем же тоном, что и она; 8) чего вы хотите?; 9) повторяет она с тем же напевом; 10) фаршированная рыба у вас есть?; 11) после базара рыба?; 12) удивительное (дословно: красивое) дело; 13) пусть будет борщ, если нет рыбы; 14) где вы видели после полудня борщ?; 15) борщ должен вариться; 16) это вы знаете или нет?; 17) всё должно вариться; 18) вот и хорошо, что вы знаете; 19) ну, а жаркое есть?; 20) откуда взялось жаркое?; 21) было жаркое, так его съели; 22) ну, пусть будет бульон; 23) с чем, вы хотите, чтобы был бульон?; 24) с манной крупой, с мацой или с катышками?; 25) с чем вы хотите, только бы бульон; 26) на когда...?; 27) что значит на когда? на сейчас; 28) вы, наверно, хотите куриный бульон?; 29) какой вкус имеет бульон без курицы; 30) а курицу надо только изловить; 31) отправить к резнику; 32) ощипать, выпотрошить (дословно: сделать), посолить, облить, вымочить и поставить (к огню); 33) это выйдет (получится), дай бог, к ночи; 34) дайте мне тогда чего-нибудь; 35) кусок мяса, немного супа; 36) яичницу из нескольких яиц; 37) или что-нибудь солененького, если у вас есть; 38) странный человек! (дословно: еврей); 39) всё ему хочется; 40) селедку, если хотите, могу вам приготовить; 41) лишь бы поскорей; 42) с лучком?; 43) и с уксусом тоже?; 44) и с (растительным) маслом?; 45) она снова стряхивает фартук; 46) спускает рукава; 47) отправляется за селедкой и тут же возвращается; 48) вы любите, чтоб селедка была с молокой?; 49) или с икрой?; 50) пусть будет с чем угодно, лишь бы она уже была; 51) копченую рыбку вы едите?; 52) почему нет?; 53) а одесскую кефаль?; 54) с удовольствием (дословно: с большим почетом); 55) я только не знаю, есть ли она; 56) мне кажется; 57) что её еще нет; 58) а может, уже есть; 59) нет, еще рано; 60) всё-таки пойду посмотрю; 61) авось уже есть...; 62) «Новая Касриловка».

א צעטל װערטער װעגן שפּײַז און עסן[1]

אבריקאָס, אַפּריקאָז, דער (־ן)[2]; אוגערקע, די (־עס)[3]; אויבס, דאָס[4]; איי, דאָס (־ער)[5]; איילבערט, דער (־ן)[6]; אײַנגעמאַכטס, דאָס (־ן)[7]; אַכילע, די[8]; אָבלען (געאָבלט)[9]; אַלט־געבאַקן, אַלטגעבאַקענער[10]; אַרבוז, דער (־ן)[11]; אַרבעס, די (־ן)[12]; אַרבעסל, דאָס (־עך)[13].

אונטבריוט, דאָס (־ן)[14]; אָנבײַסן, דאָס (־ס)[15]; אָנזעטיקן (אָנגעזעטיקט) זיך[16]; אָף, דאָס (אויפעס)[17]; אָקרעפּ, דער [18].

באַנאַנע, די (־ס)[19]; באָרשט, דער[20]; בולבע, די (־ס)[21]; בולקע, די (־ס)[22]; בורעק, דער (־ס)[23]; ביטער־ער[24]; ביר, דער[25]; בייגל, דער[26]; ביין, דער (־ער)[27]; בײַסן (געביסן)[28]; בעבל, דאָס (־עך)[29]; בעכער, דער (־ס)[30]; בראָטן (געבראָטן)[31]; בראָטער, דער (־ס)[32]; בראָטפּאַן, די (־ען)[33]; ברויט, דאָס (־ן)[34]; ברײַען אייער, מילך (געבריט)[35].

גאָפּל, דער (־ען)[36]; גאַרגל, דער (־ען)[37]; גאַרקיך, די (־ן)[38]; גלאָז, די (גרעזער)[39]; גלעזל, דאָס (־עך)[40]; געבעקס, דאָס[41]; געבראָטן, געבראָטענער[42]; געבראָטנס, דאָס[43]; געהאַקט־ער[44]; געזאַלצנס, דאָס[45]; געטראַנק, דאָס (־ען)[46]; געלכל, דאָס (־עך)[47]; געענדזנס, דאָס[48]; געקעכטס, דאָס (־ן)[49]; געריכט, דאָס (־ן)[50]; געשמאַק, דער (־ן)[51]; געשמאַק־ער[52]; גרויפּן[53] (גערשטענע[54]; גריקענע[55]; האָבערנע[56]; מאַנע־גרויפּן[57]; פּערל־גרויפּן[58]); גריבענע, די (ס); גריוו, דער (־ן)[59]; גרײַצער, דער (־ס)[60].

דיניע, די (־ס)[61]; דײַטשע, די (־ס)[62]; דיעטישע פּראָדוקטן[63]; דעסערט, דער[64].

האָניק, דער[65]; האָניקדיק־ער[66]; האָניק־לעקעך, דער (־ן)[67]; הון, די (הינער)[68]; הירזש[69]; הײַס־ער[70]; העכט, דער (־ן)[71]; העלדזל, דאָס (־עך)[72]; הערינג, דער (־)[73].

װאַסער, דאָס (־ן)[74]; װאַרמעס, דער (־ן)[75]; װאַרעם־ער[76]; װורשט, דער (־ן)[77]; װורשטל, דאָס (־עך)[78]; װינעגרעט, דער (־ן)[79]; װײַן, דער (־ען)[80]; װײַנטרויב, דער (־ן)[81]; װײַסל, דאָס (־עך)[82]; װעטשערע, די (־ס)[83].

זאַלץ, די (־ן)[84]; זאַלץ־מעסטל, דאָס (־עך)[85]; זאַפּט, דער (־ן)[86]; (טרויבנזאַפּט[87], עפּל־זאַפּט[88], פּלוימענזאַפּט[89], ציטרינזאַפּט[90], װײַנשלזאַפּט[91]); זוד, דער[92]; זופּ, דער (־ן)[93]; (פּרוכט־זופּ[94]); זופּן (געזופּט)[95]; זויערמילך, די[96]; זויער־ער[97]; זויפּן (געזויפּט)[98]; זיס־ער[99]; זעמעלע, דאָס (־עך)[100]; זענעפט, דער[101].

טװאָרע(ך), דער; טיי, דער, די[102]; טייגל, דאָס (־עך)[103]; טייגעכץ, דער (־ן)[104]; טייטל, דער (־ען)[105]; טײַל, דער (־ן)[106]; טעלער, דער (־ס)[107]; טעלערל, דאָס (־עך)[108]; טעפּעלע, דאָס (־ך)[109]; טעצעלע, דאָס (־ך)[110]; טרינקען (געטרונקען)[111]; טשײַניק, דער (־עס)[112].

יאַגעדע, די (־ס)[113]; יאַרער, דער (־ס)[114]; יויך, די (־ן)[115]; יײַכל, דאָס (־עך)[116].

כאַלע, די (־ס)[117]; כאַלעלע, דאָס (־ך)[118]; כאַרטש, דער[119]; כראָמקען, כראָמשקען (געכראָמשקעט)[120]; כריין, דער[121]; כריינִיק, דער (־עס), כרייניצע, די (־ס)[122].

לאָסקע, די (־ס)[123]; לאַקס, דער (־ן)[124]; לונג, די (־ען)[125]; לימאָנאַד, דער (־ן)[126]; לימענע, די (־ס)[127]; לעבל, דאָס (־עך)[128]; לעבלעכ־ער[129]; לעבער, דער, די (־ס)[130]; לעפל, דער (־ען)[131]; לעפעלע, דאָס (־ך)[132]; לעקעך, דער (־ער)[133]; לעקעך־און־בראָנפן, דער[134]; לעקעכל, דאָס (־עך)[135].

מאמעליגע, די (־ס)[136]; מאראנץ, דער (־ן)[137]; מאשקע, די (מאשקאָעס)[138]; מאַלצײַט, דער, די (־ן)[139]; מיטיק, דער (־ן)[140]; מילגרוים, דער (־ען)[141]; מילך, די[142]; מילכיקס, דאָס[143]; מילכיק־ער[144]; מייערן (זע: מערן); מײַכל, דער, דאָס (מײַכאָלים)[145]; מעכאַבעד זײַן (מעכאַבעד געווען)[146]; מעסער, דער, דאָס (־ס)[147]; מער, דער (־ן)[148].

נוס, דער (ניס)[149]; ניסל, דאָס (־עך)[150]; נוסקנאַקער, דער (־ס)[151].

סאַלאַט, דער (־ן)[152]; סאַרדין, די (־ען), סאַרדינקע, די (־ס)[153]; סודע, די (־ס)[154]; סקאָווערדע, סקאָווראָדע, די (־ס)[155]; סקאָרינקע, די (־ס)[156].

ענטל, דאָס (־עך)[157]; עסיק, דער[158]; עסיקפלייש, דאָס[159]; עסן (געגעסן)[160]; עסנוואַרג, דאָס[161]; עסענץ, דער, די[162]; עפּל, דער (־)[163]; עק, דער (־ן)[164].

פאַרעוו־ער[165]; פּאָמידאָר, דער (־ן)[166]; פּודינג, דער (־ען)[167]; פּוטער, די[168]; פּופּיק, דער (פּופּקעס)[169]; פּיקן (געפּיקט)[170]; פּירע, די (־ס)[171]; פּעטשאַ, די[172]; פּראַקעס[173]; פּראָפּן־ציער, דער (־ס)[174]; פּרעגלען (געפּרעגלט)[175]; פּרעזשעניצע, די (־ס)[176].

פאַרבײַסן (פאַרביסן)[177]; פאַרפל, פאַרפעלעך[178]; פאַרשפּײַז, די (־ן)[179]; פּאָסנאַהע, די (־ס)[180]; פיסטאַשקע, די (־ס)[181]; פיש, דער (־)[182]; געפילטע פיש[183]; פײַג, די (־ן)[184]; פײַנקוכן, פײַנקאָכן, דער (־ס)[185]; פלאַש, די (פלעשער)[186]; פלייש, דאָס (־ן)[187]; פליישיקס, דאָס[188]; פליישיק־ער[189]; פלעשל, דאָס (־עך)[190]; פעטס, דאָס[191]; פעט־ער[192]; פעפער, דער[193]; פעפערדיק־ער[194]; פעפערניצע, פעפער־פּושקע, די (־ס)[195]; פערשקע, די (־ס)[196]; פרוכט, די (־ן)[197]; פריש־ער[198].

(די פאָרזעצונג אינעם קומענדיקן נומער)[199]

Перевод: 1) список слов о пище и еде; 2) абрикос; 3) огурец; 4) фрукты; 5) яйцо; 6) маслина; 7) варенье; 8) еда; 9) есть, кушать (вульгарно); 10) черствый; 11) арбуз; 12) горох; 13) горошек; 14) ужин; 15) завтрак; 16) насыщаться; 17) птица (домашняя); курица; 18) кипяток; 19) банан; 20) борщ; 21) картофель; 22) булка; 23) свёкла; 24) горько, горький; 25) пиво; 26) бублик; 27) кость; 28) кусать; 29) фасоль; 30) бокал; 31) жарить; 32) гусятница; 33) противень; 34) хлеб; 35) (с)варить, топить (молоко); 36) вилка; 37) гортань, горло; 38) столовая, харчевня; 39) стакан; 40) стаканчик; 41) печенье; 42) жареный; 43) жаркое; 44) рубленый; 45) соленья; 46) напиток; 47) желток; 48) гусятина; 49) варево; 50) блюдо; 51) вкус; 52) вкусно, вкусный; 53) крупа; 54) ячменная; 55) гречневая; 56) овсяная; 57) манная; 58) перловая; 59) шкварка; 60) штопор; 61) дыня; 62) диета; 63) диетические продукты; 64) десерт; 65) мёд; 66) медовый; 67) медовый пряник; 68) курица; 69) пшено; 70) горячо, горячий; 71) щука; 72) шейка, горлышко; 73) селёдка; 74) вода; 75) обед; 76) тепло, тёплый; 77) колбаса; 78) сосиска; 79) винегрет; 80) вино; 81) виноград; 82) белок; 83) ужин; 84) соль; 85) солонка; 86) сок; 87) виноградный сок; 88) яблочный сок; 89) сливовый сок; 90) лимонный сок; 91) вишнёвый сок; 92) кипяток; 93) суп; 94) фруктовый суп; 95) хлебать; 96) простокваша; 97) кисло, кислый; 98) хлестать, пить; 99) сладко, сладкий; 100) печенье; 101) горчица; 102) чай; 103) род медового печенья; 104) запеканка, пудинг; 105) финик; 106) часть; 107) тарелка; 108) тарелочка; 109) горшочек, чашка; 110) маленький поднос; 111) пить; 112) чайник; 113) ягода; 114) ядро; 115) бульон; 116) бульон (уменьшит.), супец; 117) хала, белый хлеб; 118) булочка; 119) харчи, пища; 120) хрустать; 121) хрен; 122) сосуд для хрена; 123) оладья, блин; 124) лапша; 125) лёгкое; 126) лимонад; 127) лимон; 128) хлебец, буханка, каравай; 129) тепловато, тепловатый; 130) печенка; 131) ложка; 132) ложечка; 133) медовый пряник; 134) выпивка, пир (дословно: коврижка и водка); 135) пряник; 136) мамалыга; 137) апельсин; 138) напиток; 139) обед, пир; 140) обед; 141) гранат; 142) молоко; 143) молочные продукты; 144) молочный; 145) еда, блюдо, лакомство; 146) угощать; 147) нож; 148) морковь; 149) орех; 150) орешек; 151) щипцы для раскалывания орехов; 152) салат; 153) сардинка; 154) трапеза, пир; 155) сковорода; 156) корка (хлеба); 157) утка; 158) уксус; 159) кислосладкое мясо; 160) есть, кушать; 161) съестные припасы, провизия; 162) эссенция; 163) яблоко; 164) хвост; 165) постный; 166) помидор; 167) пудинг, запеканка; 168) масло (коровье); 169) пупок; 170) клевать; 171) фрукт; 172) студень, холодец; 173) голубцы; 174) штопор, пробочник; 175) жарить, варить (варенье); 176) яичница; 177) закусывать; 178) мелко-изрубленное тесто (сорт вермишели); 179) закуска; 180) холодец; 181) фисташка; 182) рыба; 183) фаршированная рыба; 184) инжир; 185) яичница; 186) бутылка; 187) мясо; 188) мясное; 189) мясной; 190) бутылочка; 191) жир; 192) жирно, жирный; 193) перец; 194) перцовый; 195) сосуд для перца; 196) персик; 197) фрукт, плод; 198) свежо, свежий; 199) продолжение в следующем номере.

דאַצענט ע. פאַלקאָוויטש

נאָך װערטער װעגן שפּײַז און עסן

צובײַסן (צוגעביסן)[1]; צוקער, דער (־)[2]; צוקערקע, די (־ס)[3]; צװאָרעך, דער[4]; ציבעלע, די (־ס)[5] (גרינע ציבעלע)[6]; ציגנמילך, די[7]; ציטרין, דער (־ען)[8]; צימעס, דער, דאָס[9] (באַרן־צימעס[10], מערן־צימעס[11], עפּל־צימעס[12], פֿלױמען־צימעס[13]); ציקאָריע, די[14]; צײנדל (קנאָבל), דאָס (־עך)[15]; צעדערנוס, דער (־ניס)[16];

קאַװע, די (־ס)[17] (שװאַרצע קאַװע[18], מיט מילך[19]); קאַװענע, די (־ס)[20]; קאַטשקע, די (־עס)[21]; קאַקאַאָ, די[22]; קאַראַפֿינקע, די (־עס)[23]; קאַרטאָפֿל, דער (־)[24]; קאַרטאָפֿליע, די (־עס)[25]; קאַרפּ, דער (־ן)[26]; קאַרש, די (־ן)[27]; קאַשטאַן, דער (־עס)[28]; קאַשע, די[29]; קאָטלעט, דער (־ן)[30]; קאָכן (געקאָכט)[31]; קאָמפּאָט, דער (־ן)[32] (עפּלקאָמפּאָט[33], פֿלױמען־קאָמפּאָט[34]...); קוי־קאָס, דער (קויסעס)[35]; קוגל, דער (־ען)[36] (לאָקשן־קוגל[37], עפּל־קוגל[38], רײַזקוגל[39]...); קוילעטש, דער (־ן)[40]; קויסע, די (־ס)[41]; קװאַס, דער[42]; קװאַסבאָרשטש, דער (אָקראָשקע, די)[43]; קיבעד, דער (קיבודים)[44]; קיטקע, די (־ס)[45]; קיך, די (־ן)[46]; קיכל, דאָס (־עך)[47]; קילקע, די (־ס)[48]; קימל, דער[49]; קינגל, דאָס (־עך)[50]; קיסעל, דער[51]; קײַען (געקײַט)[52]; קלײט, די (־ן)[53]; קנאָבל, דער[54]; קנײדל, דאָס (־עך)[55]; קעז, דער (־ן)[56]; קעלישעק, דער (קעלישקעס)[57]; קעסט, דער, דאָס[58]; קעסל, דער (־ען)[59]; קעפֿיר, דער[60]; קראָם, די (ען)[61] (באַקאַלײ־קראָם[62], װורשטקראָם[63], מילכקראָם[64]...); קרוג, דער (־ן)[65]; קרופּניק, דער[66]; קרױט, דאָס (־ן)[67] (בלומענקרױט)[68]; קריגל, דאָס (־עך)[69]; קרעפּל, דאָס (־עך)[70];

ראָז(ש)ינקע, די (־ס)[71]; ראָסלפֿלײש, דאָס (־ן)[72]; רױג, דער (־ן)[73]; ריב, די (־ן)[74]; רײַז, די (־)[75]; רעטעך, דער (־ער)[76]; רעטעכל, דאָס (־עך)[77]; רעסטאָראַן, דער (־ען)[78];

שאָל, די (־ן)[79]; שאָלעכץ די, דאָס (־)[80]; שאָקאָלאַד, דער, די (־ן)[81]; שװאָם, דער, די (־ען)[82]; שװעמל, דאָס (עך)[83]; שטאָקפֿיש, דער[84]; שטרודל, דער (־ען)[85]; שינקע, די (־ס)[86]; שיסל, די (־ען)[87]; שלינגען (געשלונגען)[88]; שלײַען, דער (־ס)[89]; שמאַלץ, די, דאָס[90] (גענדזענע[91], הינערשע[92], טוקענע[93] שמאַלץ), שמאַלציק (־ער)[94]; שמאַנט, די[95]; שניצל, דער (־ען)[96]; שענק, די (־ען)[97]; שפּײַז, די (־ן)[98], שפּײַז־קאַמער, די (־ן), שפּײַזאַרניע, די (־ס)[99]; שפּראָט, די (־ן)[100].

Перевод: 1) закусить; 2) сахар; 3) конфета; 4) творог; 5) лук; 6) зеленый лук; 7) козье молоко; 8) лимон; 9) «цимес» — тушеные овощи; 10) из груш; 11) из морковки; 12) из яблок; 13) из слив; 14) цикорий; 15) зубок, зубочек (чеснока); 16) кедровый орех; 17) кофе; 18) черный кофе; 19) с молоком; 20) арбуз; 21) утка; 22) какао; 23) графин(чик); 24) картофель; 25) картофелина; 26) карп; 27) черешня; 28) каштан; 29) каша; 30) котлета; 31) варить; 32) компот; 33) из яблок; 34) из слив; 35) бокал; 36) пудинг; 37) из лапши; 38) из яблок; 39) из риса; 40) белый хлеб; 41) рюмка, чарка; 42) квас; 43) окрошка; 44) угощение; 45) плетёнка, витой хлеб; 46) кухня; 47) коржик; 48) килька; 49) тмин; 50) кролик; 51) кисель; 52) жевать; 53) лавка, магазин; 54) чеснок; 55) клёцка; 56) сыр; 57) рюмка; 58) харчи; 59) котел; 60) кефир; 61) лавка, магазин; 62) бакалейная лавка; 63) колбасная; 64) молочная; 65) кувшин; 66) похлебка (из крупы); 67) капуста; 68) цветная капуста; 69) кувшин(чик); 70) пельмень; 71) изюм; 72) жаркое; 73) икра; 74) репа; 75) рис; 76) редька; 77) редиска; 78) ресторан; 79) блюдце; 80) скорлупа, кожура; 81) шоколад; 82) гриб; 83) грибочек; 84) треска; 85) струдель (род рулета); 86) ветчина; 87) миска; 88) глотать; 89) линь; 90) сало, смалец; 91) гусиное; 92) куриное; 93) тук, сало; 94) сально, сальный; 95) сметана; 96) шницель; 97) шинок; 98) пища; 99) чулан; 100) шпроты.

פֿראַגמענטן פֿון שלום־עליכעמס „מילכיקס"

...איך האַלט פֿון מילכיקס[1], און ניט אַזױ איך, װי „זי"[2]. בײַ אונדז אין קאַסרילעװקע הײסן מיר „די פֿרעסערס"[3], כאָטש עסן עסן מיר גלײַך מיט אַלע ייִדן[4], דאָס הײסט: קאַראַכעס אין אַ קלײן טעפּעלע (...)[5] עס נעמט זיך דערפֿון[6]. װאָס מיר האָבן ליב רײדן פֿון עסן (...)[7] און עפּעטער[8] נעמט זיך עס פֿון דעם, װאָס מע עסט בײַ אונדז אַ סך ברױט(...) װאָרעם[9] ס׳איז

פאראן בא מיר, ניט צו פארזינדיקן[10], ווער ס'זאל קייען[11]. איך האב, זיי זאלן לעבן און געזונט זיין[12], דריי פערטל טוץ[13], און אלע, בארעכהאשעם[14], האבן אפעטיט צום עסן (...) האלעווי וואלט נאר געווען וואס צו עסן[15],ווארעם איך בין, לוי־אלייכעם[16], נישט פון די גרויסע נגידים[17] (...)

...ס'איז א מעכייע צו קוקן[18], זאג איך איך, ווי מע עסט, קיין איינהארע[19], בא מיר. איך האב ליב צו זען, ווי זיי עסן, איך האב דערפון פארגעניגן[20] (...)

...אז עס קומט בא מיר שוועס[21], מעג זיך איבערקערן די וועלט[22]. פאראן פאר וואס, צי ס'איז ניטא פאר וואס[23], — א מילכיקע סודע דאס מוז זיין (...)[24] איז פאראן א קאפ מילך אף צו פארווייסן דעם בארשטש — איז גוט[25], עלע ניט[26] — מוז מען זיך באגיין דערמיט[27], וואס ער איז געקאכט אין א מילכיקן טאפ[28]. ווארעם מיין כאליאסטרע, קיין איינהארע, מע זאל זיך צו זיי וועלן צולאזן און געבן כליפּטשען ריינע מילך[29], איז ניט שייעך צו זאגן א ציג[30], — דריי ציגן וואלט געווען ווינציק[31]. און מיר בעסאכאקל פארמאגן אונדזער אייגנס א האלבע ציג[32], מיר האבן, הייסט דאס, בעשוטפעס מיט א שאכן א ציג (...)[33] און מיר האבן פון איר אפגעשניטענע יארן[34]. ניט לאנג האט זי זיך מעיאשעוו געווען (...)[35] און הערט זיך גאר אוף צו מעלקן[36], דאס הייסט, מעלקן מעלקט זי זיך, נאר קיין מילך גיט זי ניט[37]; היינט גיי ציִ ארויס פון אזא בהמע[38] קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס[39]. „איי, זאג איך צו מיין ווייב, קרעפּלעך! איך וואלט אוועקגעגעבן, זאג איך, פאר מילכיקע קרעפּלעך אדער וואַרעניקעס איך ווייס אליין ניט וואס[40]. טאמער וואלטסטו טאקע געזען, סארע־זיסל[41], ס'זאל זיין, זאג איך, קרעפּ־לעך[42]...“ מאכט זי צו מיר: „פון וואס, לעמאשל?“[43] זאג איך: „דערויף ביסטו דאך עפעס א באלעבאסטע בא מיר“[44]. זאגט זי: „צו קרעפּלעך באדארף זיין אייער — דאס ווייסטו?“[45]. זאג איך: „איך ווייס, פארוואס זאל איך ניט וויסן?[46] א קונץ, זאג איך, צו מאכן קרעפּלעך מיט אייער![47] וויז א בעריעשאפט אן אייער!“[48] זאגט זי: „כאכעם־באלײלא![49] וואס זשע טוט מען מיט קעז?“ זאג איך: „מיט קעז וואלט שוין געווען נישקאשע[50]. שלעכט איז[51], וואס אן קעז“ זאגט זי: „היינט[52] וואס זשע ווילסטו?“ זאג איך: „וויל איך, זאלסט כאטש מאכן רעטשענע וואַרניטשקעס“[53]. זאגט זי: „צו וואַרניטשקעס דארף מען פוטער“. זאג איך: „ווו שטייט דאס געשריבן?[54] אין סייפער־פּראַלניקי?“[55] זאגט זי: „דו דארפסט בעסער וויסן[56], ווו עס שטייט געשריבן, דו האסט געלערנט אין כיידער“[57]. זאג איך: „ווייסטו וואס, מיין ווייב, וואס איך וועל דיר זאגן? אזוי ווי מיר האבן נישט[58] קיין אייער, און נישט קיין קעז, און נישט קיין פוטער, טא לאמיר כאטש אזוי א ביסל ריידן פון מילכיקס[59]. וואס וואלטסטו, קעדוימע לעמאשל[60], געמאכט אף שוועס צו דער סודע, ווען דו זאלסט, אשטייגער, האבן מיט וואס?“ זאגט זי: „צייט איך לעב[61], האב איך ניט געזען, א מענטש זאל אזוי זיין ארייַנגעטאן[62] אין דער אכי־לע“[63] זאג איך: „וואס וועט דיך ארן[64], אז מיר וועלן א ביסל ריידן? עס קאסט דיך געלט?[65] לאז זיך דיר דאכטן[66], עלעהיי[67] דו האסט אלצדינג, אי קעז, אי פוטער, אי אייער — וואס פאר א מילכיקע סודע וואלטסטו מיר דעמלט מאכן?...“ זאגט זי: „וואס וואלטסטו וועלן[68], איך זאל מאכן?“ זאג איך: „א טייגעכץ“... זאגט זי: „א ווילעל־וועסוּיוועניק[69] דאס איז! א טייגעכץ נעמט צו[70] די גאנצע פוטער“ (...) זאג איך: „עס מעג זיין קארפ[71], און עס ארט מיך ניט קיין שלעפּן[72], און מיט העכטלעך[73]“, זאג איך, „וועט מען זיך אויך ניט סאמען[74], און אפילע טאמער כאלילע פּלאטויצעס[75], וועל איך דיר אויך קיין געט[76] נישט געבן, אבי ס'זאל זיין“, זאג איך, „גוט געפּרעגלט“[77]... זאגט זי: „א טרייפענער האלדז[78] דאס איז! איך האב מוירע[79], דו וועסט זיך ניט אפזאגן פון געקאכטע פעפעריקע רויג[80] מיט קארטאפל“... זאג איך: „אדן מיטן גרעסטן קאוועד.“[50]

Перевод: 1) я любитель молочных блюд; 2) не столько я, сколько «она» (жена); 3) называют нас «обжорами»; 4) хотя мы кушаем то же, что все; 5) то есть очень мало (дословно: лихорадка в маленьком горшочке); 6) это берется от того; 7) что мы любим говорить о еде; 8) а может быть; 9) потому что; 10) у меня, не сглазить бы (дословно: чтобы не согрешить); 11) есть кому пожевать; 12) пусть будут живы и здоровы; 13) три четверти дюжины; 14) слава богу; 15) было бы что кушать; 16) не про вас будь сказано; 17) не из больших богачей; 18) радостно наблюдать; 19) чтоб не сглазить; 20) удовольствие; 21) еврейский весенний праздник («пятидесятница»); 22) пускай весь мир перевернется; 23) есть ли за что или нет; 24) молочная трапеза должна быть; 25) если есть капля молока для заправки борща — ладно; 26) а если нет; 27) следует довольствоваться (обходиться) тем; 28) что он готовился (варился) в молочном горшке; 29) моей ватаге только дай волю, начни её поить одним (чистым) молоком; 30) тут не то что козы; 31) трех коз не хватит (было бы мало); 32) а мы являемся владельцами всего лишь половины козы; 33) у нас с соседом одна общая коза; 34) одни переживания (дословно: отрезанные годы); 35) недавно она обдумала (поразмыслила); 36) и перестала совсем доиться; 37) доить её можно (доиться она доится), но молока она не дает; 38) поди выжми (вытяни) из такого животного; 39) пельмени с варениками; 40) я бы отдал все что угодно; 41) может, ты бы позаботилась, Соре-Зисл; 42) чтобы были пельмени; 43) из чего, например; 44) на то ты ведь хозяйка у меня; 45) должны быть яйца — это ты знаешь?; 46) знаю, почему мне не знать?; 47) хитро (фокус) сделать, если есть яйца; 48) а ты изловчись (покажи мастерство) без яиц; 49) умная голова! А как быть

עס ציטערט אַף אים די הויט.	«Кожа на нем дрожит» (боится).
מע דאַרף הערן מיט קאָפּ.	Надо слушать внимательно.
זיך ברעכן דעם קאָפּ.	Ломать себе голову.
פֿאַרלירן דעם קאָפּ.	Потерять голову.
מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.	Головой вниз, а ногами вверх.
לאַנגע האָר און קורצער סייכל.	Длинные волосы да короткий ум.
רײַסן אַף זיך די האָר.	Рвать на себе волосы.
די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר.	Волосы встали дыбом.
ווו מע דאַרף מויעך, העלפֿט ניט קיין קויעך.	Где требуется ум — сила не поможет.
דאָס פּאָנעם איז אַ מאָסער.	Лицо — доносчик.
דאָס פּאָנעם זאָגט אויס דעם סאָד.	Лицо выдает секрет (тайное).
ווילסט האָבן אַ פּאָנעם בײַ לײַטן, האָב פֿריער בײַ זיך אַליין.	Хочешь пользоваться уважением людей, уважай раньше самого себя.

---

[1] מערצאָל: קערפּערס, גופים, לײַבער, ביינער, אָדערן... [2] די שפּראַך — ן, דאָס לאָשן — לעשוינעס Язык (речь)

Не красивое лицо — главное, а прекрасное сердце.
Это не имеет лица (вида).
Встретиться лицом к лицу.
Беречь как зеницу ока.
Идти куда глаза глядят.
Сказать правду в глаза.
Убирайся с глаз долой.
Вести за нос.
«Иметь блох в носу» (возгордиться)
Всему свету рта не закроешь.
Не тяни за язык.
Язык без костей.
Язык заведет человека к счастью и несчастью.
Что у трезвого на уме — у пьяного на языке.
Это давнишняя история.
Жемчуг на шее, камни на сердце.
Гнать в шею.
Сломать шею.
Давать полной (доброй) рукой.
Рука руку моет.
Иметь глиняные (дырявые) руки.
Иметь длинные (нечестные) руки.
Бездельные руки портят стены.
Без пальцев кукиша не сделаешь.
Сердце — полупророк.
Говорить с чувством.
Быть недовольным кем-нибудь.
В животе нет окон.
В животе никто не видит, на животе все видят.
Человек без желчи (добрый).
Хороший желудок всё перенесёт.
Одной парой ног нельзя танцевать на десяти свадьбах.

ניט דאָס שיינע פּאָנעם איז דער איקער, נאָר דאָס שיינע האַרץ.
עס האָט ניט קיין פּאָנעם.
זיך טרעפן פּאָנעם־על־פּאָנעם.
היטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.
גיין, וווּהין די אויגן טראָגן.
זאָגן דעם עמעס אין די אויגן.
אַוועק פון מײַנע אויגן.
פירן פאַר דער נאָז.
האָבן פליי אין דער נאָז.
דער וועלט וועסטו דאָס מויל ניט פאַרמאַכן.
צי ניט פאַר דער צונג.
די צונג איז אָן ביינער.
די צונג פאַרפירט דעם מענטשן צום גליק און אומגליק.
וואָס בײַ אַ ניכטערן אַף דער לונג — איז בײַ אַ שיקערן אַף דער צונג.
די מײַסע האָט שוין אַ באָרד.
פּערל אַפן האַלדז, שטיינער אַפן האַרצן.
געבן האַלדז־און־נאַקן.
ברעכן האַלדז־און־נאַקן.
געבן מיט אַ פולער האַנט.
איין האַנט וואַשט די צווייטע.
האָבן ליימענע הענט.
האָבן לאַנגע הענט.
ליידיקע הענט מאַכן קאַליע די ווענט.
אָן פינגער וועסטו קיין פײַג ניט מאַכן.
דאָס האַרץ איז אַ האַלבער נאָווי.
ריידן מיט האַרץ.
האָבן אַף עמעצן האַרץ.
אין בויך זײַנען קיין פענצטער ניטאָ.
אין בויך זעט קיינער ניט, אַף דעם בויך זעען אַלע.

אַ מענטש אָן אַ גאַל.
אַ גוטער מאָגן וועט אַלץ פאַרטראָגן.
מיט איין פּאָר פיס קאָן מען ניט טאַנצן אַף צען כאַסענעס.

Отрывок из произведения Шолом-Алейхема «Мальчик Мотл»

Сколько у нас чернил, я и сказать не могу. Чуть ли не тысяча бутылок! Но что толку, когда их девать некуда.

Мой брат Эля уже везде побывал. Продавать в розницу, бутылками, не имеет смысла. Так говорит мой брат Эля мужу нашей соседки, переплетчику Мойше. Когда он зашел к нам и увидел столько бутылок, он даже перепугался и шарахнулся назад. Мой брат Эля заметил это, и между ними завязался странный разговор. Передаю его слово в слово.

Эля. Чего это вы так испугались?
Переплетчик. Что у тебя в бутылках?
Эля. Чему там быть? Вино!
Переплетчик. Какое вино? Ведь это чернила!
Эля. Зачем же вы спрашиваете?

אַ פראַגמענט פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"
שאָלעם־אַלייכעם

ווי פיל טינט מיר האָבן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך האָב מוירע, אויב ניט טויזנט פלעשער! נאָר וואָס קומט אַרויס — ס'איז ניטאָ וווּ אַהינצוטאָן.

מײַן ברודער עליע איז געווען שוין אומעטום. פאַרקויפן לאַכאַדים, פלעשלעכווײַז — איז ניטאָ קיין פּלאַן. אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע צו אונדזער שכיינעס מאַן, מוישע דעם אײַנבינדער. אַז ער איז אַרײַנגעקומען צו אונדז און דערזען אַזוי פיל פלעשער, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אַזש אַ וואָרף צוריק. דערזעט מײַן ברודער עליע, און עס קומט פאָר צווישן די צוויי אַ מאָדנער שמועס. איך גיב אײַך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט בײַ וואָרט:

עליע: וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן?
אײַנבינדער: וואָס איז בײַ דיר אין די פלעשער?
עליע: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!
אײַנבינדער: וואָסער ווײַן? ס'דאָך טינט!
עליע: הײַנט וואָס זשע פרעגט איר?

אײַנצאָל און מערצאָל: דער מאַן — מענער; דער ברודער — ברידער; דער מעסער — מעסערס; דער נאָווי — נעוויִים; דער ראָוו — ראַבאָנים; דער סאָד — סוידעס; דער שמועס — ן; די מײַסע — ס; דאָס וואָרט — ווערטער; דאָס גלײַכווערטל — עך; דאָס פענצטער — ; די פלאַש — פלעשער; דער ווײַן — ען; דאָס קויטל — עך; די צאַצקע — ס; דער קויעך — קויכעס; דער פּלאַן — פּלענער; האַנט — הענט; די וועלט — ן; דער קויעך — קויכעס.
אַנטאָנימען (קאָנטראַסטן): 1) אַדיעקטיוון (פּרילאַגאַטעלנע): גרויסער — קליינער; לאַנגער — קורצער; אָפענער — פאַרמאַכטער; גוטער — שלעכטער; שיינער — מיעסער; ניכטערער — שיקערער; 2) אַדווערבן (נאַרעטשיאַ): גרעסער — קלענער; לענגער — קירצער; בעסער — ערגער; פריער — שפּעטער.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

Ш. Ан-ский (1863—1920)
Портной

Дом мал, дом стар,
в каждом углу сор и грязь.
Темно, грустно и холодно.
Больной портной сидит и шьет.
    Портной шьет,
    игла идет,
    мозг (голова) кружится:
    велика нужда —
    нет хлеба, нет хлеба.
— Что делаешь, портной, на свете?
— Живу! — ужасный холод
охватывает сердце: проклятая нужда!
Если это жизнь, то что же смерть?

ש. אַנ־סקי (1863 — 1920)
דער שניידער

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדן ווינקל מיסט און קויט.
ס'איז פֿינצטער, אומעטיק און קאַלט.
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט.
    דער שניידער נייט,
    די נאָדל גייט,
    דער מוח דרייט:
    ס'איז גרויס די נויט —
    ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ קיין ברויט.
— וואָס טוסטו, שניידער, אַף דער וועלט?
— „איך לעב“. — אַ שוידערלעכע קעלט
נעמט אָן באַם האַרץ: פֿאַרפֿלוכטע נויט!
אַז דאָס הייסט לעבן, וואָס איז טויט?

И.-Л. Перец (1852—1915)
Три швеи * (отрывки)

Глаза красные, губы сини(е),
ни капли крови в щеке,
лоб бледен, покрыт потом,
дыхание прерывисто и горячо —
сидят три девушки и шьют...

Игла — блеск, полотно — снег.
А одна думает: я шью и шью,
шью днем, шью ночью,
подвенечного платья себе не сделала,
что толку, что шью?

Вторая думает, я шью и строчу,
выстрачиваю себе лишь седые косы!
Голова горит, в висках стучит,
а машина пристукивает к такту:
та-та, та-та, та-та!

י.־ל. פּערעץ (1852 — 1915)
דרײַ נייטערנס (פֿראַגמענטן)

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שווייס,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצן דרײַ מיידלעך און נייען...

די נאָדל — בלאַנק, דער לײַוונט — שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי באַטאָג, איך ניי באַנאַכט,
קיין כופּעקלייד זיך נישט געמאַכט,
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?

די צווייטע טראַכט, איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האַקט,
און די מאַשין קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

Платье, одежда / בגדים

Одежда	דער בעגעד
Одежда	דער (דאָס) מאַלבעש־ מאַלבושים
Бельё	דאָס וועש, דאָס גרעט
Рубаха, сорочка	דאָס העמד — ער
Рубаха нижняя	דאָס אונטערהעמד־ער
Рубаха верхняя	דאָס איבערהעמד־ער
Рубашка	דאָס העמדל־עך
Бюстгалтер	דער ביוסטהאַלטער־ס
Бюстгалтер	דער ברוסטהאַלטער־ס
Трусики	(די) טרוסיקעס
Кальсоны	(די) גאַטקעס
Кальсоны	(די) מאַכטוינים
Брюки, штаны	(די) הויזן
Жилет	דער זשילעט־ן
Жилет	דער וועסט־ן, דאָס וועסטל־עך
Воротник	דער קאָלנער־ס
Воротник	דער קראַגן־ס
Галстук	דער שניפּס־ן
Галстук	דער אויסבינדער־ס
Пиджак	דער פּידזשאַק־עס
Тужурка	די טוזשורקע־ס
Френч	דער פֿרענטש־ן
Куртка	די קורטקע־ס
Куртка	דאָס רעקל־עך
Куртка, пиджак	די מאַרינאַרקע־ס
Халат	דער כאַלאַט־ן
Костюм	דער קאָסטיום־ען
Костюм	דער אָנצוג־ן
Блузка	די בלוזקע־ס
Платье	דאָס קלייד־ער
Платье	דאָס קליידל־עך
Юбка	די יופּקע־ס
Капот	דער קאַפּאָט־ן
Передник, фартук	דער פֿאַרטעך־ער
Кофта	די קאָפֿטע־ס
Кофточка	דאָס קאָפֿטל־עך
Жакет	דער זשאַקעט־ן
Пояс, кушак	דער גאַרטל־ען
Шарф	דער שאַרף־ן
Шаль	די שאַל־ן
Пелерина	די פּעלערינע־ס
Пальто	דער מאַנטל־ען
Пальто летнее	דער זומער־מאַנטל־ען
Пальто осеннее	דער האַרבסט־מאַנטל־ען
Пальто зимнее	דער ווינטער־מאַנטל־ען
Шуба, меховое пальто	דער פֿוטער־ס
Тулуп	דער פּעלץ־ן
Шляпа	דער קאַפּעליוש־ן
Шапка	דאָס היטל־ען
Шапочка, шляпка	דאָס היטעלע־ך

* дословный перевод.

Кепка	די קעפּקע״ס	Платок	דאָס טיכל״עך
Берет	דער בערעטן	Платок большой	די פּאַטשיילע״ס
Козырек	דער דאַשעק״עס	Платок носовой	דאָס נאָזטיכל״עך
Меховая шапка	די קוטשמע״ס	Перчатки	די הענטשקע״ס
Шлем	דער העלם״ען	Муфта	די מופֿטע״ס
Вуаль, покрывало	דער שלייער״ס	Зонтик	דער שירעם
Платок	די טוך		

Семь чернильниц *

Птица прилетела бы,
послал бы её к радуге:
  Птица, птица,
  принеси быстро
  семь чернильниц
  с чернилами.
Буду писать на бумаге
каждое слово с его колером.
  реку — синим,
  песок — желтым,
  траву — зеленым,
  день — светлым.
Но письмецо маме —
из всех чернильниц вместе.

Овсей Дриз

* Дословный перевод

זיבן טינטערלעך

וואָלט אַ פֿויגל דורכגעפֿלויגן,
שיק איך אים צום רעגנבויגן:
  פֿויגל, פֿויגל,
  ברענג געשווינד
  זיבן טינטערלעך
  מיט טינט.
וועל איך שרײַבן אויף פּאַפּיר
יעדעס וואָרט מיט זײַן קאָליר.
  טײַך — מיט בלויען,
  זאַמד — מיט געלן,
  גראָז — מיט גרינעם,
  טאָג — מיט העלן.
נאָר דאָס בריוועלע דער מאַמען —
פֿון אַלע טינטערלעך צוזאַמען.

שיקע דריז.

Шолом-Алейхем
(из книги «Мальчик Мотл»)

...Из-за бутылок в доме тесно... Прибегает паренек. Он уже жених. Я его знаю. Его зовут Копл. Его отец портной...
— Здесь продают чернила в розницу?
— Да. А что такое?
— Я бы хотел немного чернил.
— Сколько тебе нужно?
— Дайте мне на копейку.
Мой брат Эля вне себя, если бы не стыд перед матерью, он бы этого жениха Копла раньше отшлепал, а потом вышвырнул бы из дому. Однако он сдерживает себя и наливает тому чернил на копейку.
Не проходит и четверти часа, прибегает девочка. Её я не знаю. Она ковыряет (пальцем) в носу и говорит моей маме:
— Здесь делают чернила?
— Да, а что такое?
— Сестра просила, не можете ли вы ей одолжить немного чернил? Ей нужно написать письмо жениху в Америку.
— Кто твоя сестра?
— Бася, швейка.
— А! Смотри, как она выросла! Не сглазить бы! Я тебя совсем не узнала. Чернильница есть у тебя?
— Откуда у нас чернильница?
Моя сестра просила, может быть, у вас есть перо. Она только напишет письмо в Америку и вернет вам чернила и перо.

שאָלעם־אַליכעם
(פֿון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס")

...איבער די פֿלעשער איז ענג אין שטוב... לויפֿט אַרײַן אַ באָכערל... ער איז שוין אַ כאָסן. איך קען אים. קאָפּל הייסט ער. דער טאַטע זײַנער איז אַ שנײַדער...

— דאָ פֿאַרקויפֿט זיך טינט לאַקאָדים?
— יאָ. וואָס איז דען?
— איך האָב געוואָלט אַ ביסל טינט.
— וויפֿל דאַרפֿסטו טינט?
— גיט מיר פֿאַר אַ קאָפּעקע טינט.
מײַן ברודער עליע איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פֿאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם כאָסן קאָפּל פֿריער דורכגעפּאַטשט און נאָכדעם אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב. ער האַלט זיך אײַן און גיסט אים אָן פֿאַר אַ קאָפּעקע טינט.
עס גייט ניט אַוועק קיין פֿערטל שאָ, קומט אַרײַן אַ מיידל. דאָס מיידל קען איך ניט. זי קאָלופּעט מיטן פֿינגער די נאָז און רעדט צו מײַן מאַמען:

— דאָ מאַכט מען טינט?
— יאָ. וואָס איז דען?
— די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר איר לײַען אַ ביסל טינט? זי דאַרף אַוועקשרײַבן אַ בריוול קיין אַמעריקע צו איר כאָסן.

— ווער איז דײַן שוועסטער?
— באַסיע די נייטערן.
— אַ! זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואַקסן! קיין אַמנהאָרע! איך האָב דיך גאָר ניט דערקענט. אַ טינטערל האָסטו?
— ווי קומט צו אונדז אַ טינטערל?
מײַן שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער האָט איר אַ פֿען. זי וועט נאָר אָנשרײַבן דאָס בריוול קיין אַמעריקע, גיט זי אײַך אָפּ צוריק די טינט און פֿען.

דאָצענט ע. פּאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

סובסטאַנטיװן און אַדיעקטיװן

אײנצאָל און מערצאָל: די שטוב־שטיבער; דאָס װינקל־ען; דאָס מיסט־ן; די קױט...; די גאָרל־ען; די נױט־ן; דאָס ברױט־ן; די װעלט־ן; די קעלט־ן; דאָס לעבן־ס; דער טױט־ן; דער טראָפּן־ס; דער שװײס־; דער אָטעם־; דאָס מײדל־עך; דער ליװנט־ן; דער שנײ־ען; די כּופּעס; דער צאָפּ־צעפּ; די מאַשין־ען; דער טאָקס־ן; דער פֿױגל־פֿײגלען; פֿײגל; דער רעגנבױגנס; דער סינטער־ס; דאָס טינטערל־עך; דאָס פּאַפּיר־ן; דאָס װאָרט־װערטער; דער קאָליר־ן; דער סטרך־ן; דאָס גראָז־; דער טאָג־טעג; דער(די) בריװ־; דאָס בריװל־עך; דאָס באַבעריל־עך; דער כּאָסן־כּאַמאַנים; דער טאַטע־ס; די קאָפּעקע־ס; דאָס פּערל־עך(־עך); די שאַ־ען; די שװעסטער־(ס); די פּנים־ער; דער טיש־ן; דער טראָם(טרים)־.

אַדיעקטיװן: קלײן, אַלט, פֿינצטער, אומעטיק, קאַלט, קראַנק, גרױס, שװידערלעך, פֿאַרפּלוכט, רױט, בלױ, בלאַס, אָפּגעהאַקט, הײס, גרױ, געשװינד, געל, גרין, העל, ענג, שטיל.

אַ קלײן, און אַלט, אַ פֿינצטער, אַ קאַלט, אַ גרױס... שטיבל, װינקל, הױז...;
דאָס קלײנע, אַלטע, פֿינצטערע, קאַלטע, גרױסע... שטיבל, װינקל, הױז...;
די קלײנע, אַלטע, פֿינצטערע, קאַלטע, גרױסע... שטוב, געבעטדע („זדאַניע")...;
דער קלײנער, אַלטער, פֿינצטערער, קאַלטער, גרױסער... בײדער, קלוב, טאָג...;
דער בײדער, די שטוב, דאָס שטיבל איז קלײן, אַלט, פֿינצטער, קאַלט, גרױס...;
אין בײדער, אין שטוב, אין שטיבל איז פֿינצטער, אומעטיק, קאַלט, הײס...

אַנטאָנימען: קלײן־גרױס; אַלט־נײַ; אַלט־ייִנג; פֿינצטער־ליכטיק; אומעטיק — פֿרײלעך; קאַלט־װאַרעם; קאַלט־הײס; קראַנק — געזונט; העל־טונקל; געשװינד־לאַנגזאַם; ענג־גרױס; אונטערשט — אײבערשט.

דאָס אונטערשטע װעש, די אײבערשטע בגדים. אַן אונטערשט העמד — די אונטערשטע העמדער. אױף דעם אונטערשטן עטאַזש. אין דער גרױסער שטוב; אין דעם ליכטיקן קלוב.

Самуил Галкин

Стекло [1]

Стекло прозрачно и чисто —
ты видишь сквозь него весь свет:
кто плачет и кто смеется.
Но как только одну сторону закрыл
серебряной краской, что стоит
грош или немножко больше, —
с глаза вся земля исчезает,
из чистого стекла зеркало становится,
а при всей его чистоте
ты в нем видишь лишь самого себя.

[1] Дословный перевод.

שמואל האַלקין

דאָס גלאָז

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע װעלט:
װער עס װײנט, און װער עס קװעלט.
נאָר װי דו האָסט אײן זײַט פֿאַרשטעלט
מיט זילבער־פֿאַרב, װאָס האָט די װערט
אַ גראָשן געלט, צי עפּעס מער, —
פֿאַרשװינדט פֿון אױג די גאַנצע ערד,
פֿון ריינעם גלאָז אַ שפּיגל װערט.
און װי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַלײן.

(Ради кого светит солнце)

Александр Македонский пришел к королю страны Кацио(?). Король показал ему много серебра и золота.

Сказал ему Александр:

— Не Ваше серебро и золото я хочу видеть, а ваши обычаи и законы.

В это время два человека пришли на суд к королю. Один говорит:

— Мой король! Я у этого человека купил развалившееся здание. Я его снёс и на его месте нашел клад. Я говорю бывшему хозяину:

— Забери свой клад. Я у тебя купил одни развалины — сокровищ я у тебя не покупал.

Второй говорит:

— Ты боишься чужого добра, я тоже. Я тебе продал развалины и всё, что в них.

Тогда король спросил у одного из них, есть ли у него сын, а у другого, есть ли у него дочь. Они сказали, что есть. Раз так, — рассудил король, — пусть они посватаются и клад будет им принадлежать.

(צוליב װעמען שײַנט די זון)

אַלעקסאַנדער מוקדון איז געקומען צום קיניג פֿון קאַציאַ(?). האָט אים דער קיניג געװיזן אַ סך זילבער און גאָלד.

זאָגט אים אַלעקסאַנדער:

— ניט אײַער זילבער און גאָלד בין איך אױסן צו זען, נאָר אײַערע מינהגים און דינים.

דערװײַל זײַנען צװײ מענטשן געקומען זיך מישפּטן פֿאַרן קיניג. אײנער זאָגט:

— מײַן קיניג! איך האָב בײַם דאָזיקן מאַן געקױפֿט אַ חורבה. איך האָב זי אָראָפּגעבראָכן און האָב אױף איר אָרט געפֿונען אַן אוצר.

זאָג איך צו אים:

— נעם צו דײַן אוצר. איך האָב בײַ דיר געקױפֿט בלױז די חורבה — קײן אוצר האָב איך בײַ דיר ניט געקױפֿט.

זאָגט דער צװײטער:

— דו האָסט מורא פֿאַר פֿרעמדס, און איך אױך. איך האָב דיר פֿאַרקױפֿט די חורבה און אַלץ, װאָס אין איר.

האָט דער קיניג געפֿרעגט בײַ אײנעם פֿון זײ, צי האָט ער אַ זון, און בײַם צװײטן, צי האָט ער אַ טאָכטער. האָבן זײ אים געזאָגט, אַז יאָ.

— אױב אַזױ, — האָט דער קיניג געפּסקנט, — זאָלן זײ צװישן זיך אַ שידוך טאָן און דער אוצר זאָל זײ געהערן.

Александр очень удивился.
Спрашивает его король:
— Я разве неправильно поступил? Как бы ты решил, если бы такое дело разбиралось в твоей стране?
Я бы обезглавил одного и другого, а клад поступил бы ко мне.
— А солнце у вас светит? — спросил король.
— Да!
— И дожди у вас идут?
— Идут!
— У вас, может, есть козы и овцы?

— Есть!
— Ох, вы жалкие (несчастные)! — закончил король. — Ради коз и овец светит у вас солнце и идут дожди.

האט זיך אלעקסאנדער שטארק פארכידעשט.
פרעגט אים דער קעניג:
— איך האב דען ניט ריכטיק געהאנדלט? ווי וואלסטו געטאן, ווען אזא מין לאדעניש קומט פאר בא דיר אין לאנד?
— איך וואלט געקעפט דעם און יענעם, און דער אוצער וואלט ארײנגעפאלן צו מיר.
— און די זון שײנט בא אײך? — האט געפרעגט דער קעניג.
— יא!
— און רעגנס גײען בא אײך?
— גײען!
— זײנען בא אײך עפעס פאראן ציגן און שעפסן?
— פאראן!
— אז אך און ווײ איז צו אײך! — האט פארענדיקט דער קעניג. — צוליב די ציגן און שעפסן שײנט בא אײך די זון און גײען בא אײך רעגנס.

Язык

Рабби Симон сын Гамлиила сказал своему рабу:
— Иди принеси мне с рынка хорошую еду.
Раб пошел и принес язык. Тогда рабби Симон снова велел:
— Иди принеси мне с рынка плохую еду.
Раб опять принес язык.
— Как же так, — удивился рабби Симон, — хорошая еда — язык, а плохая — тоже язык?
— Да, — ответил раб, — от него всё хорошее и всё плохое. Если он хорош, то нет ничего лучше его; если же он плох, то нет ничего хуже его.[1]

[1] Из древнееврейской литературы.

א צונג

רעב שימען בען גאמליעל האט געהײסן זײן קנעכט:

— גײ ברענג מיר פון מארק א גוט מײכל.
איז דער קנעכט אוועק און געבראכט א צונג.
האט אים רעב שימען ווידער געהײסן:

— גײ ברענג מיר פון מארק א שלעכט מײכל.

האט דער קנעכט ווידער געבראכט א צונג.
— וואס הײסט? — האט זיך רעב שימען געכידעשט. — א גוט מײכל איז צונג. און א שלעכטס איז אויך צונג?
— יא, — האט דער קנעכט געענטפערט. — פון איר איז אלדאס גוטס און אלדאס בײז. איז זי גוט, איז ניטא קײן בעסערס פון איר; איז זי שלעכט, איז ניטא קײן ערגערס פון איר.[1]

[1] פון דער אלט־העברעישער ליטעראטור.

Шолом-Алейхем

(В Лондоне)

...Англичанин, увидев, что мы машем руками трамваям,... отвел нас к какой-то церкви и знаками объяснил, что тут надо стоять. И действительно! Не прошло и минуты, как подошел трамвай и остановился. Мы все вошли... Подошел кондуктор и велел, чтобы мы взяли билеты. Пиня вышел вперед и спросил: Сколько? «Файф» — ответил кондуктор. Пиня еще раз спросил: Сколько? «Файф!» повторил кондуктор уже с раздражением. Пиня обращается к нам: что такое? Вы слышите? Он велит нам свистеть! Мой брат Эля подходит и при помощи рук спрашивает: сколько стоит проезд? Кондуктор рассвирепел: «Файф!» Пиня расхохотался, а Эля тоже вскипел и говорит кондуктору: «Сам свисти!» Тот не выдержал и дернул за веревку, остановил трамвай и вышвырнул нас с такой злобой, как если бы мы намеревались зарезать его и отобрать сумку с деньгами. Потом оказалось, что «файф» кондуктора значит «пять».

(«Мальчик Мотл»)

שאלעם־אלײכעם

(אין לאנדאן)

... דער ענגלענדער האט געזען, אז מיר מאכן מיט די הענט צו די טראמווײען... האט ער אונדז צוגעפירט צו א קלויסטער און האט אונדז אנגעוויזן מיט די הענט, אז דא זאלן מיר שטײן. קאבאװעס! עס האט ניט געדויערט קײן מינוט, איז אנגעלאפן א טראמוויי און האט זיך אפגעשטעלט. זײנען מיר אלע ארײן... גײט צו דער קאנדוקטאר און הײסט זיך, מע זאל נעמען בילעטן. שטעלט זיך ארויס פיניע און פרעגט אים: סקאלקא — וויפל? זאגט אים דער קאנדוקטאר: „פײף". פרעגט אים פיניע נאכאמאל: סקאלקא — וויפל? זאגט אים דער קאנדוקטאר ווידעראמאל, שוין מיט כאס: „פײף!" דרײט זיך אום צו אונדז פיניע און זאגט: טשטאַ טאקײע, איר הערט? ער הײסט מיר פײפן! גײט צו מײן ברודער עליע און פרעגט אים מיט די הענט: וויפל קאסט א פארט? זאגט אים דער קאנדוקטאר, שוין רעכט אין כאס: „פײף!" צעלאכט זיך פיניע, און עליע רופט זיך אן צום קאנדוקטאר שוין אויך מיט כאס: „פײף אלײן!" ווערט דער קאנדוקטאר פאלע־גאולען, טוט א ציִ בא א שטריק, שטעלט אפ דעם טראמוויי און ווארפט אונדז ארויס מיט אזא רעציכע, גלײך ווי מיר האבן אים געוואלט קוילען און צונעמען זײן רידיקיול מיטן געלט. צום סאף לאזט זיך אויס, אז דאס, וואס דער קאנדוקטאר האט „געפײפט", האט ער דאס געמײנט „פינף".

(„מאטל פײסי דעם כאזנס")

דאצענט ע. פאלקאוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

לייב קוויטקאָ

דער ערשטער זינגער

פארבאָרגן צווישן ביימער[1]
אין בלעטערן געמיש[2],
דאָרט צוויטשעט דער ערשטער צוויטשקער[3]
אזוי באהארצט און פריש[4].
ער צוויטשערט אזוי מונטער[5],
כאָטש קיינער האלט נישט אונטער[6]:
צוויטש!

איך זע דיך נישט, איך ווייס נישט[7],
פונוואנען, ווער דו ביסט,[8]
איך הער, אָבער ווי מונטער[9]
דיין צוויטשען וועקט און גריסט[10].
איך הער, און ס'מאכט מיך מונטער[11],
און כ'האלט מיט הארץ דיך אונטער[12]:
צוויטש!

איך ווייס, ביסט נישט קיין אָדלער[13],
קיין וואָלקנס ברעכסטו נישט[14],
געוויס איז ווייט דיין צוויטשען[15]
פון נאכטיגאלס א ליד[16],
נאָר ווייל ביסט פלייסיק, מונטער[17],
האלט אויך דער וואלד דיך אונטער[18]:
צוויטש!

און כאָטש דו ביסט א ברעקל,[19]
מיסטאָמע א צוויטש די גרייס[20],
דאָך הערט די גאנצע וועלט דיך,[21]
ווען גיסט דיין הארץ איר אויס,[22]
די גאנצע וועלט ווערט מונטער[23],
און האלט דעם זינגער אונטער[24]:
צוויטש!

1944

ס'מאכט=עס מאכט; כ'האלט=איך האלט; ברעכסטו=ברעכסט דו (דו ברעכסט).

Перевод: 1) притаившись между деревьями; 2) в лиственном смешении; 3) там щебечет первая щебетунья; 4) так отважно и свежо; 5) она щебечет так бодро; 6) хотя никто не поддерживает; 7) я тебя не вижу, и не знаю; 8) откуда, кто ты есть; 9) но я слышу, как бодро; 10) твой щебет будит и приветствует; 11) я слышу, и это делает меня бодрым; 12) и я сердечно тебя поддерживаю; 13) я знаю, ты не орел; 14) облаков не ломаешь (в облака не рвешься); 15) наверняка (конечно), твой щебет далек; 16) от песни соловья; 17) но так как ты усердная (прилежна), бодра; 18) поддерживает и лес тебя; 19) и хотя ты крошка; 20) вероятно, с щебет величиной; 21) всё же слушает тебя весь мир; 22) когда изливаешь ему свое сердце; 23) весь мир становится бодрым; 24) и певца поддерживает.

י.־ל. פּערעץ

פּינדאר*

ספּארטא איז באלאגערט.
א גרויסע מאכנע ארום די טויערן.
און פון טאָג צו טאָג ווערט די לאגע ערנסטער, קריטישער, געפערלעכער.
שיקט ספּארטא קיין אטען בעטן הילף.

שיקט אטען קיין ספּארטא צוהילף נישט מער ווי איין מענטש און דערצו א לאָמען הויקער.
— ווי הייסט?
דאָס האָט ספּארטא אויך געפרעגט. געגאפט און געקריצט מיט די ציין.
האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז דער לאָמער הויקער איז פּינדאר...
דער פּאָעט. דער זינגער!
האָט זיך פּינדאר אין ספּארטא אינמיטן מארק געשטעלט און א קריגסליד געזונגען!
קלינגט אָפּ די ליד אין אלע הערצער. ווערן די הערצער די געפאלענע אָנגעגאָסן פון העלדנמוט...
זענען מיטאמאָל קינד־און־קייט העלדן געוואָרן. האָבן די אָפּהעלפיקע געווער געכאפּט; זענען די מידע אויף די טויערן ארויף און די בויגנס געצויגן — און אָפּגעשטויסן איז געוואָרן דער פיינט...

* פּינדאר (ארום 518 — 442 ביז דער איצטיקער צייט־רעכענונג) — אן אלט־גריכישער פּאָעט.

И.-Л. Перец

*Пиндар**

Спарта осаждена.

Большое войско вокруг ворот.

И изо дня в день положение становится серьезнее, критичнее, опаснее.

Посылает Спарта в Афины просить помощи.

Отправляют Афины в Спарту лишь одного человека — хромого горбуна.

— Что значит (как же так)?

Это спрашивала и Спарта. Глядела с изумлением и скрежетала зубами.

Оказалось однако, что хромой горбун — это Пиндар.

Поэт и певец.

Стал Пиндар в Спарте на середину рынка и воинственную песню запел.

Отзывается песня во всех сердцах. Падшие сердца набухают (Доблестью).

И стар и млад сразу стали героями. Беспомощные за оружие взялись. Усталые на ворота взошли, луки натянули — и враг был отогнан...

* *Пиндар — (около 518—442 до нашей эры) — древне-греческий поэт.*

И.-Л. Перец

Богомолен за счет Айзикла

...Тем временем моются: отец, затем гость. Гость берет нашу большую, тяжелую полную медную кружку в одну руку, сразу обливает вторую руку, начерпывает из боченка, меняет руки — снова сразу полную кружку, и так три раза...

Нам воду носит больной старый Айзикл, который ношением воды содержит жену и восемь детей. А берут у нас не с бидона, а за неделю. Боченок не должен пустовать...

Мама, стоящая у моего изголовья, говорит тихо, самой себе, но я слышу:

— Богомолен за счет Айзикла.

«Мои воспоминания»

י.־ל. פּערעץ

פרום אף איזיקלס כעזשבן

...דערווײַל וואַשט מען זיך: דער טאַטע, דערנאָך דער אורעך. נעמט ער, דער אורעך, אונדזער גרויסע, שווערע צווײ־אויערנדיקע פולע קופּערנע קוואָרט אין איין האַנט אַרײַן, גיט מיטאַמאָל א גאָס אף דער צווייטער, — שעפּט אָן פון פעסל, טוישט די הענט — ווידער מיטאַמאָל א פולע קוואָרט וואַסער, און אזוי דרײַ מאָל...

בא אונדז טראָגט וואַסער דאָס קראַנקע קליינע איזיקל, וואָס איז מפרנס מיט וואַסער טראָגן א ווײַב מיט אַכט קינדער. און נעמען נעמט מען בא אונדז ניט פון דער קאַן, נאָר פאַר דער וואָך, דאָס פעסל טאָר ניט זײַן ליידיק...

מאַכט די מאַמע, וואָס שטייט מיר צוקאָפּנס, שטיל צו זיך, נאָר איך הער:

— פרום אף איזיקלס כעזשבן!

„מײַנע זיכרוינעס"

Овсей Дриз

Давайте клясться

Давайте клясться, Шарл:
Если такое случится,
что тебе захочется плакать,
чтобы мне не хотелось смеяться.
Давайте клясться, Шарл:
Человек на человека должен надеяться —

если одному что-нибудь будет
болеть (больно),
чтобы другой не мог спать.

Дословный перевод

שיקע דריז

לאָמיר זיך שווערן

לאָמיר זיך שווערן, שאַרל,
טאָמער אוויגס וועט זיך מאַכן,
אַז דיר וועט זיך וועלן וויינען,
זאָל מיר זיך ניט וועלן לאַכן.
לאָמיר זיך שווערן, שאַרל,
א מענטש אף א מענטש דאַרף האָפן —

אויב איינעם וועט עפּעס וויי טאָן,

זאָל דער צווייטער ניט קענען שלאָפן.

Беседа

— Ты после работы будешь дома?
— Нет, я сегодня иду в театр.
— В какой театр ты идешь?
— В Драматический.
— Где он находится?
— На улице Горького, около Музея Революции.
— Что там сегодня ставят?
— «Волки и овцы»
— Ты идешь один или с кем-нибудь?
— Вся семья идет.
— А что собираешься делать завтра?
— Завтра у нас небольшое торжество— день рождения матери. Приходи, если есть желание.
— Нет, я уж лучше приду к тебе послезавтра.
— Ладно. Приходи, мы побеседуем о всех делах.
— Могу я прийти с дочерью? Она очень хочет посмотреть твои картины.
— Она интересуется живописью?
— Она бы в Третьяковке дневала и ночевала. Когда мы идем туда, она там задерживается на три — четыре часа.
— Очень хорошо. Но приходите пораньше, я вам покажу работы прошлого и этого года.

א שמועס

— דו וועסט נאָך דער אַרבעט זײַן אין דער היים?
— ניין, איך גיי הײַנט אין טעאַטער.
— אין וועלכן טעאַטער גייסטו?
— אין דעם דראַמאַטישן.
— וו געפינט ער זיך?
— אף דער גאָרקי־גאַס, לעבן דעם רעוואָלוציע־מוזיי.
— וואָס שטעלט מען דאָרט הײַנט?
— „וועלף און שאָף".
— דו גייסט אליין צי מיט עמעצן?
— די גאַנצע מישפּאָכע גיים.
— און וואָס קלײַבסטו זיך טאָן מאָרגן?
— מאָרגן איז בא אונדז א שטיקל סימכע — דער מאַמעס געבורטסטאָג. קום צו גיין, אויב דו האָסט כיישעק?
— ניין, איך וועל שוין בעסער קומען צו דיר איבערמאָרגן.
— רעכט. קום צו גיין, וועלן מיר זיך א ביסל דורכשמועסן וועגן אלע איניאָנים.
— קאָן איך קומען מיט דער טאָכטער? זי וויל זייער זען דײַנע בילדער.
— זי אינטערעסירט זיך מיט מאָלערײַ?
— זי וואָלט אין דער טרעטיאַקאָווקע געטאָגט און גענעכטיקט. אַז מיר גייען אהין, פאַרהאַלט זי זיך דאָרטן דרײַ — פיר שאָ.
— זייער גוט. קומט אָבער וואָס פריער, וועל איך אײַך ווײַזן די פאַראַיאָריקע און די הײַאָריקע אַרבעטן.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

סובסטאַנטיוו: דער זינגער — ס; דער בוים —ביימער; דאָס געמיס — ן; דאָס האַרץ — הערצער; דער אָדלער — ס; דער וואָלקן — ס; די נאַכטיגאַל — ן; די (דאָס) ליד — ער; דער וואַלד — וועלדער; די וועלט — ן; די מאַכבע — ס; דער טאָג — טעג; די לאַגע — ס; דער הויקער — ס; דער צאָן — ציין(ער); דער מאַרק — מערק; דער העלד — ן; דאָס געווער — ן; דער טויער — ן; דער בוינן — ס; דאָס ווינקעלע — ן; דער אוירעך — אַרכים; די קוואַרט — קווערט; דאָס פּעטל — עך; דאָס ווײַב — ער; דאָס קינד — ער; די קאַן — ען; די וואַך — ן; דער כעזשבן — כעזשבוינעס; דער מוזיי — ען; דער וואָלף — וועלף; די סימכע — ס; דער געבורסטאָג — געבורסטעג; דער כיישעק; דער איניען — איניאָנים; די מאַלערײַ.

ווערבן: זען, וויסן, הערן, וועקן, גריסן, מאַכן, ברעכן, שיקן, הייסן, פרעגן, קריצן, שטעלן, זינגען, כאַפּן, ציען, נעמען, טוישן, טראָגן, סאָגן, נעבטיקן, וויינען, לאַכן, האָפן, שלאָפן.

ווערבן מיט „זיך": וואַשן זיך (זיך וואַשן), שווערן זיך (זיך שווערן), אינטערעסירן זיך.

ווערבן מיט צוגאָבן (אָקצענטירטע פּרעפיקסן): אונטערהאַלטן, אויסגיסן, אַרויסווײַזן, אָפּקלינגען, אָפּשטויסן, אָנשעפּן, דורכשמועסן זיך.

אינפיניטיוו	קעגנוואַרט	צוקונפט	פאַרגאַנגענהייט
זען	מיר (זיי) זעען	וועלן זען	האָבן געזען
וויסן	״ ״ ווייסן	״ וויסן	״ געוווּסט
ברעכן	״ ״ ברעכן	״ ברעכן	״ געבראָכן
זינגען	״ ״ זינגען	״ זינגען	״ געזונגען
ציען	״ ״ ציען	״ ציען	״ געצויגן
נעמען	״ ״ נעמען	״ נעמען	״ גענומען
שלאָפן	״ ״ שלאָפן	״ שלאָפן	זײַנען געשלאָפן
אונטערהאַלטן	״ ״ האַלטן אונטער	״ אונטערהאַלטן	האָבן אונטערגעהאַלטן
אויסגיסן	״ ״ גיסן אויס	״ אויסגיסן	״ אויסגעגאָסן
אָנשעפּן	״ ״ שעפּן אָן	״ אָנשעפּן	״ אָנגעשעפּט

אדיעקטיוו: בלעטערס, גאַנץ, גרויס, לאַמיר, אָפּהענטיק, מיד, איצטיק, פרום, שווער, פול, קופּערן, קראַנק, קליין, פּאַראַיאָריק, האַיאָריק.

א גרויס פּעטל, א קראַנק האַרץ, א שווער קינד, א קופּערן קווערטל.

דאָס גרויסע פּעטל, דאָס קראַנקע האַרץ, דאָס שווערע קינד, דאָס קופּערנע קווערטל.

די גרויסע וועלט, די קראַנקע פרוי, די שווערע לאַגע, די קופּערנע קוואַרט. דער גרויסער וואַלד, דער קראַנקער זינגער, דער שווערער טאָג, דער קופּערנער אָדלער.

דאָס פּעטל (די וועלט, דער וואַלד...) איז גרויס... איז קליין... איז פול...

דאָס האַרץ (די פרוי, דער זינגער...) איז קראַנק, איז געזונט... איז מיד...

די פּעטלעך (די וועלדער, די טעג...) זײַנען גרויס... זײַנען קליין... זײַנען פול...

אדיעקטיוו

א שטיל, גרינג (שווער...) יאָר

א פרישׂ, געזונט, יונג (אַלט...)

שיין (מיעס) פּאָנעם.

אַן ענערגיש, פלײַסיק, מונטער, גוט (שלעכט)... קינד.

אַן ערנסטער, קריטישער, געפערלעכער, שלעכטער (גוטער...) מאָמענט.

אדווערבן („נאַרעטשיאַ")

ער (זי) רעדט שטיל, גרינג (שווער).

ער (זי) זעט אויס גאַנץ פרישׂ, געזונט, יונג, (אַלט...), שיין (מיעס).

ער (זי) אַרבעט זייער ענערגיש, פלײַסיק, מונטער, גוט (שלעכט...). די לאַגע ווערט אַלץ ערנסטער, קריטישער, געפערלעכער, ערגער (בעסער).

שאָלעם־אַליינעם

א פראַגמענט פון „שיר־השירים"

...איך ווייס נישט, וווהין זאָל איך קוקן פריער: צי אין דער יאַרמלקע פונעם בלויען הימל? צי אף דער גרינער קאָלדרע פונעם ברייטן פעלד? צי אַהין, אין עק וועלט אַרײַן, דאָרטן, ווו דער הימל גייט זיך צו־גויף מיט דער ערד? צי אין בוזיס ליכטיק פּנים זאָל איך אַרײַנקוקן, אין בוזיס שיינע גרויסע אויגן, וואָס ווײַזן מיר אויס טיף, ווי דער הימל, און פאַרטראַכט, ווי די נאַכט? שטענדיק זײַנען אירע אויגן פאַרטראַכט. א טיפער זאָרג ליגט אין זיי פאַרבאָרגן. מיט א שטילן טרויער זײַנען זיי איבערגעצויגן. איך ווייס איר זאָרג, מיר איז באַקאַנט איר טרויער. זי טראָגט א גרויסן ווייטיק אין האַרצן, א פאַרדראָס אף איר מאַמע, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט א פרעמדן מאַן און איז אַוועקגעפאָרן פון איר אף שטענדיק.

Шолом-Алейхем

Отрывок из «Песни песней»

...Я не знаю, на что мне раньше глядеть: на голубой купол неба, или на зеленый ковёр широкого поля, или туда, на край света, где небо сливается с землей? Или на светлое лицо Бузи глядеть, в ее красивые большие глаза, которые кажутся мне глубокими, как небо, и задумчивыми, как ночь? Ее глаза всегда задумчивы. Глубокая печаль затаилась в них. Тихой грустью подёрнуты они. Я знаю ее печаль, мне знакома ее грусть. Великое горе затаила она в груди. Обиду на мать, которая вышла замуж за чужого человека и уехала от нее навсегда, навеки... Будто

никогда у нее и не было матери. Моя мать — ее мать, мой отец — ее отец. И они любят ее, как родное дитя, дрожат над нею, потворствуют всем ее прихотям. Нет у них ничего слишком дорогого для Бузи. Бузя сказала, что хочет пойти со мной нарвать зелени на праздник (это я ее натолкнул на эту мысль), и отец обратился к матери: «Как ты думаешь?» При этом он посмотрел поверх своих серебряных очков, погладил серебряные нити своей серебряной бороды. И начинается разговор между родителями о нашей прогулке за город — нарвать зелени на праздник («Швуэс»).

Отец: Как ты думаешь?
Мать: А ты как думаешь?
Отец: Отпустить их?
Мать: Отчего б и не отпустить?
Отец: Разве я говорю, что не надо?
Мать: А что же ты говоришь?
Отец: Я лишь спрашиваю, стоит ли их отпускать?
Мать: Отчего бы им не пойти?

И так дальше. Я знаю, что их тревожит. Раз двадцать напоминает мне отец, а за ним и мать, что там есть мостик, а под мостиком — вода, речка, речка, речка...

אַף אייביק... גלײַך ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט קיין מאַמע. מײַן מאַמע—דאָס איז איר מאַמע. מײַן טאַטע—דאָס איז איר טאַטע. און זיי האָבן זי ליב, ווי אַן אייגן קינד, ציטערן איבער איר, גיבן איר נאָך, וואָס איר האַרץ גלוסט. נישטאָ קיין צו טײַערס פֿאַר בוזין. בוזי האָט געזאָגט, אַז זי וויל גיין מיט מיר אָפּרײַסן גראָז אַף שבועות (דאָס האָב איך זי אַרופֿגעפֿירט דערויף), האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען: „ווי מיינסטו?" און בײַסמיטע האָט ער איבערגעקוקט איבער די זילבערנע ברילן און געגלעט זיך די זילבערנע פֿעדעם פֿון זײַן זילבער־באָרד. און עס גייט אוועק אַ שמועס צווישן טאַטע־מאַמע וועגן אונדזער גיין אַליין הינטער דער שטאָט אַרויס אָפּרײַסן גרינס אַף שבועות.

דער טאַטע: וואָס זאָגסטו?
די מאַמע: וואָס זאָגסטו?
דער טאַטע: זאָל מען זיי לאָזן גיין?
די מאַמע: פֿאַרוואָס זאָל מען זיי נישט לאָזן גיין?
דער טאַטע: איך זאָג דען, אַז ניין?
די מאַמע: וואָס זשע דען זאָגסטו?
דער טאַטע: איך זאָג נאָר, צי זאָלן זיי גיין?
די מאַמע: פֿאַרוואָס זאָלן זיי נישט גיין?

און אַזוי ווײַטער. איך ווייס, וואָס זיי קווענקלען. עפּעס צוואַנציק מאָל זאָגט מיר אָן דער טאַטע, און נאָכן טאַטן אויך די מאַמע, אַז דאָרט איז דאָ אַ בריקל, און אונטערן בריקל איז דאָ אַ וואַסער — אַ טײַכל, אַ טײַכל, אַ טײַכל...

Шифра Холоденко

Я хочу, чтобы постоянно лил дождь,
Я люблю движение капель;
когда они объединяют землю и небо,
мое сердце набирается новых сил!
Я хочу, чтобы солнце всегда сияло,
пьянило меня своими винами,
кропило меня спелыми лучами
в глубокую летнюю жару.
Но... когда с неба падают снега,
как может мое сердце не обрадоваться.

(Дословный перевод)

שיפֿרע כאָלאָדענקאָ

איך וויל, ס'זאָל שטענדיק גיין אַ רעגן,
כ'האָב ליב פֿון טראָפּנס די באַוועגונג;
ווען ערד און הימל זיי באַהעפֿטן,
דאַן שלאָגט מײַן האַרץ מיט נײַע קרעפֿטן!
איך וויל, די זון זאָל שטענדיק שײַנען,
מיך שיכּורן מיט אירע ווײַנען,
מיט רײַפֿע שטראַלן מיך באַשפּריצן
אין טיפֿע זומערדיקע היצן.
נאָר... ווען פֿון הימל שיטן שנייען,
ווי קאָן מײַן האַרץ זיך נישט דערפֿרייען?!

Три басни (притчи)
(Из древнееврейской литературы)

У хозяина был красивый сад со спелыми плодами. Поручил он его двум сторожам — хромому и слепому.

Сказал хромой слепому:

— Я вижу красивые плоды. Посади меня на себя, и мы доберемся до них и покушаем.

Так и сделали.

Через некоторое время явился хозяин. Он спрашивает:

— Куда делись спелые плоды?

— Разве я что-нибудь вижу? — сказал слепой.

А хромой ответил:

— Разве мои ноги ходят?

Тогда хозяин посадил хромого слепому на плечи и наказал их вместе.

* * *

У льва застряла кость в глотке. Он объявил:

— Кто вытащит кость, получит вознаграждение.

דרײַ משלים
(פֿון דער אַלטהעברעישער ליטעראַטור)

בײַ איינעם איז געווען אַ שיינער סאָד מיט צײַטיקע פּירות. האָט ער אים איבערגעגעבן צוויי שומרים — אַ הינקענדיקן און אַ בלינדן.

זאָגט דער הינקענדיקער צום בלינדן:

— איך זע שיינע פּירות. זעץ מיך אַרויף אַף זיך, וועלן מיר זיך דערקלײַבן צו זיי און וועלן עסן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז געקומען דער באַלעבאָס. פֿרעגט ער:

— וווּ זײַנען די צײַטיקע פּירות?

— איך זע דען עפּעס? — האָט געזאָגט דער בלינדער.

און דער הינקענדיקער האָט געענטפֿערט:

— מײַנע פֿיס גייען דען?

האָט דער באַלעבאָס דעם הינקענדיקן אַרויפֿגעזעצט אויפֿן בלינדן און האָט זיי אײַנגעם באַשטראָפֿט.

* * *

בײַ אַ לייב איז אין האַלדז געבליבן שטעקן אַ ביין. האָט ער געמאָלדן:

— ווער עס וועט אַרויסשלעפּן דעם ביין, וועט באַקומען שׂכר (געצאָלטס).

האָט זיך געוויזן א פויגל מיט א לאַנגן שנאָבל, האָט אים אַריינגערוקט דעם לייב אין האַלדז און אַרויסגעשלעפּט דעם ביין.

— גיב דעם שכר! — האָט געבעטן דער פויגל.

— גיי און באַרים זיך, — האָט געזאָגט דער לייב. — אַז ביסט געווען בא א לייב אין מויל און ביסט פון דאָרטן בעשאָלעם אַרויס. דאָס איז פאַר דיר די גרע־סטע באַלוינונג.

Явилась птица с длинным клювом, всунула его в пасть льва и вытащила кость.

— Дай обещанное — попросила птица.

— Иди и хвастайся, — сказал лев, — что ты была в пасти льва и благополучно выбралась оттуда. Это самое большое вознаграждение для тебя.

סובסטאַנטיוון און ווערבן

איינצאָל און מערצאָל: די יאַרמלקע[1] — ס; די קאָלדרע[2] — ס; דאָס פעלד — ער; דער הימל — ען; די נאַכט — נעכט; דער טרויער — ן; די באַסטנע — ס; דאָס גראָז — ן; די בריל — ן; דער פאָדעם — פעדעם, פעדעמער; דער שטורעם — ן; די שטאָט — שטעט; דאָס בריקל — עך; די בריק[3] — ן; דאָס וואַסער — ן; דאָס טייכל — עך; דער טייך — ן; דאָס זילבער; דאָס גרינס; דער יאָמטעוו — יאָמטויווים; די צייט — ן; די וואָך — ן; דער נאָמען — נעמען; דער קריסט — ן; דער איינהאַלט — ן; דער רעגן — ס; דער סאָד — סעדער; דער סאָד[4] — סוידעס; דער טראָפּן — ס; די באַוועגונג — ען; די קראַפט — קרעפטן; דער שניי — ען; די הויט — ן; דער שוימער — שאָמרים; דאָס שטיקל[5] — עך; דער באַלעבאָס — באַלעבאַטים; די באַלע־באָסטע[6] — ס; דער לייב — ן; דער ביין — ער; דער פויגל — פייגל, פייגלען; דער שנאָבל — ען; די באַלוי־נונג — ען; דאָס בערגל — עך; דער (די) גרוב — גריבער.

ווערבן: ווייזן, קוקן, ליגן, טראָגן, ציטערן, גלוסטן, וועלן, מיינען, גלעטן, גיין, לאָזן, קוועטשן, שניידן, זיין, טאָן, קומען, פרעגן, קייען, עסן, ענטפערן, נעמען, בלייבן, שטעקן, מעלדן, געבן, שיינען, שיטן.

ווערבן מיט פּרעפיקסן: אַנטשטיין, באַפּוצן, באַקומען, באַשטראָפן, באַגעגענען, באַהעפטן, באַשפּריצן, דערפרייען, דערטראָגן[7], דעריאָגן[8], פאַרקויפן[9], פאַרגעבן[10], צעגעבן[11], צעקוועטשן[12], צעשניידן[13].

ווערבן מיט צוגאָבן: אַריינקוקן, אויסווייזן, אוועקפאָרן, נאָכגעבן, אָנרייסן, אַריבערקוקן, אוועקגיין, אָפּ־זאָגן, אָנהייבן, אָנעמען, דורכגיין, איבערגעבן, אַרויפּוצן, אַרויסשלעפּן, אַריינרוקן.

ווערבן מיט „זיך“: צונויפגיין זיך, דערקלייבן זיך, באַגעגענען זיך, יאָווען זיך.

אינפיניטיוו	קעגנוואַרט	צוקונפט	פאַרגאַנגענהייט
וויסן	מיר וויסן	מיר וועלן וויסן	מיר האָבן געוווּסט
וועלן	" ווילן	" " וועלן	" " געוואָלט
גיין	" גייען	" " גיין	" זיינען (זענען) געגאַנגען
זיין	" זיינען (זענען)	" " זיין	" " געווען
געבן	" גיבן	" " געבן	" האָבן געגעבן
בלייבן	" בלייבן	" " בלייבן	" זיינען (זענען) געבליבן
נעמען	" נעמען	" " נעמען	" האָבן גענומען
שניידן	" שניידן	" " שניידן	" " געשניטן
אַנטשטיין	" אַנטשטייען	" " אַנטשטיין	" זיינען (זענען) אַנטשטאַנען
פאַרגעבן	" פאַרגיבן	" " פאַרגעבן	" האָבן פאַרגעבן
צעשניידן	" צעשניידן	" " צעשניידן	" " צעשניטן
אָנהייבן	" הייבן אָן	" " אָנהייבן	" " אָנגעהויבן
אָנעמען	" נעמען אָן	" " אָנעמען	" " אָנגענומען
נאָכגעבן	" גיבן נאָך	" " נאָכגעבן	" " נאָכגעגעבן
צונויפגיין זיך	" גייען זיך צונויף	" " זיך צונויפגיין	" זיינען (זענען) זיך צונויפגעגאַנגען

Перевод: 1) ермолка (маленькая шапочка); 2) одеяло; 3) мост; 4) секрет; 5) кусок; 6) хозяйка; 7) донести; 8) догнать; 9) прода(ва)ть; 10) зада(вать); 11) разда(вать); 12) раздавить; 13) разрезать.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

Давид Гофштейн

Город (отрывок)

Город!
Ты меня издалека звал
гуденьем проводов!
Я всегда на горе тебя видел!
Ты меня издалека привлекал (тянул)
клещами
блеска и сверкания —
ты меня заманил
и ты меня покорил (пленил)!
Покой моей деревенской комнаты
ты мне рассверлил
свистками поездов,
расколол, распылил
дрожанием рельсов...
В высотах всегда висело,
всегда двигалось (шло)
беспокойство твоих заколдованных
звуков —
город!
Ты меня покорил (пленил)!

(Дословный перевод)

דאָוויד האָפשטיין

שטאָט (אַ פראַגמענט)

שטאָט!
דו האָסט מיך פון ווייטן גערופן
מיט הודען פון דראָט!
כ'האָב שטענדיק אף באַרג דיך געזען!
דו האָסט מיך פון ווייטן געצויגן
מיט צוואַנגען
פון שיין און פון שימער —
דו האָסט מיך פאַרנאַרט
און דו האָסט מיך געפאַנגען!
די רו פון מײַן דאָרפישן צימער
האָסטו מיר צעבויערט
מיט פײַפן פון צוגן,
צעשפּאָלטן, צעשפּליטערט
מיט ציטער פון רעלסן...
אין הייכן איז שטענדיק געהאַנגען,
איז שטענדיק געגאַנגען
דער אומרו פון דײַנע פאַרצױבערטע קלאַנגען —
שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!

אין יידיש איז „שטאָט“ אַ וואָרט פון ווײַבלעכן מין — די שטאָט; אין רוסיש איז „גאָראָד“ — פון מענלעכן מין.

Шолом-Алейхем

Еще отрывок из «Песни песней»

У меня был брат Бени. Он утонул в реке. От него осталась сирота по имени Бузя. Ее имя сокращенное: Эстер-Либа, Либузя, Бузя. И прекрасна она была, как Суламифь из «Песни песней». И мы росли вместе, как брат и сестра. И мы любили друг друга, как брат и сестра. Вот кто была Бузя.

Промчались годы. Я оставил свой дом против воли отца и матери. Я восстал против их заветов, не пожелал идти по их стопам, пошел своей собственной дорогой, уехал учиться. Однажды перед пасхой получаю письмо от отца с поздравлением: Бузя стала невестой, в субботу после швуэс свадьба, чтоб я на пасху приехал домой. Я ответил поздравлением и примчался на пасху домой.

И я нашел Бузю выросшей и красивой, еще красивее, чем была. И в памяти моей проснулась былая Бузя — Суламифь из «Песни песней». И буря поднялась у меня в голове, и огонь запылал в моем сердце. Огонь (гнев) не на кого-нибудь, а на самого себя. На себя и на свои мальчишеские золотые глупые мечтания, ради которых я покинул отца и мать, восстал против их заветов, уехал учиться и таким образом проиграл, проиграл свое счастье, допустил, чтобы Бузя стала невестой, чьей-то — не моей!..

שאָלעם־אַליינעם

נאָך אַ פראַגמענט פון „שיר־השירים“

איך האָב געהאַט אַ ברודער בעניע. איז ער דער־טרונקען געוואָרן אין טײַך. איז געבליבן פון אים אַ יתומהלע מיטן נאָמען בוזי. פאַרקירצן פון עסטער־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שיין איז זי געווען, אַזוי ווי די שולאַמיס, וואָס אין שיר־השירים. און מיר זײַנען געוואַקסן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. אָט דאָס איז די בוזי.

עס זײַנען איבערגעלאָפן יאָרן. איך בין אַוועק פון דער היים קעגן ווילן פון מײַן טאַטע־מאַמע. איך האָב ווידערשפּעניקט זייער געבאָט, ניט געוואָלט גיין אין זייערע וועגן, אַוועקגעגאַנגען מײַן אייגע־נעם וועג, זיך אַוועקגעלאָזט לערנען. קומט מיר אָן איינמאָל פאַר פּייסעך אַ בריוול פון מײַן טאַטן מיט אַ מאַזלטאָוו: בוזי איז אַ קאַלע געוואָרן. שאַבעס נאָך שוועס איז די חאַסענע. זאָל איך קומען צו פאָרן אף פּייסעך אַהיים. האָב איך אָפּגעענטפערט מיט אַ מאַזלטאָוו און בין געקומען צו פליען אף פּייסעך אַהיים.

און האָב געטראָפן בוזין אויסגעוואַקסן און שיין. נאָך שענער, ווי געווען. און עס האָט אויפגעוואַכט אין מײַן זיקאָרן די אַמאָליקע בוזי, די שולאַמיס פון שיר־השירים. און אַ שטורעם האָט זיך אויפגע־הייבן בײַ מיר אין קאָפּ, און אַ פײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין מײַן האַרצן. אַ פײַער — ניט אף קיינעם, נאָר אף זיך אַליין, אף זיך און אף מײַנע יינגלשע גאָלדענע נאַרישע כאַלוימעס, וואָס צוליב זיי האָב איך פאַרלאָזט טאַטע־מאַמע, ווידערשפּע־ניקט זייער געבאָט און אַוועקגעלאָזט זיך לערנען, און אָט אַזוי האָב איך פאַרשפּילט, פאַרשפּילט מײַן גליק, דערלאָזט, אַז בוזי זאָל ווערן אַ קאַלע. עמעצנס — ניט מײַנע!..

בוזי איז פון קינדווייז אָן געווען מיר ליב און טײַער — דאָס איז אמת. נאָר אַז איך בין געקומען צו פאָרן אַהיים און דערזען בוזין, האָב איך אַרויס־געזען:
אַז איך האָב ליב בוזין.
אַז איך האָב זי ליב מיט יענער הייליקער פײַער־ריקער גענעם־ליבע, וואָס ווערט אַזוי שיין באַשריבן אין אונדזער שיר־השירים: „שטאַרק, ווי דער טויט, איז די ליבע, שווער, ווי דער גענעם, איז די קינאה, אירע פונקען זײַנען פונקען פײַער, א פלאַ־קער פון גאָט".

Бузя с детства была мне мила и дорога — это верно. Но, когда я приехал домой и увидел Бузю, я понял:
что люблю Бузю.
Что я её люблю той святой, пламенной адской любовью, которая так прекрасно описана в «Песни песней»: «Сильна, как смерть, любовь, жестока, как ад, ревность, стрелы её — стрелы огненные, пламень божий».

צוויי מעשאָלים

(פון דער אַלט־העברעישער ליטעראַטור)

Две басни (притча)

(из древнееврейской литературы)

א פוקס האָט אָנגעטראָפן אויף א ווײַנגאָרטן, וואָס איז פון אַלע זײַטן געווען פאַרצוימט. און אין איין אָרט האָט ער באַמערקט א שפּאַלט און האָט געוואָלט דורכקריכן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט. האָט ער דרײַ טעג געפאַסט, איז דאַר געוואָרן, און איז דורכגעקראָכן.

אין ווײַנגאָרטן האָט ער זיך אָנגעגעסן, איז דיק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט אַרויס. האָט ער ווי־דער דרײַ טעג געפאַסט, איז מאָגער געוואָרן און איז אַרויס. ער האָט זיך אומגעקוקט מיטן פּנים צום ווײַנגאָרטן און האָט געזאָגט:
— ווײַנגאָרטן, ווײַנגאָרטן! ווי גוט דו ביסט, ווי גוט זײַנען דײַנע פּירות! אָבער וואָס פאַר א נוצן האָט מען פון דיר? אין וואָס פאַר א צושטאַנד מע קומט צו דיר אַרײַן, אין אַזאַ גייט מען אַרויס!

Лиса наскочила на виноградник, окруженный со всех сторон забором. В одном месте она обнаружила щель, пыталась пролезть, но не смогла. Постилась она три дня, похудела и пролезла.

В винограднике она наелась, потолстела и не смогла выйти. Она снова три дня постилась, стала худой и вышла. Она повернулась лицом к винограднику и сказала:
— Виноградник, виноградник! Как ты хорош, как хороши твои плоды! Но какая от тебя польза? Какими входят в тебя, такими и выходят!

* * *

א פוקס איז אומגעגאַנגען אויפן ברעג פון א טײַך און האָט באַמערקט, אַז די פיש וואַרפן זיך הין און הער — האָט ער געפרעגט:
— פון וואָס אַנטלויפט איר?
— פון די נעצן, — האָבן זיי געענטפערט.
— קומט אַרויף אויף דער יאַבאַשע, — האָט געזאָגט דער פוקס, — מיר וועלן לעבן אַזוי, ווי עס האָבן געלעבט מײַנע און אײַערע עלטערן.
האָבן די פיש געענטפערט:
— דאָס ביסטו דער, וועלכן מע האַלט פאַר דער קליגסטער כײַע? א טיפּעש ביסטו! אין אונדזערע לעבנס־ערטער ציטערן מיר, איז דאַך אין די אומ־קום־ערטער — אודאי און אודאי!

Лиса ходила по берегу реки и заметила, что рыбы бросаются то сюда, то туда. Она спросила:
— Отчего вы спасаетесь?
— От сетей, — ответили они.
— Выберитесь на сушу, — сказала лиса, — и мы будем жить так, как жили мои и ваши предки.
Рыбы ответили:
— Это тебя считают самым умным животным? Дура же ты! Там, где живем, мы дрожим — тем более в местах нашей гибели.

סובסטאַנטיוון

1) מענלעכער מין: דער גוף, פראַגמענט, עק, הימל, זאַרג, טרויער, ווייטיק, פאַרדראָס, פּאַרעם, שמועס, טײַך, יאָמטעוו, אָפּקלאַנג, אינהאַלט, מאָג, רעגן, טראָפּן, קריעג, ווינט, שטראַל, שניי, מאַשל, סאָד (סעדער, סוידעס), שוימער, באַלעבאָס, בלינדער, הינקענדיקער, פוס, לייב, האַלדז, ביין, פויגל, שנאָבל, דראָס, באַרג, פּיסק, צוג, ציטער, רעלס, אומרו, קלאַנג, ווילן, וועג, שאַבעס, זיקאָרן, שטורעם, קאַס, כאַלעס, טויט, גענעם, פונק, פוקס, ווײַנגאָרטן, שפּאַלט, נוצן, צושטאַנד, ברעג, טיפּעש;

2) ווײַבלעכער מין: די יאַרמלקע, קאַלדרע, וועלט, ערד, נאַכט, בריל, באָרד, שטאָט, שול, צײַט, פרוכט, האַנט, סוירע, באַוועגונג, קראַפט, זון, הויט, ליטעראַטור, פײַערע, באַלויכטונג, שײַן, רו, הייך, יעסוי־מע, היים, קאַלע, באַטענע, ליבע, קינאה, זוים, נעץ, יאַבאַשע, כײַע;

3) זאַכלעכער (נייטראַלער) מין: דאָס פעלד, פּאָנעם, אויג, האַרץ, קינד, גראָז, גרינס, מאַל, בריקל, וואַסער, טיכל, הויז, שטיקל, מויל, בערגל, יאָר, געבאָט, בריוול, פײַער, גליק, מאָול, אָרט.

ווערבן

קוקט זיך צו צום סיידער פון די ווערטער און צו זייערע פאָרמען אין די ווײַטערדיקע פראַגמענטן.

קעגנוואָרט

מײַן מאַמע גיסט מיר אָן טיי און דערלאַנגט מיר מיט אירע שיינע ווײַסע הענט. קיינער פאַר־מאָגט ניט אַזעלכע שיינע ווײַסע הענט, ווי מײַן מאַמע. זי זעצט זיך אַוועק קעגן מיר און רעדט מיט מיר שטיל. דער טאַטע זאָל ניט הערן („שיר־השירים").

פאַרגאַנגענהייט

מײַן מאַמע האָט מיר אָנגעגאָסן טיי און האָט מיר דערלאַנגט מיט אירע שיינע ווײַסע הענט. קיינער האָט ניט פאַרמאָגט אַזעלכע שיינע ווײַסע הענט, ווי מײַן מאַמע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן מיר און האָט גערעדט מיט מיר שטיל, דער טאַטע זאָל ניט הערן.

אין גלײַכװערטלעך, שפּריכװערטער. אין לידער[6] קומען פאַרטיציפּן אַמאָל[7] אָן די הילפסװערבן. לעמאָשל: געלעבט װי א נאר און געשטאָרבן װי א נאר[8]. א סאך גערעדט און װייניק געזאָגט[9]. קורץ[10] גערעדט און א סאך געזאָגט. קורץ געטראכט און גוט געמאכט[11]. בעסער פריער באַװאָרנט, איידער שפּעטער באַװײנט[12].

פון אלע דײַנע טײַכן װאסער פארזוכט[13],
אין אלע דײַנע װעלדער געשלאָפן[14],
פון אלע דײַנע סעדער געגעסן פרוכט[15],
מיט אלע דײַנע זין זיך געטראָפן[16].

מ. גרוביאן

פאַרטיציפּן מיט „ו" אָנשטאָט „ע"

דאָס זײַנען די פאַרטיציפּן פון די װערבן: בינדן[17], געװינען[18], געלינגען[19], געפינען[20], דינגען[21], דערפינדן[22], דרינגען[23], הינקען[24], װינטשן[25], װינקען[26], זינגען[27], טרינקען[28], (אויס)לינקען[29], פאַרגינען[30], פאַרשװינדן[31], צװינגען[32], צינדן[33], קלינגען[34], רינען[35], שװימען[36], שטינקען[37], שינדן[38], שלינגען[39], שפּרינגען[40]. לעמאָשל:

קעגנװאַרט	פילמאָליקע צוקונפט	פאַרגאַנגענהייט	פאַרגאַנגענהייט
מיר בינדן	מיר װעלן בינדן	מיר פלעגן בינדן	מיר האָבן געבונדן
" געװינען	" " געװינען	" " געװינען	" " געװאונען
" געפינען	" " געפינען	" " געפינען	" " געפונען

די װערבן בילן[41], זינקען[42], שפּינען[43] זײַנען אין פאַרטיציפּ: געבילט, געבולן; געזונקען, געזינקט; געשפּונען, געשפּינט. מער פאַרשפּרייט איז דער װאַריאַנט געבילט, געזונקען, געשפּונען. די װערבן ליגן[44], זיצן[45] זײַנען אין פאַרטיציפּ: געלעגן, געזעסן.

Перевод: 1) наливает мне чаю; 2) подает мне; 3) ни у кого нет (никто не обладает); 4) таких (такими); 5) садится против меня; 6) в стихах; 7) иногда; 8) жил как дурак и умер как дурак; 9) много говорено, а мало сказано; 10) коротко (мало); 11) хорошо сделано; 12) лучше раньше обеспечить, чем потом оплакивать; 13) со всех твоих рек воду попробовал; 14) во всех твоих лесах спал; 15) со всех садов ел плоды; 16) со всеми сыновьями встречался; 17) вязать; 18) выигр(ыв)ать; родить, рожать; 19) уда(ва)ться; 20) найти, находить; 21) нанять, нанимать, прицениваться; 22) изобрести, изобретать; 23) проникнуть, проникать, делать вывод, умозаключать; 24) хромать; 25) (по)желать; 26) мигать, подмигивать; 27) петь; 28) пить; 29) вывихнуть; 30) не завидовать, не испытывать чувства зависти; 31) исчезать, исчезнуть; 32) принуждать, заставлять; 33) жечь; 34) звонить, звенеть, звучать; 35) течь, протекать; 36) плавать; 37) вонять; 38) драть, сдирать (шкуру); 39) глотать; 40) прыгать, скакать; 41) лаять; 42) вязнуть, погружаться; 43) прясть; 44) лежать; 45) сидеть.

דאַצענט ע. פאַלקאָװיטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ЖАН МЕЛЬЕ

Отрывок из «Завещания»

...Волхвы фараона, о которых говорится в книгах Мойсея, творили перед фараоном те же самые чудеса, что Мойсей. Если Мойсей превратил свой жезл в змея, то и волхвы проделали то же самое со своими жезлами*. Если Мойсей превращал воду в кровь, то волхвы делали то же самое**. Если Мойсей навел на страну множество жаб, то и маги делали то же самое. Если Мойсей навел гадов и вредных мух, то волхвы делали то же самое...

Если в конце концов нам рассказывают, что маги фараона были превзойдены Мойсеем в чудесах этого рода, то будь это так, не следует этому удивляться и утверждать, на этом основании, что Мойсей действовал какой-то сверхъестественной и божественной силой. Ведь мы на каждом шагу видим, что во всех науках и искусствах одни работники и ученые более искусны, более осведомлены и проворны, чем другие. Когда дело идет только о пляске, о хождении по канату и всякого рода фокусах, одни люди оказываются искуснее и изворотливее других. Так и тут: если предположить, что Мойсей действительно проделал то, чего не умели сделать другие маги, то отсюда вовсе не следует, что он действовал по наитию какой-то сверхъестественной силы, а следует лишь, что он просто был более искусным, более ловким и лучше знающим свое искусство, более опытным в нем, чем другие.

---

* Здесь у Мелье ошибка. По библии, жезл бросил не Мойсей, а его брат Аарон, и жезл «сделался змеем» (Исход, 7, 10).

** Опять неточность — уже в самой библии. Там сказано: «И сделали Мойсей и Аарон, как повелел Яхве (Господь), и поднял он жезл и ударил по воде речной..., и вся вода в реке превратилась в кровь» (Исход, 7, 20). Кто «поднял»? Мойсей или Аарон? В библейских книгах, особенно в Пятикнижии, неясностей и противоречий довольно много. Переводчики порой старались убрать неясности и противоречия. Здесь, например, слова «и поднял он» они перевели: И поднял *Аарон*.

זשאַן מעליע

א פראַגמענט פון זײַן „צוואָע“

...פאַרעס מעכאַשעפים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין כומעש, האָבן פאַר פאַרען געטאָן די זעלבע וווּנדער, וואָס מוישע. אויב מוישע האָט זײַן שטעקן פאַרוואַנדלט אין א שלאַנג, האָבן די מעכאַשעפים דאָס זעלבע געטאָן מיט זייערע שטעקנס.* אויב מוישע האָט וואַסער פאַרוואַנדלט אין בלוט, האָבן די מעכאַשעפים געטאָן דאָס זעלבע**. אויב מוישע האָט אַ לאַנד אָנגעבראַכט א מענגע זשאַבעס, האָבן דאָס געטאָן אויך די קישעפמאַכער. אויב מוישע האָט אָנגעבראַכט רעפּטילן (שראַצים) און שעדלעכע פליגן, האָבן די מעכאַשעפים געטאָן דאָס זעלבע...

אויב סאָפקאָלסאָף דערציילט מען אונדז, אַז מוישע האָט איבערגעשטיגן פאַרעס קישעפמאַכער אין אָט דעם מין וווּנדערים, איז אויב אַפילע ס׳איז אַזוי, דאַרף מען זיך ניט כידעשן און אויף דעם סמאַך ניט באַהויפּטן, אַז מוישע האָט געווירקט מיט עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער און געטלעכער קראַפט. מיר זעען דאָך אויף יעדן טראָט און שריט, אַז אין אַלע וויסנשאַפטן און קונסטן זײַנען אייניקע טוער און וויסנשאַפטלער מער בעקיע, מער באַהאַוונט און פלינקער, איידער אַנדערע. ווען עס האַנדלט זיך נאָר וועגן טאַנץ, וועגן גיין אויף א קאַנאַט און אַלערליי אַנדערע קונצן, ווײַזן זיך אייניקע מענטשן אַרויס מײַסטערישער און געשיקטער, איידער אַנדערע. אַזוי איז אויך דאָ: אויב מעשאַער זײַן, אַז מוישע האָט ווירקלעך געטאָן אַזעלכס, וואָס אַנדערע קישעפמאַכער האָבן ניט געקאָנט, איז דערפון אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז ער האָט געהאַנדלט ווי א באַגײַסטערטער פון עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט. ער איז פּשעט געווען בעקיישער, פלינקער, מער באַהאַוונט און דערפאַרענער אין זײַן קונסט, איידער אַנדערע.

---

* דאָ איז בײַ מעליען א טאָעס. לויט דער ביבל (טאַנאַך), האָט דעם שטעקן געוואָרפן ניט מוישע, נאָר זײַן ברודער אַרן, און פון דעם שטעקן „איז געוואָרן א שלאַנג“ („שמויס“, 7, 10).

** ווידער אַן אומפּינקטלעכקייט — שוין אין דער ביבל גופע. דאָרט שטייט: „און מוישע און אַרן האָבן געטאָן, ווי יאַהווע (גאָט) האָט געהייסן. און ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און א קלאַפּ געטאָן איבערן וואַסער אין טײַך.... און דאָס גאַנצע וואַסער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט“ („שמויס“, 7, 20). ווער „האָט אויפגעהויבן“?! מוישע צי אַרן? אין די ביבלשע ספאָרים, ביפראַט אין די כומאָשים, זײַנען אומקלאָרקייטן און סטירעס פאַראַן גאַנץ היפּש. די איבערזעצער האָבן זיך טײלמאָל געמיט צו באַזײַטיקן אומקלאָרקייטן און סטירעס. דאָ, לעמאָשל, האָבן זיי די ווערטער „און ער האָט אויפגעהויבן“ איבערגעזעצט: און אַרן האָט אויפגעהויבן.

* * *

זשאַן מעליע (1664—1729) — איינער פון די אָנגעזעענסטע[1] וויסנשאַפטלעכע אַטעיסטן — איז געווען א פראַנצויזישער דאָרפֿישער גאַלעך[2]. פאַר זײַנע פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער געהאַט גענוג צײַט און מעגלעכקייטן[3] צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך[4] אין אַלע אַרומיקע געשעענישן[5] און אין דעם אייגענעם לעבן. סאָף־קאָלסאָף איז ער געקומען צום אויספיר[6], אַז די גאַלאָכישע מײַסים, דראָשעס און אייצעס[7] זײַנען נאַריש, פאַלש און שעדלעך[8] פאַרן פאָלק. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוט[9] צו זאָגן דאָס אָפן[10]. ער וואָלט דערפון האָבן גענוג צאָרעס[11]. דעריבער[12] האָט ער זײַנע מאַכשאָוועס[13] פאַרשריבן אין א „צוואָע“ (זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן[14] ערשט אין דרײַסיק יאָר אַרום נאָך זײַן טויט[15]).

מעליעס „צוואָע“ („טעסטאַמענט“) איז א גרויס ווערק[16] (זי איז אין רוסיש פאַראַן אין איין באַנד[17] און אין דרײַ), וואָס באַהאַנדלט גענוי און אַלזײַטיק[18] דעם איניען[19] רעליגיע און די „הייליקע“ ביכער[20]. ער לאַכט שטאַרק אויס[21] די, וואָס מיינען[22], אַז עפּעס א גאָט האָט באַשאַפֿן[23] די וועלט. די נאַטור, זאָגט מעליע, נייטיקט זיך ניט[24] אין קיינע באַשעפער — זי שאַפֿט זיך אַליין[25]. מיט א גרויסער צאָל ראַיעס[26] פון געשיכטע און ליטעראַטור באַווײַזט[27] מעליע, אַז אין פּרידיקן רעליגיעזע אָנשויונגען[28] זײַנען דער־איקער[29] פאַראינטערעסירט די הערשנדיקע שיכטן[30] — זיי שטיצן די קירכע[31], און די קירך־לײַט האַלטן זיי אונטער[32].

אין דער „צוואָע“ דעקט מעליע אויך אויף[33] די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומרעכטן[34], וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפֿט[35], און דערווײַזט די נייטיקייט און וויכטיקייט[36] פון א קאָמוניסטישער אָרדענונג[37], וואָס וועט די מענטשהייט באַפרײַען פון אַלע אַוולעס און פּלאָגן[38]. ניט אומזיסט[39] פיגורירט מעליעס נאָמען אין דער רשימה וועלט־באַרימטע[40] סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, וואָס איז אויסגעקריצט[41] אויפֿן אָבעליסק אינעם מאָסקווער אַלעקסאַנדער־פּאַרק לעבן דעם קרעמל[42].

Перевод: 1) один из виднейших; 2) священник; 3) достаточно времени и возможностей; 4) разобраться; 5) во всех окружающих событиях; 6) пришел к выводу; 7) дела, проповеди и советы; 8) вредны; 9) не имел мужества (отваги); 10) открыто; 11) достаточно невзгод (бед); 12) поэтому; 13) мысли (думы); 14) было опубликовано; 15) лишь через тридцать лет после его смерти; 16) произведение; 17) том; 18) обсуждает подробно и всесторонне; 19) дело (вопрос); 20) «священные» книги; 21) высмеивает; 22) думают; 23) сотворил; 24) природа не нуждается; 25) она сама себя творит; 26) доводы (доказательства); 27) показывает; 28) проповедовать религиозные взгляды; 29) главным образом; 30) господствующие слои; 31) поддерживают церковь; 32) церковники их поддерживают; 33) вскрывает; 34) несправедливости; 35) господствуют (царят) в обществе; 36) нужность и важность; 37) порядок (строй); 38) освободит от всех несправедливостей и бедствий; 39) не зря; 40) в списке всемирно-известных; 41) выгравирован; 42) около Кремля.

פון וואָלטערס נאָטיצן

אין קירכע האָט מען געמאָלדן:

— מאָרגן וועט דער גאַלעך אין זײַן דראָשע דערציילן וועגן א וווּנדער, וויאַזוי מע האָט פינף מענטשן אָנגעהאָדעוועט מיט דרײַ טויזנט ברויטן און פינף טויזנט פיש.

איז געוואָרן א געלעכטער.

— וואָס פּלאַפּלסטו — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער גאַלעך. — פאַרקערט, ווי פינף טויזנט מענטשן האָט מען אָנגעהאָדעוועט מיט דרײַ ברויטן און פינף פיש!

— ווען איך וואָלט אָבער אַזוי געזאָגט, וואָלט מען נאָך מער געלאַכט.

(דער גאַלעך פאָדערט, אַז דער באַדינער זאָל זאָגן אַזוי, ווי עס שטייט געשריבן אין דער עוואַנגעליע — אינעם נײַעם טעסטאַמענט).

* * *

בײַ דער מויד מאַריע איז געווען נאָר איין זון, און וויפל איז איבער אים פאַרגאָסן געוואָרן בלוט! וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נאָך געהאַט א פּאָרל? די גאַנצע ערד וואָלט אָן מענטשן געבליבן.

ИЗ ЗАМЕТОК ВОЛЬТЕРА

Служка объявил прихожанам:

— Завтра кюре в своей проповеди расскажет о чуде, как пять человек были накормлены тремя тысячами хлебов и пятью тысячами рыб.

Раздался смех.

— Что ты мелешь? — вмешался кюре. — Наоборот, как пять тысяч человек были накормлены тремя хлебами и пятью рыбами!

— Но если бы я сказал так, то смеялись бы еще больше.

(Кюре требует, чтобы служка сказал так, как написано в евангелии — в Новом завете).

* * *

У девы Марии был только один сын, а сколько из-за него пролилось крови! Что, если бы она родила двоих? Вся земля обезлюдела бы.

רעבע, די קו איז אײַערע[1]

צו א ראָוו איז מען שאַבעס געקומען צו לויפן מיט א שײַלע[2]:

— וואָס טוט מען, רעבע? א קו איז אַרײַנגעפאַלן אין א גרוב[3].

— מע דאַרף וואַרטן ביז מאָרגן[4], — האָט דער ראָוו געזאָגט, — הײַנט טאָר מען זי ניט אַרויסציִען[5]: עס איז דאָך שאַבעס!

— רעבע, די קו איז אָבער אײַערע!

— נעמט זי גיכער אַרויס, — האָט דער ראָוו געפּסקנט, — וואָס פרעגט איר[6]?

פונעם יידישן פאָלקלאָר

Перевод: 1) Рэбэ (раввин), это ваша корова; 2) с вопросом (религиозного характера); 3) упала в яму; 4) надо ждать до завтра; 5) сегодня нельзя вытаскивать; 6) выньте ее поскорей, — рассудил раввин, — что вы спрашиваете?

באַשרײַביקע (פּעריפראַסטישע) ווערבן

א באַשרײַביקער ווערב באַשטייט פֿון א גרופּע ווערטער, וואָס בילדן איין באַגריף[1]. לעמאָשל:
1) קומען+צו+אינפיניטיוו: קומען צו גיין[2], קומען צו לויפן[3], קומען צו פליען[4]
2) ברענגען+צו+אינפיניטיוו: ברענגען צו טראָגן[5], ברענגען צו פירן[6], ברענגען צו שלעפּן[7].
3) געבן+צו+אינפיניטיוו: געבן צו וויסן[8], געבן צו דערקלערן[9], געבן צו פאַרשטיין[10].

צוקונפט	פאַרגאַנגענהייט	קעגנוואַרט
וועל קומען צו גיין (פאָרן)	בין געקומען צו גיין (פאָרן)	איך קום צו גיין (פאָרן)
„ ברענגען צו טראָגן	האָב געבראַכט צו טראָגן	„ ברענג צו טראָגן
„ געבן צו וויסן	„ געגעבן צו וויסן	„ גיב צו וויסן

4) א סך באַשרײַביקע ווערבן באַשטייען פֿונעם הילפֿווערב „ווערן"+פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: אַנשווייגן ווערן[11], אַנשלאָפן ווערן[12], פאַראָרעמט ווערן[13], פאַרגליווערט ווערן[14], פאַרפאַלן ווערן[15], פאַרפרעמדט ווערן[16], פאַרצאַפּלט ווערן[17], פאַרציטערט ווערן[18], פאַרשוואַרצט ווערן[19], פאַרשימלט ווערן[20] (איך ווער אַנשווייגן — איך בין אַנשווייגן געוואָרן — איך וועל אַנשווייגן ווערן);
5) אַפּס באַשטייען באַשרײַביקע ווערבן פֿונעם הילפֿווערב „האָבן"+ סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: האַנאָע האָבן[21], כאַסענע האָבן[22], כאַראָטע האָבן[23], כיישעק האָבן[24], מוירע האָבן[25], סינע האָבן[26], ראַכמאָנעס האָבן[27]. און אַמאָל פֿון „האָבן"+ניט קיין סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: האָלט האָבן[28], ליב האָבן[28], פאַראיבל האָבן[29];
6) פֿונעם הילפֿווערב „מאַכן"+סובסטאַנטיוו אָדער אַנדערע. לעמאָשל: כאַסענע מאַכן[30], פּלייטע מאַכן[31], פֿיס מאַכן[32], כאָרעוו מאַכן[33], באָטל מאַכן[34];
7) פֿונעם הילפֿווערב „טאָן"+סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: א שידעך טאָן[35], א פּועלע טאָן[36], טפילע טאָן[37], טשוווע טאָן[38], וויי טאָן[39] (עס טוט מיר וויי — עס האָט מיר וויי געטאָן...);
8) פֿונעם הילפֿווערב „טאָן"+אינפיניטיוו. לעמאָשל: לאָמ טאָן זיך פריילן מיט אים. די גאַנצע וועלט טוט זיך דאָ וויגן. זינגען לידער פּיאָנערן, און דער גאַנצער סטעפּ טוט הערן.

Перевод: 1) описательный глагол состоит из группы слов, образующих одно понятие; 2) приходить; 3) прибежать; 4) прилетать; 5) приносить; 6) привозить; 7) притащить, притаскать; 8) да(ва)ть знать; 9) разъяснить, разъяснять; 10) да(ва)ть понять; 11) замолчать; 12) заснуть; 13) обеднеть, обнищать; 14) застыть, окоченеть; 15) пропасть; 16) стать чуждым; 17 и 18) ужаснуться, содрогнуться; 19) томиться, мучиться; 20) заплесне(ве)ть; 21) иметь удовольствие; 22) жениться, выйти замуж; 23) раскаяться, передумать; 24) иметь желание, охоту; 25) бояться (иметь страх); 26) ненавидеть; 27) сжалиться, пожалеть; 28) любить; 29) обидеться, обижаться; 30) женить, выдать замуж; 31 и 32) удирать; 33) разрушить, опустошить; 34) отменить, уничтожить; 35) вступить в брак; 36) добы(ва)ться пользы; 37) молиться; 38) покаяться; 39) болеть, причинять боль.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Шолом-Алейхем

Отрывок из «Песни песней»

Бузя — тайна для меня. Скорбная тайна. Несколько раз за день меняется у нее настроение, как на дворе в летний облачный день: то тепло, то прохладно, то солнце выглянет из-за облаков — и становится прекрасно. Но вот надвигается новая туча — и снова становится грустно и сумрачно.

Не проходит и дня, чтоб Бузя не получила письма от «кого-то». Не проходит и дня, чтобы не отвечала «кому-то».

Я знаю отлично, кто этот «кто-то», и я ее не спрашиваю. Я не говорю больше с Бузей о «нем». Я считаю, что «он» здесь лишний, навязанный. Но Бузя сама говорит о нем. Не слишком ли много говорит она о нем? В те считанные минуты, когда мы остаемся с ней наедине, Бузя говорит мне о нем и хвалит его. Расхваливает его изо всех сил. Не слишком ли много хвалит она его?

Она говорит мне:

— Хочешь знать, кто он? (Она опускает глаза.) Он благородный. О! Очень благородный. Он славный. О! Очень славный. Но... (Она поднимает глаза на меня и смеется.) Ему далеко до тебя... Где ему до тебя?..

Что хочет Бузя этим сказать? Она хочет меня задобрить? Или она подшучивает надо мной?

Нет, она не хочет меня задобрить, она не подшучивает надо мной. Она изливает свое сердце...

Это ясно, как дважды два.

После чая мать и Бузя ушли в кухню хлопотать о завтраке, а я с отцом встали на молитву. Я быстро отделался. А отец, закутавшись в талес и филактерии, еще стоял лицом к стене и славил бога. Вдруг вошла Бузя, одетая, с зонтиком в руке, и говорит мне:

— Пойдем.

— Куда?

— За город. Погуляем немного. Прекрасный день. Исключительный день.

שאָלעם־אַלייכעם

(1916—1859)

א פראַגמענט פון „שיר־האַשירים"

בוזי איז א סאָד פאַר מיר. א שמערצלעכער סאָד. עטלעכע מאָל אין טאָג בײַט זיך בא איר די שטימונג, ווי דער אינדרויסן אין א זומערדיקן וואָלקנדיקן טאָג: אַט איז וואַרעם, אַט איז קיל, אַט טוט א שײַן די זון פון די וואָלקנס ארויס — און עס ווערט שײַן. ביז עס רוקט זיך אָן א נײַער וואָלקן — און עס ווערט ווידער טריב און טונקל.

ניטאָ דער טאָג, וואָס בוזי זאָל ניט באַקומען א בריוו פון „עמעצן". ניטאָ דער טאָג, זי זאָל ניט ענטפערן דעם „עמעצן".

איך ווייס גאַנץ גוט, ווער דער „עמעצער" איז, און איך פרעג זי ניט. איך רעד נישט מער מיט בוזין פון „אים". איך האַלט, אַז „ער" איז דאָ אַן איבעריקער, אַן אָנגעוואָרפענער. בוזי רעדט אָבער אַליין פון אים. רעדט זי ניט פון אים שוין צופיל? אין די געציילטע מינוטן, ווען מיר בלײַבן מיט איר אַליין אינצווייען, רעדט מיט מיר בוזי פון „אים" און לויבט אים. לויבט אים אין טאָג אַרײַן. לויבט זי אים נישט צופיל?

זי זאָגט צו מיר:

— דו ווילסט וויסן, וואָס ער איז? (זי לאָזט אַראָפּ די אויגן). ער איז א פײַנער — אַ זייער א פײַנער. ער איז א וויילער — אַ זייער א וויילער. נאָר... (זי הייבט אויף די אויגן אַף מיר און לאַכט). ער קומט ניט צו דיר... ווו קומט ער צו דיר?..

וואָס מיינט דערמיט בוזי? זי וויל מיך פאַרגיטיקן? אָדער זי טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס?

ניין, ניט זי וויל מיך פאַרגיטיקן, ניט זי טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס. נאָר זי רעדט זיך אויס דאָס האַרץ...

דאָס איז ווי צוויי מאָל צוויי.

נאָך דער טיי זײַנען די מאַמע און בוזי אַוועק אין קיך ווערן אָנבײַסן, און איך מיטן טאַטן האָבן זיך געשטעלט דאַוונען. איך האָב עס געמאַכט בעקיצער. נאָר דער טאַטע, אײַנגעוויקלט אין טאַלעס און טפילן, איז נאָך געשטאַנען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און געלויבט גאָט. קומט אָן פּלוצעם בוזי אויסגעקליידט, מיט א זאָנטיקל אין האַנט, און רופט זיך אָן צו מיר:

— קום.

— וווּהין?

— הינטער דער שטאָט אַרויס. א ביסל זיך דורכגיין. א שיינער טאָג. א זעלטענער טאָג.

אַ רעטעניש

Загадка

עס פליען צוועלף פייגלען[1]. קומען די ערשטע דריי[2], ווערט קאַלט און ווייס[3].

עס פליען די אַנדערע[4] דריי — צעגייט דער שניי[5], די פעלדער ווערן גרין[6]. קומט דער דריטער דריילינג[7] — ווערט הייס[8], אַלץ ווערט צייטיק[9]. קומט דער פערטער[10] דריילינג — בלאָזן ווינטן[11], גייען רעגנס אָן אַ שיר[12].

און די פייגלען זיינען ניט קיין פּאָשעטע[13]. בײַ יעדן פייגל — צו פיר פליגלען[14]. און בײַ יעדן פליגל — צו זיבן פעדערן[15]. און יעדער פעדער האָט זײַן נאָמען[16] און איז האַלב שוואַרץ[17] און האַלב ווײַס. אַ מאַך[18] מיט אַ פליגל — ווערט העל־ליכטיק[19]; אַ מאַך מיט נאָך[20] אַ פליגל — ווערט שטאָק־פינצטער[21].

Перевод: 1) летят двенадцать птиц; 2) прибывают первые три; 3) становится холодно и бело; 4) другие; 5) тает снег; 6) поля зеленеют (становятся зелеными); 7) третья тройка; 8) жарко; 9) всё зреет (становится зрелым); 10) четвертый(-ая); 11) дуют ветры; 12) идут дожди без конца; 13) не простые; 14) у каждой птицы по четыре крыла; 15) по семи перьев; 16) свое имя; 17) наполовину чёрен; 18) мах (взмах); 19) светлым-светло; 20) еще; 21) темным-темно.

לאָמיר ציילן

Давайте считать

איינס (1), צוויי (2), דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין, צען, עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן, פופצן, זעכצן, זיבעצן, אַכצן, ניינצן, צוואַנציק (20), איין און צוואַנציק (21), צוויי און צוואַנציק (22)... דרייסיק (30), פערציק (40), פופציק, זעכציק, זיבעציק, אַכציק, ניינציק, הונדערט (100), צוויי הונדערט (200), דריי הונדערט (300)... טויזנט (1000), צוויי טויזנט, דריי טויזנט... אַ מיליאָן, צוויי מיליאָן, דריי מיליאָן..., מיליאָנען פייגלען, מיליאָנען פליגלען, צוויי מיליאָן פייגלען, פיר מיליאָן פליגלען.

דער ערשטער[1], צווייטער[2], דריטער, פערטער, פינפטער, זעקסטער, זיבעטער, אַכטער, ניינטער, צענטער, עלפטער, צוועלפטער, דרייצנטער, פערצנטער, פופצנטער, זעכצנטער, זיבעצנטער, אַכצנטער, ניינצנטער, צוואַנציקסטער, דער איין־און־צוואַנציקסטער, צוויי־און־צוואַנציקסטער... דרייסיקסטער, פערציקסטער... דער הונדערטסטער[3]... טויזנטסטער[4];

די ערשטע[5], צווייטע[6], דריטע, פערטע, פינפטע, זעקסטע... צוואַנציקסטע... הונדערטסטע[7];

דאָס ערשטע[8], צווייטע[9], דריטע, פערטע...

איין (דער) מאַן, הימל, שטערן, וואָלקן, טאָג, כוידעש, פרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער[10];

איין (די) פרוי, וועלט, ערד, זון, לעוואָנע, נאַכט, וואָך, שטוב, גאַס, שטאָט[11];

איין (דאָס) קינד, לאַנד, פעלד, גראָז, אָרט, דאָרף, הויז, יאָר, פאָלק, פּאָנעם[12].

איינער אַ מאַן, איינער אַ טאָג... און איינעם אַ כוידעש;

איינע אַ פרוי, איינע אַ נאַכט... און איינער אַ וואָך;

איינס אַ קינד, איינס אַ לאַנד... און איינעם אַן אָרט, און איינעם אַ יאָר.

דער ערשטער טאָג, כוידעש, פרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער, יאָמטעוו[13].

די ערשטע נאַכט, וואָך, שטוב, שטאָט, שטימונג[14], מינוט, האַנט, סימכע[15].

דאָס ערשטע קינד, אָרט, דאָרף, הויז, יאָר, פאָלק, אויג, האַרץ.

אין אַ יאָר איז 12 כאָדאָשים. אין אַ כוידעש — 30 אָדער 31 טעג. אין דעם צווייטן כוידעש, אין פעברואַל, איז 28 אָדער 29 טעג. אין אַ וואָך איז 7 טעג. זיי הייסן: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרייטיק, שאַבעס. שאַבעס און זונטיק זיינען בײַ אונדז רו־טעג. אין אַ מעסלעס[16] איז 24 שאָ. אין אַ שאָ 60 מינוט. אין אַ יאָר איז 365 טעג, אין אַן איבעריאָר[17] 366 טעג. אַ האַלב יאָר איז 6 כאָדאָשים. אַ פערטל יאָר איז 3 כאָדאָשים. אַ דריטל יאָר איז 4 כאָדאָשים. אין 2 יאָר איז 24 כאָדאָשים.

31 טעג זיינען אין דעם ערשטן, דריטן, פינפטן, זיבעטן, אַכטן, צענטן און צוועלפטן כוידעש. 30 טעג זיינען אין דעם פערטן, זעקסטן, ניינטן און עלפטן כוידעש. אין דעם צווייטן כוידעש איז 28 טעג, אין אַן איבעריאָר — 29. אַן איבעריאָר איז אַלע 4 יאָר.

דער ערשטער טאָג אין יאָר איז נײַיאָר. דער אַכטער טאָג אין דעם דריטן כוידעש איז דער פרויען־טאָג. דער ערשטער טאָג אינעם פינפטן כוידעש איז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער יאָמטעוו — דער ערשטער מײַ. דער ניינטער טאָג אין דעם זעלבן[18] כוידעש איז דער טאָג פון זיג. דער זיבעטער טאָג אין דעם עלפטן כוידעש איז דער יאָמטעוו פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

אין פריידן[19] איז אַ יאָר אַ טאָג, אין ליידן[20] איז אַ טאָג אַ יאָר.

דער שווערסטער פעלץ[21] איז אום ווינטער גרינג[22]; דאָס גרינגסטע העמד[23] איז אום זומער שווער[24].

די צײַט[25] איז דער בעסטער דאָקטער. די צײַט מאַכט גראָ די פּייעס[26] און בײַט די דייעס[27].

אַז מע געווינט[28] צײַט, געווינט מען אַ סך[29].

Перевод: 1) первый; 2) второй; 3) сотый; 4) тысячный; 5) первая; 6) вторая; 7) сотая; 8) первое; 9) второе; 10) один мужчина (муж), небо, звезда, облако (туча), день, месяц, весна, лето, осень, зима; 11) одна женщина (жена), вселенная (мир), земля, солнце, луна, ночь, неделя, дом, улица, город; 12) одно дитя (ребенок), страна, поле, трава, место, село (деревня), дом, год, народ, лицо; 13) праздник; 14) настроение; 15) радость (веселье); 16) сутки; 17) високосный год; 18) в том же; 19) на радостях; 20) в страданиях; 21) самый тяжелый тулуп; 22) лёгок; 23) самая легкая сорочка (рубаха); 24) тяжела; 25) время; 26) делает седым пейс (волосы у висков); 27) изменяет мнение, ум, сознание; 28) выигрывают; 29) много.

סובסטאַנטיוון קומען אָפט[1] מיט די פרעפיקסן „אומ־", „באַל־", „גע־". דער פרעפיקס „אומ־" איז אַן אַקצענטירטער; „באַל־" און „גע־" זיינען אָן אַקצענט[2].

דער פרעפיקס „אומ־" באַטייט קעגנזאַץ[3]. לעמאָשל: אָרדענונג — אומאָרדענונג[4]; גליק — אומגליק[5]; זין — אומזין[6]; כיין — אומכיין[7]; צוטרוי — אומצוטרוי[8]; צוכט — אומצוכט[9]; קאָוועד — אומקאָוועד[10]; רו — אומרו[11]; רעכט — אומרעכט[12]; שולד — אומשולד[13].

דער פרעפיקס „באַל־" באַטייט אַן אייגנטימער[14], אַ טוער[15]. לעמאָשל: אייצע — באַלייצע[16]; אַגאָלע — באַלאַגאָלע[17]; אַכסאַניע — באַלאַכסאַניע[18]; ביטאָכן — באַלביטאָכן[19]; גאַווע — באַלגאַווע[20]; טויווע — באַלטויווע[21]; כויוו — באַלכויוו[22]; מעלאָכע — באַלמעלאָכע[23]; פּאַרנאָסע — באַלפּאַרנאָסע[24]; סימכע — באַלסימכע[25].

דער פרעפיקס „גע־" באַטייט אַ זאַמלונג[26], אַ פּראָצעס און אַנדערע[27]. לעמאָשל: ביין — געביין[28]; בעטן — געבעט[29]; וויינען — געוויין[30]; וועבן — געוועב[31]; דולדן — געדולד[32]; מישן — געמיש[33]; נייען — גענייי[34]; פאַנגען — געפאַנג[35]; פילן — געפיל[36].

אַ ריי[37] סובסטאַנטיוון מיטן פרעפיקס „גע־" האָבן אַן אינעווייניקסטע בייגונג (פלעקסיע)[38]. פאַרגלייכט[39]: געבאָרן — געבורט[40]; באַקן — געבעק(ס)[41]; דענקען — געדאַנק[42]; זיצן — געזעסן[43]; יאָגן — געיעג[44]; זינגען — געזאַנג[45]; טרינקען — געטראַנק[46]; שענקען — געשאַנק[47]; שלאָגן — געשלעג[48]; שרייען — געשריי[49].

סובסטאַנטיוון מיטן פרעפיקס „גע־" (אָן סופיקס) זיינען פון זאַכלעכן (נייטראַלן) מין[50], אָבער[51]: דער געדאַנק, די (דאָס) געשטאַלט[52].

Перевод: 1) часто; 2) без ударений; 3) противоположное; 4) порядок — беспорядок; 5) счастье — несчастье; 6) смысл — бессмыслица, вздор; 7) обаяние, симпатия — антипатия, нерасположение; 8) доверие — недоверие; 9) чистоплотный — нечистоплотный; неопрятный; 10) уважение, честь, почет — неуважение; 11) покой — беспокойство; маятник; 12) право; ладно — несправедливость; 13) вина — невиновность; 14) владелец; 15) деятель; 16) совет — советник; 17) воз, телега — возчик; 18) гостиница, постоялый двор — хозяин постоялого двора; 19) надежда, упование — уповающий; 20) чванство, высокомерие — чванливый, гордец; 21) услуга, одолжение, милость — благодетель; 22) долг — должник; 23) ремесло — ремесленник; 24) заработок, доход — зарабатывающий; 25) радость, торжество — хозяин торжества; 26) сборный; 27) другие; 28) кость — скелет, останки; 29) просить, молить — просьба, мольба; 30) плакать — плач; 31) ткать — ткань; 32) терпеть — терпение; 33) мешать — смесь, помесь; 34) шить — шитьё; 35) ловить; пленять — ловля, улов; 36) чувствовать — чувство, ощущение; 37) ряд; 38) внутренняя флексия, чередование; 39) сравните; 40) рожать — рождение; 41) печь — печенье; 42) мыслить — мысль; 43) сидеть — сидение, зал; 44) гонять — погоня, охота; 45) петь — пение; 46) пить — напиток, питье; 47) дарить — подарок; 48) бить — драка, битва; 49) кричать — крик; 50) средний род; 51) но; 52) образ, вид.

דאַצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

לייב קוויטקאָ (1890—1952)

אַן אַלטער ניגן[1]

— איי, נאַכמעניו[2] — שרײַט אויס דער פּאַן צום משרתס[3] —
באַ יאַרמאַרק מאָרגן אָן קויף אָקסן דעם פּאַריצן[4]
האָט נאַכמען גענומען דעם בײַטל מיט געלט[5]
דעם שטעקן[6] אין דער האַנט און געגאַן[7] ... דער וועלט.

גייט ער און גייט
און אַ סטאַדע דערזעט[8],
און פּאַסטעכער ליגן
און זינגען[9] אַ ניגן:

. . . .

האָט נאַכמען פֿאַרגעסן[10] אין פֿאַרעצלס רינדער[11],
אין פֿאַרעצלס רינדער און אין ווײַב און קינדער[12]
און סאָכריש[13] ער טוט זיי אַ פֿרעגן[14]:
— איי, פֿעטערלעך[15], כּשרע לײַט[16],
וואָס קאָסט[16] אַזאַ[17] ניגן באַ היַנטיקער צײַטן[18]

זאָגן די פּאַסטעכער: זיבן פֿריאַלן[19]
זיבן פֿריאַלן טוט נאַכמען באַצאָלן[20]
און גייט מיטן ניגן זײַן וועג.[21]
גייט ער און גייט,
און אַ בודע[22] ער דערזעט,
און קלעזמער[23] דאָרט ליגן
און זינגען אַ ניגן.

. . . .

האָט נאַכמען פֿאַרגעסן אין פֿאַרעצלס רינדער,
אין פֿאַרעצלס רינדער און אין ווײַב און קינדער,
און סאָכריש ער טוט זיי אַ פֿרעג:
— איי, קלעזמערלעך[24], פֿריילעכע[25] לײַט,
וואָס קאָסט אַזאַ ניגן באַ היַנטיקער צײַט!

זאָגן די קלעזמערלעך: דרײַצן פֿריאַלן,
דרײַצן פֿריאַלן טוט נאַכמען באַצאָלן
און גייט מיטן ניגן זײַן וועג.
איז ער אַזוי אין מאַרק[26] געקומען,
הערט איר די שײנע אָקסן ברומען[27],
נעמט ער זיך דינגען[28],
און ווידער[29] זיך דינגען,
און פּאַטשן מיט הענט[30]
און אונטערצושפּרינגען[31],
און אָפּגעמאַכט[32], שלעפּט ער דעם בײַטל ארויס[33]
און טרייסלט פֿון דאָרטן — אַ גאָרנישט ניט אויס[34]...
— צאָל![35] — שרײַט דער סוחער[35]. — צאָל אָפּ[36]
דאָס געלט!
— צאָל! — שרײַען סוחרים[37], — קלעפּ וועסטו קריגן![38]
צעעפֿנט אונדזער נאַכמען די ליידיקע הענט[39],
עפֿנט דאָס מויל[40] און זינגט זיי דעם ניגן.

. . . .

גייט ער פֿון מאַרק צוריק[41] אָן[42] די רינדער.
קומט אים אַנטקעגן[43] סײַ ווײַב מיט די קינדער:
— וואָס האָסטו, נאַכמען, געבראַכט אונדז[44] פֿון וועג,
ווו זײַנען, מאַן, די מתּנות[45] איך פֿרעג[46].
בייגט ער אײַן פֿאַרן ווײַבל דעם קאָפּ.[47]
עפֿנט דאָס מויל, און ער זינגט איר אָפּ.

. . . .

נעמט דאָס ווײַב די האָר אויף זיך רײַסן[48],
מיט דער פֿאַטשיילע[49] דעם מאַן נעמט זי שמײַסן.[50]
באַלד קומט דער פּאַריץ און שטעלט זיך אַוועק,
און אויף די אָקסן ער טוט אים אַ פֿרעג.

הייבט ער אויף[51] צום פּאַריץ דעם קאָפּ,
עפֿנט דאָס מויל, און ער זינגט אים אָפּ.

. . . .

דאָ האָט דער פּאַריץ באַפֿוילן אים בינדן,[52]
בינדן צום סלופּ[53], מיט ריטער אים שינדן[54]
שטייט ער באַם סלופּ, די רוט אויף אים שפּרינגט[55]
אָבער געהויבן[56] זײַן ניגן ער זינגט:

. . . .

1937

Перевод: 1) старый мотив, напев; 2) собственное имя Нахмен в ласкательной форме; 3) к слуге; 4) купи быков помещику; 5) кошелек с деньгами; 6) палку; 7) отправился; 8) видит стадо; 9) пастухи лежат и поют; 10) забыл; 11) крупный скот — коровы, быки; 12) жену и детей; 13) по-купечески; 14) спрашивает; 15) дяденьки, уважаемые люди; 16) что стоит; 17) такой; 18) теперешнее время; 19) империалов (золотая монета); 20) платит; 21) своим путем; 22) кибитку (крытая повозка); 23) музыканты; 24) уменьшительная и ласкательная формы; 25) веселые; 26) на рынок; 27) мычать; 28) начинает (берется) торговаться, прицениваться; 29) опять, снова; 30) ударять по рукам; 31) подпрыгивать; 32) сделано; 33) достает кошелек; 34) плати; 35) купец; 36) уплаты; 37) купцы; 38) удары получишь; 39) разнимает наш Нахмен свои пустые руки; 40) открывает рот; 41) обратно; 42) без; 43) навстречу; 44) что ты привез; 45) где, муж, подарки; 46) спрашиваю; 47) наклоняет (опускает) перед женой голову; 48) рвать на себе волосы; 49) платком; 50) сечь, хлестать; 51) поднимает; 52) приказал вязать его; 53) привязать к столбу; 54) розгами лупить; 55) розга прыгает, скачет; 56) но приподнято.

* * *

נעמט[1] אַ ניגן און צעשנײַדט[2] אים, זינגט אים קאַפּויר[3], כאַפּט פֿריער אַרויס[4] די מיט[5] און דערנאָך[6] זינגט די האַלבקאַלע מיטן סאָף[7], נו, האָט איר אַ ניגן? בעמאַכאַקל[8] האָט איר אַלע קוילעס[9], עס פֿעלט אײַך[10] קיין אייַנציקער סאַך[11], נאָר די נעשאָמע איז אַרויס[12] (י. ל. פּערעץ).

וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן[13] פּריוואַטס[14] לעבט אַ מענטש אין אַ מידבער[15], פּריוואַט לעבט אַ פּאַרוש אין וואַלד[16], עפּעשער נאָך אַ פּריצישער באַטלען[17] הינטערן בעסמעדרעש־אויוון[18], אַ מענטש צווישן[19] מענטשן איז קיינמאָל[20] ניט פּריוואַט. דער, וואָס טוט עפּעס[21], — ביפֿראַט[22] דער, וואָס שרײַבט! — לעבט בעזשעלשאַפֿטלעך[23], עפֿנטלעך[24]: דער מוז זײַן[25] אָדער נוצלעך אָדער שעדלעך[26], און קאַן, דאַרף און מוז געשאַצט ווערן[27]... (י. ל. פּערעץ, די גאַלע פּרעסע).

(קלוגשאפט און שיינקייט[28])

איינמאל[29] האט דעם קייסערס טאכטער[30] דערזען רעב יעהושוא דעם זון פון כאנאניא (רעב יעהושוא בען כאנאניא)[31]. האט זי אויסגערופן:

— אזא פײַנע קלוגשאפט[32] אין אזא מיעסער קיילע[33]

רופט זיך אָן צו איר רעב יעהושוא:

— טאכטער מײַנע, זאָג מיר[34], אין וואס פאר א קיילע[35] האלט דײַן פאָטער דער קיניג[36] דעם ווײַן זײַנעם[37]?

— אין לײמענע קיילים[38], — ענטפערט זי.[39]

— ווי פאסט[40], — זאָגט ער איר, — די גאנצע וועלט[41] האלט ווײַן אין לײמענע קיילים. און דײַן פאָטער דער מײלעך אויך אזוי?[42]

— אין וואס דען[43] זאָל ער האלטן? — פרעגט זי אים.

— פאר אזוינע, ווי איר[44], פאסט ניט אנדערש[45] ווי צו האלטן אין זילבערנע און גאלדענע[46] קיילים.

גייט זי אוועק אהיים[47] און זאָגט עס דעם פאָטער. באפעלט[48] ער, מע זאָל באלד איבערגיסן[49] דעם ווײַן אין זילבערנע און גאלדענע קיילים. דויערט ניט לאנג[50], און דער ווײַן ווערט זויער[51]. דערפרעגט זיך[52] בא איר דער פאָטער:

— ווער האט עס דיר געראטן אזוי צו טאָן?[53]

— רעב יעהושוא בען כאנאניא.

שיקט דער מײלעך אים רופן צו זיך[54] און פרעגט אים:

— ווי פאלט דיר אײַן[55] אזוינס צו ראטן[56] מײַן טאכטער?

— אזוי ווי זי האט מיך געפרעגט, — זאָגט רעב יעהושוא, — אזוי האָב איך איר געענטפערט.

— עס זײַנען דאָך אָבער פאראן שיינע כאכאמים אויך?[57]

— ווען זיי וואלטן געווען מיעסע[58], וואלטן זיי געווען נאָך קליגער[59].

(פון דער אלטהעברעישער ליטעראטור).

Перевод: 1) возьмите; 2) разрежьте; 3) наоборот; 4) выхватите раньше; 5) середину; 6) затем; 7) начало с концом; 8) в итоге; 9) все голоса; 10) не хватает; 11) ни одного тона; 12) душа ушла; 13) что значит частная жизнь; 14) индивидуально («частно»); 15) в пустыне; 16) отшельник в лесу; 17) возможно еще преждевременный бездельник; 18) за синагогальной печкой; 19) между (в среде); 20) никогда; 21) кто что-нибудь делает; 22) в частности; 23) не индивидуально («общественно»); 24) публично, гласно; 25) обязан быть; 26) полезным или вредным; 27) может, должен, обязан быть оценен; 28) мудрость и красота; 29) однажды; 30) дочь царя; 31) известный талмудист I века; он был очень некрасивый; 32) такой прелестный ум; 33) в таком безобразном (некрасивом) сосуде; 34) скажи мне; 35) в каком сосуде; 36) царь, король; 37) свое вино; 38) в глиняных сосудах; 39) отвечает она; 40) как подходит (подобает); 41) весь мир; 42) тоже так; 43) в чем же; 44) для таких, как вы; 45) не иначе; 46) в серебряных и золотых; 47) домой; 48) приказывает; 49) сразу перелить; 50) продолжается недолго; 51) кислым; 52) допрашивает; 53) кто посоветовал так делать; 54) звать к себе; 55) как это пришло на ум; 56) такое советовать; 57) красивые мудрецы; 58) будь они безобразными; 59) были бы еще умнее (мудрее).

סובסטאנטיוון אײנצאָל און מערצאָל

1) מענלעכער מין (דער): ניגון — ניגונים; מעשאַרעס — מעשאָרים; אָקס־ן; פּאַרץ — פּריצים; ביטל־ען; שטאָק־ן; פּאַטשנק־ער; פּעטער־ס; וועג־ן; קלעזמער — קלעזמאָרים; מאַרק — מערק; סוחר — סאָחרים; קלאַפּ — קלעפּ; קאָפּ — קעפּ; מאַן — מענער, מאַנען; סלופּ־עס; טאָפּ —־ן; טאָן — טענער; מענטש־ן; מידבער — מידבאַריעס; פּאָרוש — פּרושים; וואַלד — וועלדער; באַטלן — באַטלאָנים; בעסמעדרעש — באַטעמעדראָשים; אויוון־ס; קייסער־קייסאָרים; זון — זין; פּאָטער־ס; קיניג־ן; ווײַן־ען; מײלעך — מעלאָכים; כאָכעם — כאַכאָמים;

2) ווײַבלעכער מין (די): האַנט — הענט; וועלט־ן; סטאַרע־ס; צײַט־ן; בײדר־ן; מאַטאַנע־ס; האַר־; פּאַטשײלע־ס; רוט — ריטער; מיט־; האָסכאַ־לע־ס; נעשאָמע־ס; טאָכטער — טעכטער; קײלע — קיילים;

3) זאַכלעכער (נייטראַלער) מין (דאָס): פּאַרעצל־עך; געלט־ן; שטעקל־עך; רינדער־; וועבער־; קינדער־; פּעטערל־עך; קלעזמערל־עך; מויל — מײַלער; קאָל — קולעס; לעבן־ס;

סובסטאַנטיוון מיט די פּאַרקלענער־סופיקסן ־ל, ־עלע געהערן צום זאַכלעכן מין: דער פּאַרץ — דאָס פּאַרעצל; דער פּעטער — דאָס פּעטערל; דער קלעזמער — דאָס קלעזמערל; די האַנט — דאָס הענטל, הענטעלע; די טאָכטער — דאָס טעכטערל;

אַדיעקטיוו

א (דער) שיינער, פײַנער, פריילעכער מאַן; א (די) שיינע, פײַנע, פריילעכע פרוי; א שיין, פײַן, פריילעך קינד; דאָס שיינע, פײַנע, פריילעכע קינד; די שיינע, פײַנע, פריילעכע מענער, פרויען, קינדער.

א (דער) הינטיקער, פריילעכער ניגון; א (די) הײַנטיקע, פריילעכע מעלאָדיע; א הײַנטיק, פריילעך ניגנדל, די הײַנטיקע, פריילעכע ניגונים, מעלאָדיעס, ניגנדלעך.

א (דער) לײמענער, קופּערנער, זילבערנער, גאָלדענער קאָפּ; א (די) לײמענע, קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע קײלע; א לײמען, קופּערן, זילבערן, גאָלדן קײלעלע; דאָס לײמענע, קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע קײלעלע; די לײמענע, קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע קעפּ, קיילים, קײלעלעך.

אַדווערבן

ער (זי) זינגט שיין, פײַן, פריילעך, געהויבן; זיי זינגען שיין, פײַן, פריילעך, געהויבן.

ער (זי) האַלט זיך כאַשעווע, פײַן, מיעס; זיי האַלטן זיך כאַשעווע, פײַן, מיעס.

ער (זי) האַנדלט סאָכריש, ערנסטלעך, געזעלשאַפטלעך; זיי האַנדלען סאָכריש ערנסטלעך, געזעלשאַפטלעך.

דאָס, וואָס ער (זי) טוט, איז טײלמאָל ניצלעך און טײלמאָל שעדלעך.

סובסטאַנטיוון מיט סופיקסן

1. סופיקסן, וואָס בילדן נעמען[1] פון מענער:
1) ־יסט: אידעאַליסט, יידישיסט[2], פאָלקיסט[3], טאַלמודיסט[4], אַקוראַטיסט[5];
2) ־לער: ווירטשאַפטלער[6], פויק — פויקלער[7], קונסט — קינסטלער[8], שפּייזלער[9], שפּראַכלער[10];
3) ־ניק: קאָלווירטניק[11], קלייטניק[12], קעסטניק[13], רעכילעסניק[14], בעהיימע — בעהיימעניק[15];
4) ־(ע)ן: כקירע — כאַקרען[16], פּאַכעד — פּאַכדן[17], שידעך — שאַדכן[18], שעקער — שאַקרען[19];
5) ־ער: אַפּטייקער[20], פידלער[21], שלאָסער[22], שניטער[23], שענקער[24]; שטיפן — שטיפער[25]; שטעפן — שטעפער[26], שניידן — שניידער[27], שערן — שערער[28], שרייבן — שרייבער[29].

אייניקע סובסטאַנטיוון פון דער גרופּע 1 זיינען מיט די סופיקסן „־לינג" און „־נער". למשל: וויצלינג[30], פינצטערלינג[31]; מילנער[32], רעדע — רעדנער[33].

אין אינטערנאַציאָנאַליזמען זיינען פאַראַן די סופיקסן „־אַט, ־אַטאָר, ־אַל, ־אַנט, ־אַר, ־אָר, ־יר, ־ענט" און אַנדערע[34]. למשל: אַדרעסאַט[35], רעפאָרמירן — רעפאָרמאַטאָר, טעאַטער — טעאַטראַל, אַדרעסאַנט[36], סעקרעטאַר, סענאַטאָר, קאַסע — קאַסיר, רעצענזירן — רעצענזענט.

דער סופיקס „־ניק" האָט טיילמאָל[37] דעם זעלבן באַטייט[38], וואָס דער פּרעפיקס „באַל־". למשל: האָזעניק — באַלהאָזע[39]. אינעם „באַלהאָזעניק" איז איינער פון די אַפיקסן[40] איבעריק[41] — מע דאַרף עס ניט ניצן[42].

Перевод: 1) образующие названия; 2) знаток, приверженец языка идиш; 3) народ — народник; 4) последователь, знаток талмуда, начетчик, схоласт; 5) аккуратно, точно — опрятный человек; 6) хозяйство — хозяйственник; 7) барабан-щик; 8) искусство — художник; 9) пища — пищевик; 10) язык-овед; 11) колхоз-ник; 12) лавка — лавочник; 13) пропитание — нахлебник; 14) клевета — клеветник; 15) скотина — скотник; 16) мудрствование (иронически) — мудрец (чаще иронически); 17) страх — трус; 18) брак, супружество — сват; 19) ложь — лгун; 20) аптека — аптекарь; 21) скрипка — скрипач; 22) замок — слесарь; 23) жатва; порез; покрой — жнец; 24) трактирщик; 25) шалить — шалун; 26) стегать — заготовщик, стегальщик; 27) резать, жать (в поле) — портной; 28) стричь, резать (ножницами) — парикмахер; 29) писать — писатель; 30) шутка, острота — шутник, остряк; 31) темнота, тьма — мракобес, обскурант; 32) мельница — мельник; 33) речь — оратор; 34) другие; 35) лицо, которому адресовано почтовое отправление; 36) отправитель; 37) иногда; 38) то же значение; 39) наглец; 40) один из аффиксов (префикс или суффикс); 41) лишний; 42) не следует употреблять.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

לעוו טאָלסטאָי (1828 — 1910)

אײנעם א פויער האָט זיך פאַרוואָלט עסן[1]. האָט ער געקויפט א קוילעטש (באַלע)[2] און האָט אויפגעגעסן; אים האָט זיך נאָך אַלץ[3] געוואָלט עסן. האָט ער געקויפט נאָך[4] א קוילעטש און האָט אויפגעגעסן, אים האָט זיך אָבער[5] נאָך אַלץ געוואָלט עסן. האָט ער געקויפט א דריטן קוילעטש. אים אויפגעגעסן, אָבער אים האָט זיך נאָך אַלץ געוואָלט עסן. האָט ער געקויפט א בייגל[6]. און אַז ער האָט אים אויפגעגעסן, איז ער געוואָרן זאַט[7].

דעמאָלט[8] האָט דער פויער זיך א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און האָט געזאָגט:

— סאַרא נאַר איך בין[9]. וואָס האָב איך דאָס אומזיסט (אָן א נוצן)[10] אויפגעגעסן אַזויפיל[11] קוילעטשן? איך האָב לעכאַטכילע געדאַרפט[12] אויפעסן א בייגל.

א פאָטער און זין[13]

א פאָטער האָט געזאָגט[14] די זין, זיי זאָלן גוט לעבן צווישן זיך[15]; זיי האָבן ניט געפאָלגט[16]. האָט ער געהייסן ברענגען א בעזעם[17] און זאָגט:

— צעברעכט[18]!

זיי האָבן זיך געמאַטערט[19] און ניט געקאָנט צעברעכן.

האָט דער פאָטער פאַנאַנדערגעבונדן[20] דעם בעזעם און געהייסן ברעכן די ריטער איינציקוויז[21].

האָבן זיי גרינג צעבראָכן די ריטער. זאָגט דער פאָטער:

— אַזוי וועט זיין אויך מיט אייך[22]: וועט איר לעבן צווישן זיך בעשאָלעם[23], וועט קיינער אייך ניט ביקומען[24]. אויב אָבער איר וועט זיך קריגן[25], וועט איטלעכער אייך לייכט אומברענגען[26].

די פלעדערמויז[27]

אַמאָליקע צייטן איז געווען א מילכאָמע צווישן די כייעס און אויפעס (פייגלען)[28]. די פלעדערמויז איז ניט צוגעשטאַנען ניט צו די, ניט צו יענע[29] און האָט אַלץ אויסגעוואַרט, ווער וועט זיגן[30]. צוערשט[31] האָבן די אויפעס געגעבן קלעפּ די כייעס. איז די פלעדערמויז צוגעשטאַנען צו די אויפעס, אומגעפלויגן[32] מיט זיי און האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אָף (פויגל)[33]. דערנאָך אָבער[34], אַז די כייעס האָבן אָנגעהויבן ביקומען, האָט די פלעדערמויז זיך איבערגעגעבן[35] צו די כייעס. זי האָט זיי געוויזן אירע ציינער[36], אירע לאַפּעס און ציצקעס[37] און האָט פאַרזיכערט[38], אַז זי איז א כייע און האָט ליב כייעס[39]. צולעצט[40] האָבן דאָך[41] די אויפעס געזיגט. די פלעדערמויז האָט זיך ווידער איבערגעגעבן צו די אויפעס. נאָר זיי האָבן זי פאַרטריבן[42]. צו די כייעס האָט זי שוין ניט געקאָנט צושטיין[43]. פון דעמאָלט אָן[44] לעבט די פלעדערמויז אין קעלערס, אין בוימלעכער[45]. פליט אום נאָר פאַרנאַכט[46] און שטייט ניט צו ניט צו כייעס און ניט צו אויפעס.

פון טאָלסטאָיס מעשאָלים און מייסעס פאַר קינדער

די קראָ[47]

איינמאָל האָט א קראָ דערזען[48], אַז א טויב[49] גייט שענער פון אַלע[50] אויפעס. האָט זי אָנגעהויבן נאָכמאַכן[51] דער טויבס גאַנג[52]. ס'איז איר אָבער דאָס אָנגעקומען זייער שווער[53], און די אויפעס האָבן פון איר געלאַכט[54]. האָט זיך די קראָ פאַרשעמט[55] און באַשלאָסן זיך אומקערן צו איר פריערדיקן גאַנג[56]. זי האָט שוין אָבער ניט געקאָנט[57]: זי האָט אים פאַרגעסן[58]. איר האָט זיך ניט איינגעגעבן[59] ניט איר פריערדיקער גאַנג, ניט דער טויבס.

פון דער אַלטהעברעישער ליטעראַטור

Перевод: 1) одному крестьянину (мужику) захотелось есть; 2) купил калач (белый хлеб); 3) все еще; 4) еще; 5) но; 6) баранку; 7) сыт; 8) тогда; 9) экой (какой) я дурак!; 10) напрасно (зря); 11) столько; 12) сначала должен был; 13) отец и сыновья; 14) приказывал (сказал); 15) чтобы жили в согласии; 16) не слушались; 17) велел принести веник; 18) сломайте; 19) томились (мучились); 20) развязал; 21) ломать прутья поодиночке; 22) так-то и вы (так будет и с вами); 23) мирно, в согласии; 24) никто вас не одолеет (не победит); 25) но если вы будете ссориться; 26) вас всякий легко погубит (уничтожит); 27) летучая мышь; 28) в давнишние времена была война между зверями и птицами; 29) летучая мышь не пристала ни к тем, ни к другим; 30) всё выжидала, чья возьмёт (кто победит); 31) сначала; 32) летала; 33) называла себя птицей (выдавала себя); 34) но потом; 35) передалась; 36) ее зубы; 37) соски; 38) уверяла; 39) любит; 40) под конец; 41) всё-таки; 42) прогнали; 43) уже не могла пристать; 44) с тех пор; 45) в погребах, дуплах; 46) сумерками; 47) ворона; 48) однажды увидела; 49) голубь; 50) красивее всех; 51) подражать; 52) походка; 53) удавалось очень тяжело; 54) смеялись; 55) застыдилась; 56) решила вернуться к предыдущей походке; 57) не смогла; 58) забыла; 59) не удавалась.

שיקע דריז (1908—1971)

Овсей Дриз

דאָס אייזל און די בין[1]

דעקס אזייגער אינדערפרי[2]
נאָענט בא א וואלד[3]
האָט א בין געזאמלט האָניק[4]
און דערהערט א גוואלד[5].

— גוואלד! גוואלד! ראטעוועט[6]
מיט עפעס מיין בויך[7], —
האָט געגוואלדעוועט דאָס אייזל
מיטן גאנצן קויך [קויעך][8].

פרעגט דאָס בינעלע באם אייזל[9]:
— וואָס האָסטו געגעסן[10]
עפשער דארף מען טייקעף לייגן
ווארעמע קאָמפרעסן[11]?

— גיי דיר, גיי, דו ליגנערטע[12],
גיי פונדאנען בעסער[13],
דו ביסט ווערט[14], מע זאָל דיך שינדן
מיט א שטומפיק מעסער[15].

האָסט מיך דאָנערשטיק באגעגנט[16]
אַף דעם פעלד דעם ברייטן[17]
און מיך איינגערעדט[18], אז האָניק
מאכסטו גאָר פון קוויטן[19].

האָב איך נעכטן[20] אויפגעגעסן
זיבן זעק מיט בלומען[21].
זעסטו כאָטשבי, וואָס עס האָט זיך
פון דערפון באקומען[22]?

האָט די בין זיך אויפגעהויבן[23]
און אוועקגעפלויגן
פרישן האָניק זאמלען[24],
פרישע זאפטן זויגן[25].

און בא זיך האָט זי געטראכט[26]:
ניטאָ דאָ ווער ס'זאָל לאכן[27].
גיי און טרעף[28], אז ס'קען אן אייזל
פרווון האָניק מאכן[29].

Перевод: 1) осёл и пчела; 2) в шесть часов утра; 3) близко, около леса; 4) пчела собирала мёд; 5) и услыхала крик (гвалт); 6) спасайте; 7) помогите чем-нибудь моему животу; 8) орал осёл изо всех сил; 9) спрашивает пчелка у осла; 10) что ты ел; 11) может, следует сразу приложить тёплые компрессы; 12) ступай, ты врунья; 13) уйди лучше отсюда; 14) ты заслужила (ты достойна); 15) чтоб твою шкуру сдирали тупым ножом; 16) ты меня встретила в четверг; 17) на широком поле; 18) уговорила; 19) мёд ты делаешь из цветов; 20) вчера; 21) съел семь мешков цветов; 22) видишь хотя бы, что получилось; 23) поднялась; 24) свежий мёд собирать; 25) свежие соки сосать; 26) думала про себя; 27) некому смеяться; 28) угадай; 29) что осёл может пытаться делать мёд.

סובסטאנטיוון מיט סופיקסן, וואָס בילדן נעמען פון פרויען

1) -טע: אורעכ-טע[1], באלעבאָס-טע, גאנעוו-טע[2], כאווער-טע[3], ליגנער-טע, פויער-טע[4], שארלאטאנ-טע;
2) -ין: ארטיסט-ין, בעקער-ין[5], וועבער-ין[6], לערער-ין[7], פידלער-ין, שטעפער-ין, שערער-ין;
3) -ניצע: קאָלווירט-ניצע, קעסט-ניצע, רעכילעס-ניצע, שלימאזל—שלימאזל-ניצע[8];
4) -ע: זאקן—זקיינע[9], מעכאשעף—מעכאשייפע[10], כאכעם—כאכאָמע[11], שאכן—שכיינע[12];
5) -קע: ארטיסט-קע, בעקער-קע[5], לערער-קע[7], שאכמאטיסט-קע, שטיפער-קע, שניידער-קע.

איינציקע סובסטאנטיוון פון דער דאָזיקער גרופע קומען אויך מיט די סופיקסן „-יכע", „-יניע", „-עסע". לעמאָשל: טענדער-יכע[13], טייוו-יכע[14], טערק-יניע[15], קייסער-יניע[16], פאַטש-עסע, פרינצ-עסע.

בא איינציקע סובסטאנטיוון פון דער דאָזיקער גרופע איז פאר דעם סופיקס „-טע" נאך פאראן א טאווטאלאָגישער[17] סופיקס „-עס". לעמאָשל: מעכוטן—מעכוטענעסטע[18], נאגיד—נעגידעסטע[19].

צוגלייך מיט די פאָרמעס „מעכאשייפע, שכיינע, קייסעריניע" זיינען פאראן אויך די פאָרמעס „מעכאשעפטע, שאכנטע, קייסערטע".

מיט דעם סופיקס „-יכע" בילדעט מען אויך נעמען פאר דער „זי" פון איינציקע כייעס. לעמאָשל: בער-יכע[20], האָז-יכע[21], וואָלפ-יכע[22], לייב-יכע[23].

Перевод: 1) гость-я; 2) вор-овка; 3) товарищ—товарка; 4) крестьянин—крестьянка; 5) пекарь—женщина пекарь; 6) ткач-иха; 7) учитель-ница; 8) неудачник—неудачница; 9) старик—старуха; 10) волшебник, колдун—волшебница, колдунья; 11) умник—умница; 12) сосед-ка; 13) собств. имена; 14) черт-овка (чертиха); 15) турок—турчанка; 16) царь—царица; 17) тождественный, тавтологический; 18 сват-ья; 19) богач-ка; 20) медведь—медведица; 21) заяц—зайчиха; 22) волк—волчица; 23) лев—львица.

איינצאָל און מערצאָל

מענלעכער מין: דער פויער-ים, קוילעטש-ן, בייגל, קאָפּ—קעפּ, נאר—נאראָנים, מאַסטער-ס, זון—זין, בעזעמ-ער, פויגל-ען, פייגל, צאָן—ציין, צייגער, קעלער-ס, גאנג—גענג, וואלד—וועלדער, האָניק, גוואלד-ן, בויך—בייכער, קויעך—קויכעס, קאָמפרעס-ן, ליגנער-ס, זאק—זעק, זאפט-ן, אוירעך—אורכים, באלעבאָס—באלעבאטים, גאנעוו—גאנאָווים, כאווער—כאווײרים, פויער-ים, שארלאטאן—שארלאטאנים, ארטיסט-ן, בעקער-ס, פידלער-ס, שלימאזל-ים, זאקן—זקיינים, מעכאשעף—מעכאשייפים, כאכעם—כאכאָמים, שאכן—שכיינים, מעכוטן—מעכוטאָנים, נאגיד—נעגידים, בער-ן, האָז-ן, וואָלף—וועלף, לייב-ן;

ווייבלעכער מין: די פלעדערמויז—פלעדערמייז, כייע-ס, לאַפּע-ס, ציצקע-ס, קראָ-ען, טויב-ן, בינ-ען, ליגנערטע-ס, קוויט-ן, בלומ-ען, אוירעכטע-ס, באלעבאָסטע-ס, כאווערטע-ס, פויערטע-ס, ארטיסטינ-ס, בעקערינ-ס, לערערינ-ס, פידלערינ-ס, קאָלווירטניצע-ס, קעסטניצע-ס, רעכילעסניצע-ס, זקיינע-ס, כאכאָמע-ס, שכיינע-ס, מעכוטענעסטע-ס.

זאַכלעכער (נייטראלער) מין: דאָס אָף אויפעס, אייזל-ען, בינעלע-ך, פעלד-ער.

אינפיניטיוון און פארטיציפן

גרונטיקע ווערבן: קויפן—געקויפט, זאגן—געזאגט, לעבן—געלעבט, פאלגן—געפאלגט, הייסן—געהייסן, ברענגען—געבראכט, קאנען—געקאנט, זען—געזען, זיגן—געזיגט, געבן—געגעבן, לאכן—געלאכט, זאמלען—געזאמלט, ראטעווען—געראטעוועט, פרעגן—געפרעגט, לייענען—געלייענט, שינדן—געשונדן, מאכן—געמאכט, זויגן—געזויגן, טרעפן—געטראפן, פרווון—געפרוווט;

ווערבן מיט פרעפיקסן: צעברעכן—צעבראכן, פארזיכערן—פארזיכערט, פארטרייבן—פארטריבן, דערזען—דערזען, באשליסן—באשלאסן, פארגעסן—פארגעסן, דערהערן—דערהערט, באגעגענען—באגעגנט, באקומען—באקומען, פארשעמען (זיך)—פארשעמט (זיך).

ווערבן מיט צונאבן: אויסעסן—אויסגעגעסן, פאנאנדערבינדן—פאנאנדערגעבונדן, ביַיקומען—ביַיגעקומען, אומברענגען—אומגעבראכט, צושטיין—צוגעשטאנען, אויסווארפן—אויסגעווארפן, אומפליען—אומגעפלויגן, אנהייבן—אנגעהויבן, איבערגעבן—איבערגעגעבן, נאכמאכן—נאכגעמאכט, איַינריידן—איַינגערעדט, אויפהייבן—אויפגעהויבן, אוועקפליען—אוועקגעפלויגן, אנגעבן (זיך)—אנגעגעבן (זיך), אומקערן (זיך)—אומגעקערט (זיך).

קומען—באקומען—ביַיקומען—אומקומען: מיר זיַינען געקומען אין טעאטער. מיר האבן באקומען די פאטאגראפיעס. די כּוחות האבן אנגעהויבן ביַיקומען. וועט איר לעבן צווישן זיך בעשאלעם, וועט קיינער אייך ניט ביַיקומען. וועט איר זיך קריגן, וועט איר אומקומען (איטלעכער וועט אייך אומברענגען).

שטיין—צושטיין—אויפשטיין—פארשטיין: די פלעדערמיַיז שטייען און ווארטן אויס, ווער וועט זיגן. זיי זיַינען צוגעשטאנען צו די כּוחות. זיי האבן געפרוווט צושטיין צו די אייפעס. די קינדער דארפן היַינט אויפשטיין זעקס אזייגער אינדערפרי. זיי שטייען און פארשטייען ניט, וואס דער פאטער רעדט צו זיי, וואס וויל ער פון זיי.

ברענגען—אומברענגען—פארברענגען: די קינדער האבן געבראכט בעזעמער און האבן מיט זיי פארטריבן די הינט. די קינדער האבן אויך אומגעבראכט די קאמארן און די בינען. זיי האבן גוט פארבראכט די ציַיט אין פעלד און אין וואלד.

מאכסטו=דו מאכסט; **זעסטו**=דו זעסט; **גייסטו**=דו גייסט; ווען **שטייסטו** אויף? און ווען **לייגסטו** זיך שלאפן? וואס **דארפסטו** היַינט מאכן? ס'איז גרינג צי שווער?

די ווערבן „באקומען, פארגעסן" זיַינען אי אינפיניטיוון, אי פארטיציפן: מיר וועלן באקומען און פארגעסן; מיר האבן באקומען און פארגעסן. אויך אין קעגנווארט (די איצטיקע ציַיט) בא „מיר" און „זיי" וועט זיַין: באקומען, פארגעסן.

דער ווערב „דערזען" איז אי אן אינפיניטיוו, אי א פארטיציפ, אבער אין קעגנווארט בא „מיר" און „זיי" וועט זיַין: דערזעען.

בא ווערבן מיט צונאבן וויַיזן די צונאבן אין קעגנווארט נאך די גרונטיקע טיילן פון די ווערבן. לעמאשל: אויפעסן—איך עס אויף; פאנאנדערבינדן—איך בינד פאנאנדער; ביַיקומען—איך קום ביַי; אומברענגען—איך ברענג אום, איך ברענג זיי אום, איך ברענג זיי באלד אום. צושטיין—די פלעדערמויז שטייט צו, זי וועט (פלעגט) צושטיין, זי איז צוגעשטאנען.

דאצענט ע. פאלקאוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

שמועל האַלקין (1960 — 1899)

Самуил Галкин

דער גוטער ווינט[1]

איר מיינט, אַז שטיינער ווייסן ניט?[2]
איר מיינט, אַז ברעגן הערן ניט?[3]
כ'האָב אויך אַזוי געמיינט:[4]
איך האָב געזען אַ שטיין באַם וואַסער,[5]
ניט פֿון וואַסער אַ נאַסער,[6]
ס'האָט דער שטיין געוויינט.[7]

איר טראַכט, אַז הימלען זעען ניט?[8]
איר טראַכט, אַז שטערן הערן ניט?[9]
כ'האָב אויך אַזוי געטראַכט:
ס'האָט די דײַטשע וואַך געצוווּנגען —[10]
זיינען אַלטע גלײַך מיט יונגע,[11]
גלײַך אין טײַך פֿון בריק געשפּרונגען,[12]
און ס'האָט די וואַך געלאַכט,[13]
ס'האָט דאָס לאַכן ווײַט געקלונגען,[14]
און ס'איז קיינעם ניט געלונגען[15]
זיך צו ראַטעווען באַנאַכט.[16]

די איבעריקע, פֿאַרבליבענע,[17]
אַהינטער בריק פֿאַרטריבענע,[18]
אין וועלדל, וואָס דערבײַ, —[19]
פֿון ביקסן פֿון געלאָדענע[20]
מע האָט זיי דאָרט געהאָדעוועט[21]
מיט פֿײַער און מיט בלײַ.[22]

איר קלערט, אַז ביימער[23] זעען ניט?

איר קלערט, אַז וועגן פֿרעגן ניט?[24]
כ'האָב אויך אַזוי געקלערט;
געבליבן איז איין אַלטער נאָר,[25]
אַהינטער בוים באַהאַלטענער,[26]
און אַלץ[27] געזען, געהערט.

איר האָפֿט, דער אַלטער לעבט נאָך איצט?[28]
ווײַטער גייען פאָלגנדיקע גראַמען[8]: אַן ענטעלע — דאָס הענטעלע[9], אַ יויכעלע — דאָס בײַכעלע[10], אַ פייגעלע — דאָס אייגעלע[11], אַ העזעלע — דאָס נעזעלע[12]. פאַראַן אויך אַזאַ וואַריאַנט[13]: דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף[14]... וועט זײַן אַ געזונט אין קעפּעלע.

Перевод: 1) колыбельная песня; 2) спи; 3) прибудет из деревни; 4) он принесет яблочко; 5) будет здорова головушка; 6) орешек; 7) ноженька; 8) далее идут следующие рифмы; 9) уточка — ручонка; 10) супец (бульон) — животик; 11) пташка — глазок (глазенки в единств. числе); 12) заинька — носик; 13) есть и такой вариант; 14) папа поедет в деревню.

Служебные слова (артикли, предлоги, вспомогательные глаголы), как правило, произносятся вместе со знаменательными словами, напр.:

דער טאַטע וועט קומען פון דאָרף... וועט זײַן בעזונט דאָס קעפּעלע.

שמועל האַלקין (1897—1960)

Самуил Галкин

מירן גיין אין זאָאָפּאַרק[1] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל[2].
ווילדע כײַעס זען וועסט דאָרטן[3] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.

דו ניט שרעק זיך נאָר[4], מײַן כײַעס[5],
פאַר די גרויסע בייזע כײַעס[6] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל,
אַלע זײַנען זיי פאַרגאַרטעט[7],
אין די שטײַגן פעסט פאַרשפּאַרטע[8] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.

לייבן, לעמפּערטן און בערן[9],
זייער ברומען ווײַט וועסט הערן[10] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל,
אָבער ווען דו וועסט פאַרבײַגיין[11],
שטיל וועט ווערן אין די שטײַגן[12] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.

כ'וועל דיך דאָרט צו פייגל פירן[13],
מיט די אַלערליי קאָלירן[14] —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.
— זאָלסט אין וועג זיך ניט פאַרלירן[15],
וועל איך פאַר א האַנט דיך פירן[16] —
זאָגט צו מיר מײַן אייניקל[17].

1957

Перевод (дословный): 1) мы пойдем в зоопарк; 2) говорю я (к) моему внуку; 3) диких зверей увидишь там; 4) ты только не бойся; 5) моя жизнь (моя радость); 6) этих больших злых зверей; 7) все они замкнены; 8) в клетках крепко заперты; 9) львы, леопарды и мишки; 10) их рычанье далеко услышишь; 11) но когда ты будешь мимо проходить; 12) тихо станет в клетках; 13) я тебя там к птицам поведу; 14) с различными цветами; 15) чтоб ты в пути не растерялся; 16) я тебя за руку поведу; 17) говорит (ко) мне мой внук.

אופגאַבעס

1. טיילט אײַן[1] די ווײַטערדיקע ווערטער אין דרײַ גרופּעס: 1) איינטראַפּיקע; 2) צווייטראַפּיקע; 3) דרײַטראַפּיקע. לעמאָשל: 1) מענטש... 2) אַדלער... 3) יוביליי...

מענטש, אַדלער, יוביליי, ווינטער, וואַסער, האָריזאָנט, פערדל, קעצל, ברודער, מאַמע, אַרעמקייט, האָסטל, נאַכט, טאָג, יאָר, אינסטיטוט, קאָנצערט, פידלער, מענטשהייט, מישפּאָכע.

2. ווײַזט אָן[2] די מאַרפעמעס (באַטײַטיקע טיילן) בײַ די ווערטער: מענטשן, מענטשהייט[3], זיידעס, סינטער, אַרעמקייט, פעטערס, יאָרן, קאָנצערטן, וואַקזאַלן, הימלען, אַדלערס, מישפּאָכעס, פענצטער, זייגערס, אייערן, קלובן, יובילייען, האָריזאָנטן, זאַוואָדן, טראָפּן.

מוסטער: מענטש־ן, מענטש־הייט...

3. זאָגט איבער אין יידיש די ווײַטערדיקע זאַצן.

Слово «горизонт» состоит из трех слогов, а слово «концерт» — из двух. Отец молчаливый, а дядя говорун. К селедке соль не требуется. Пельмени во сне не пельмени, а сон.

Перевод: 1) разделите; 2) укажите; 3) человечество; 4) делайте так.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Склонение существительных в единственном числе

Падеж	Нарицательные — קלאַלנעמען			Имя собственное одушевленное	בייגפאַרם
	נייטראַלער מין[3]	ווײַבלעכער מין[2]	מענלעכער מין[1]		
I. Именительный	דאָס קינד	די פרוי[6]	דער מאַן[5]	מויסעי[4]	I. נאָמינאַטיוו
II. Винительный	דאָס קינד	די פרוי	דעם מאַן	מויסען	II. אַקוזאַטיוו
III. Дательный	דעם קינד	דער פרוי	דעם מאַן	מויסען	III. דאַטיוו
IV. Притяжательный	דעם קינדס	דער פרויס	דעם מאַנס	מויסעס	IV. פּאָסעסיוו

I. א נאָמינאַטיוו איז אין זאַץ[7]: 1) א סוביעקט[8]; 2) א פּרעדיקאַט[9] (מיט א הילפֿווערב „זײַן, ווערן“ אָדער „בלײַבן“)[10]. לעמאָשל:

1) מויסע אַרבעט אין א ביבליאָטעק[11]. דער מאַן שפּילט אין צירק, די פרוי לייגט[12] דאָס קינד שלאָפֿן[13]. דאָס קינד שלאָפֿט[14];

2) מײַן שכן[15] איז (ווערט, בלײַבט) א דעפּוטאַט. די פרוי איז (ווערט זײַן) א זינגערין[16].

א נאָמינאַטיוו איז אויך[17] א ווענדונג[18]. לעמאָשל: מויסע, ווײַז מיר די אַרבעט[19]. גיי[20], טאַטע, אַהיים[21]. מיר גייען אין דײַנע פאָרנטיקע רייען[22], שפּאַנענדיקע מענטשהייט[23] (דאַוויד האָפשטיין).

א ווענדונג איז אָן[24] אַרטיקלען און ווערט אָפּגעטיילט מיט קאָמעס[25] אָדער מיט אַן אויסרופצייכן[26].

Перевод: 1) мужской род; 2) женский; 3) средний; 4) *Мойсей*; 5) муж, мужчина; 6) жена, женщина; 7) в предложении; 8) подлежащее; 9) сказуемое; 10) со вспомогательным глаголом «быть, становиться» или «оставаться»; 11) работает в библиотеке; 12) укладывает; 13) спать; 14) спит; 15) сосед; 16) певица; 17) также; 18) обращение; 19) покажи мне работу; 20) иди; 21) домой; 22) мы идем в твоих передовых рядах; 23) шагающее человечество; 24) без; 25) выделяется запятыми; 26) или восклицательным знаком.

II. אַן אַקוזאַטיוו איז אין זאַץ: 1) א דירעקטער אָביעקט[1]; 2) אָפט אויך א צײַט-באַשטימונג[2]:

1) איך שיק[3] דעם ברודער (די שוועסטער, דאָס קינד) אַהיים. איך שרײַב א בריוו[4] (א גרוס)[5];

2) איך בין דעם טאָג (די נאַכט, די וואָך, דעם חודש) געווען זייער פאַרנומען[6].

III. א דאַטיוו איז אין זאַץ אָפט אַן אומדירעקטער אָביעקט[7]. לעמאָשל: איך שרײַב דעם ברודער (דער שוועסטער, דעם פעטער, דעם קינד). א דאַטיוו קומט אָפט מיט פּרעפּאָזיציעס[8]. לעמאָשל: איך גיי מיט דעם ברודער[9] (מיט דער שוועסטער, מיט דעם קינד). איך גיי צו[10] דעם פעטער (צו דער מומען[11], צו דער באָבען). איך גיי פון[12] דער אַרבעט (פון דער ביבליאָטעק). איך בין געווען אַף[13] דער אַרבעט. איך לייען אָן ברילן[14].

א סובסטאַנטיוו נאָך[15] א פּרעפּאָזיציע איז אַלעמאָל[16] א דאַטיוו. אַזא סובסטאַנטיוו[17] קאָן זײַן[18] אַן אומדירעקטער אָביעקט, א צײַט-באַשטימונג[19], אַן אָרט-באַשטימונג[20] און אַנדערע[21]. לעמאָשל: איך שרײַב דער שוועסטער. איך שרײַב נאָך דער אַרבעט[22]. איך שרײַב אין ביבליאָטעק.

א פּרעפּאָזיציע קומט אָפט אײַנ״נעמען[23] מיט דעם אַרטיקל „דעם“. לעמאָשל: מיט+דעם=מיטן; אַף+דעם=אַפן; צו+דעם=צום; אָן+דעם=אָנעם; אין+דעם=אינעם; פון+דעם=פונעם.

איך גיי מיטן ברודער צום פעטער. דאָס האַרץ[24] זעט[25] בעסער פונעם אויג.

Перевод: 1) прямое дополнение; 2) часто также обстоятельство времени; 3) посылаю; 4) письмо; 5) привет; 6) был очень занят; 7) косвенное дополнение; 8) с предлогами; 9) с братом; 10) к; 11) к тёте; 12) с, из, от; 13) на; 14) без очков; 15) после; 16) всегда; 17) такое существительное; 18) может быть; 19) обстоятельством времени; 20) обстоятельством места; 21) и др.; 22) после работы; 23) вместе; 24) сердце; 25) видит.

IV. א פּאָסעסיוו איז אין זאַץ: 1) אַן אַטריבוט[1]; 2) א פּרעדיקאַט (מיט א הילפֿווערב). לעמאָשל:

1) דעם כאַווערס דערציילונג[2] געפעלט מיר[3], דער כאַווערס בריוו איז זייער אינטערעסאַנט[4]. אָדער אַזוי[5]: מיר געפעלט דעם כאַווערס דערציילונג; ס'איז זייער אינטערעסאַנט דער כאַווערס בריוו.

2) די דערציילונג איז דעם כאַווערס; דער ראָמאַן איז שאָלעם-אַלייכעמס.

Перевод: 1) определение; 2) рассказ товарища; 3) мне нравится; 4) очень интересно; 5) или так: мне нравится рассказ товарища.

Существительное в *притяжательном* падеже (посессив) соответствует русскому существительному в родительном падеже и русскому притяжательному прилагательному, например:

Дом бабушки (бабушкин дом) в *Минске* — דער באָבעס שטוב איז אין מינסק

די ווערטער מאמע, מומע, באָבע זײַנען אין דאטיוו: דער מאמען, דער מומען, דער באָבען. די ווערטער טאטע, זיידע, מענטש, ייִד[1], רעבע[2] זײַנען אין אקוזאטיוו און אין דאטיוו: דעם טאטן, דעם זיידן, דעם מענטשן, דעם ייִדן, דעם רעבן. און אין פּאָסעסיוו: דעם טאטנס, דעם זיידנס, דעם מענטשנס, דעם ייִדנס, דעם רעבנס.

איך רוף די מאמע, די מומע, די באָבע. איך גיי צו (מיט, פון, נאָך, אָן) דער מאמען, דער מומען, דער באָבען. איך רוף דעם טאטן, דעם זיידן, דעם מענטשן... איך גיי צו (מיט, פון, נאָך, אָן) דעם טאטן, דעם זיידן...

אלע מענטשן זײַנען ברידער[3] — פון איין טאטן, פון איין מאמען (י.-ל. פּערעץ).

אייגנגעמען[4] (פון מענטשן, פון כײַעס)[5] מיט „ם, נ" אדער טראָפּיקן „ל" צום סאָף[6] קומען אין אקוזאטיוו און אין דאטיוו ניט מיט דער פלעקסיע[7] „-ן", נאָר מיט „-ען". לעמאָשל: שאָלעם — שאָלעמען, זאַלמען — זאַלמענען, בערל — בערלען, ראָכל — ראָכלען, צייטל — צייטלען.

סובסטאנטיוון מיט „ז, טש, ס, צ, ש" צום סאָף קומען אין פּאָסעסיוו מיט דער פלעקסיע „-עס". לעמאָשל: בריאזעס רעדע[8], אבראמאָוויטשעס בריוו, מיכאָעלסעס שפּילן[9], פּערעצעס ווערק[10], מאַרקישעס „מילכאָמע"[11]. אויב[12] דער לעצטער טראָף[13] איז אן אקצענטירטער[14], איז בײַ אזעלכע[15] ווערטער די פלעקסיע „-ס". לעמאָשל: גוזס רעדע[16], טיטשס בריוו, שאַצס דערציילונג, אשס ווערק. אזעלכע ווערטער, ווי „דער באַלעבאָס[17], מאַרקס, באַרביוס[18]", זײַנען אין פּאָסעסיוו מיט אן אַפּאָסטראָף[19]: דעם באַלעבאָס' מישפּאָכע, מאַרקס' „קאַפּיטאַל", באַרביוס' „אין פײַער"[20].

Перевод: 1) еврей; 2) учитель (религиозных предметов); раввин; 3) все люди — братья; 4) имена собственные; 5) зверей; 6) в конце; 7) флексия, окончание; 8) речь; 9) игра; 10) сочинения; 11) «Война»; 12) если; 13) последний слог; 14) ударный; 15) у таких; 16) речь Гуза; 17) хозяин; 18) Барбюс (французский писатель); 19) апостроф; 20) «В огне».

פערזאָניקע פּראָנאָמען[1]

ביגפאָרמע	איינצאָל[2]	מערצאָל[3]	פונקציע[4]
נאָמינאטיוו	איך דו ער זי עס (דאָס)	מיר איר זיי	סוביעקט
אקוזאטיוו	מיך דיך אים זי עס (דאָס)	אונדז אײַך זיי	דירעקטער אָביעקט
דאטיוו	מיר דיר אים איר עס (דעם)	אונדז אײַך זיי	אומדירעקטער אָביעקט

א פּראָנאָם נאָך א פּרעפּאָזיציע איז אין דאטיוו.

איך רוף דיך (אים, זי, אײַך, זיי) אין קלוב. איך גיי מיט דיר (מיט אים, מיט איר, מיט אײַך, מיט זיי) אין טעאַטער. איך רייד וועגן דיר (וועגן אים, וועגן איר, וועגן אײַך...) מיט דער מאמען.

זיי גייען צו אונדז. איך זע זיי און רוף זיי. איך גיי מיט זיי. איך רייד צו זיי וועגן אײַך. איך שיק זיי צו אײַך. איך וועל הײַנט זײַן בײַ אײַך. און איר קומט מאָרגן צו מיר.

„בעסער שלאָגט[5] מיך, נאָר לאָזט מיך לאַכן[6]" (אזוי זאָגט מאָליער)[7]. און איך זאָג[8]: שלאָגט מיך ניט[9], איך וועל אלצאיינס לאַכן[10], און פון מײַן געלעכטער[11] וועט אײַך מער וויי טאָן[12], ווי מיר[13] פון אײַערע קלעפּ[14] (שאָלעם-אַלייכעם).

Перевод: 1) личные местоимения; 2) единственное число; 3) множественное число; 4) функция=роль в предложении; 5) бейте; 6) но дайте мне смеяться; 7) так говорит Мольер; 8) а я говорю; 9) не бейте меня; 10) всё равно буду смеяться; 11) от моего смеха; 12) больше больно будет; 13) чем мне; 14) от ваших ударов.

פּאָסעסיווע פּראָנאָמען[1]

פּאָסעסיווע פּראָנאָמען זײַנען די ווערטער: מײַן, דײַן, זײַן, איר, אונדזער, אײַער, זייער[2]. זיי האָבן אזא סיסטעם פאָרמעס[3]:

איינצאָל:	מײַן ברודער	מײַן שוועסטער	מײַן קינד
"	ברודער מײַנער	שוועסטער מײַנע	קינד מײַנס
"	מײַנער א ברודער[4]	מײַנע א שוועסטער	מײַנס א קינד
מערצאָל:	מײַנע ברידער	מײַנע שוועסטער	מײַנע קינדער

מײַן שאָכן איז מײַנער א קאָרעוו. מײַן שכײנע[5] איז מײַנע א קרויווע[6]. אלע מײַנע שכײנים[7] זײַנען מײַנע קרויווים. איך שיק מײַן קינד (מײַנע קינדער) צו מײַן כאַווער (צו מײַן כאַווערטע). איך שיק זיי צו מײַנעם א כאַווער (צו מײַנער א כאַווערטע). זי שיקט[8] איר קינד (אירע קינדער) צו אירן א כאַווער (צו אירער א כאַווערטע). איך גיי מיט מײַנער (מיט דײַנער, מיט אירער, מיט זייערער) א שוועסטער שפּאַצירן[9].

מײַן מישפּאָכע

מײַן מאַן איז בײַ זײַנע עלטערן[10] איין זון[11] — א בעניאָכיד[12]. איך בין בײַ מײַנע עלטערן איין טאָכטער[13] — א באַסיעכידע[14]. אויך מײַן מאמע איז א באַסיעכידע. מײַן מאַן איז מײַנע עלטערן אן איידעם[15]. איך בין מײַן מאַנס עלטערן א שנור[16]. מײַן ברודערס ווײַב איז מיר א שוועגערין[17]. מײַן שוועסטערס מאַן איז מיר א שוואָגער[18]. מײַן מאַנס מוטער איז מיר א שוויגער[19]. זײַן פאָטער איז מיר

א שוועגער[18]. מײַן שוועסטערס מאַנס פֿאָטער איז מיר א מעכוטן[21]. דעם מעכוטנס ווײַב איז מײַנע א מע־כוטענעסטע[22]. איך בין מײַן זיידנס און מײַן באָבעס אייניקל[23]. מײַן טאַטנס (מײַן מאַמעס) ברודער איז מיר א פֿעטער[24]. מײַן טאַטנס (מײַן מאַמעס) שוועסטער איז מיר א מומע. דעם פֿעטערס און דער מומעס קינדער זײַנען מײַנע שוועסטערקינדער[25].

Перевод: 1) притяжательные местоимения; 2) мой, твой, его, её, наш, ваш, их; 3) они имеют такую систему форм; 4) один из моих братьев; 5) моя соседка; 6) родственница; 7) все мои соседи; 8) она посылает; 9) гулять, совершать прогулку; 10) у своих родителей; 11) один сын; 12) единственный сын; 13) одна дочь; 14) единственная дочь; 15) зять; 16) сноха; 17) невестка; 18) шурин; 19) свекровь; 20) свёкор; 21) свойственник; 22) свойственница; 23) внучка (внук); 24) дядя; 25) двоюродные братья, двоюродные сестры.

— ווער איז דאָס ווײַבל[1]? — פֿרעגט אים איינער פֿון די אַקטיאָרן[2].
— דאָס איז מײַן ווײַבל, — ענטפֿערט נויעך[3]. — דו קענסט ניט[4] מײַן סאָרע־פּערל[5] און דאָס זײַנען מײַנע קינדער.
— און דאָס?
— דאָס איז מײַן שוויגער.
— און די דאָזיקע[6]?
— דאָס איז מײַן ווײַבס א שוועסטערל[7].
— און ווער איז דער יונגערמאַן[8]?
— דאָס איז איר כאָסן[9].
— און ווער איז דאָס מיידל[10]?
— דאָס איז דעם כאָסנס א שוועסטער.
— און ווער איז דער באָכער[11]?
— דאָס איז דעם כאָסנס שוועסטערס א כאָסן.
— און ווער איז אָט דאָס מיידל[12]?
— דאָס איז זײַן שוועסטער, דאָס הייסט[13], דעם כאָסנס שוועסטערס כאָסנס א שוועסטער.

שאָלעם־אַלייכעם. דאָס נײַע קאַסרילעווקע[14].

אײנצאָל און מערצאָל: טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס, ברודער — ברידער, שוועסטער(ס), כאָסן — כאַסאַנים, קאַלעס, מאַן — מענער, מאַנען, פֿרויען, ווײַבער, שוואָגערס, פֿעטערס, מומעס, זון — זין, טאָכטער — טעכטער, איידעמס, שנור — שניר, קינדער, אייניקלעך, מעכוטן — מעכוטאָנים מעכוטענע־סטעס, כאַסענעס, קאָרעוו — קרויווים, כאַווער — כאַווײרים, שאָכן — שכײנים, מיידלעך, באָכערים.

Перевод: 1) кто эта женщина; 2) спрашивает его один из актеров; 3) отвечает Ной; 4) ты не знаешь; 5) мою Сорэ-Перл; 6) а эта? 7) сестренка жены; 8) а кто этот молодой человек?; 9) это её жених; 10) а кто эта девушка?; 11) этот парень?; 12) а эта девушка?; 13) то есть; 14) «Новая Касриловка»; 15) невеста; 16) свадьба.

ער און זי

דער זיידע — די באָבע, דער טאַטע — די מאַמע, דער פֿעטער — די מומע, דער זון — די טאָכטער, דער כאָסן — די קאַלע, דער מאַן — די פֿרוי (דאָס ווײַב), דער שוועער — די שוויגער, דער שוואָגער — די שוועגערין, דער מעכוטן — די מעכוטענעסטע, דער איידעם — די שנור, דער קאָרעוו — די קרויווע, דער שאָכן — די שכײנע, דער באָכער — די באָכערטע, דאָס יינגל — דאָס מיידל.

סינאָנימען און האָמאָנימען[1]

סינאָנימען: דער טאַטע — דער פֿאָטער; די מאַמע — די מוטער; דער מוזיקאַנט — דער קלעזמער; דער סוינע[2] — דער פֿײַנט; די מילכאָמע — דער קריג; דער זיג — דער ניצאָכן; דער דערפֿאָלג — די האַצלאָכע; דער אַלמער[3] — דער שראַנק — די שאַפֿע; די דירע — די קוואַרטיר; דער שמאַק — דער טאַם; די שפּראַך[4] — דאָס לאָשן; די מישפּאָכע — די פֿאַמיליע — דאָס געזינד; מײַן — מער [מער — ווייניקער[5] זײַנען אַנטאָנימען].

האָמאָנימען: 1) דער טאַטע הייסט קאַלמען. ער הייסט[6] גיין אַהיים; 2) איר ווערט זײַן אין זײַן בריי־גאַדע; 3) און איר ווערט זײַן אין איר[7] קאָמפּאַניע; 4) זייער אַרבעט איז זייער וויכטיק; 5) דער זון[8] וואַרעמט זיך[9] אויף דער זון[10].

Перевод: 1) *синонимы* — слова, близкие, сходные по значению; *омонимы* — слова, одинаковые по звучанию, но различные по значению; 2) враг; 3) шкаф; 4) язык; 5) больше — меньше; 6) велит; 7) в её компании; 8) сын; 9) греется; 10) на солнце.

Беседа — א שמועס

Мой дом	מײַן שטוב
— Вот здесь я живу.	— אָט דאָ וווין איך.
— Вы здесь давно живете?	— איר ווױנט דאָ לאַנג?
— Уже давно. Двадцать три года.	— שוין לאַנג. דרײַ און צוואַנציק יאָר.
— У Вас хорошая квартира?	— האָט איר א גוטע דירע?
— Три комнаты с кухней.	— דרײַ כאַדאָרים מיט א קיך.
— Отдельная квартира?	— א באַזונדערע דירע?

— Отдельная.	— אַ באַזונדערע.
— Ваши родители еще живы?	— אײַערע עלטערן לעבן נאָך?
— Да, отец даже еще работает.	— יאָ, דער טאַטע אַרבעט נאָך אַפֿילו.
— Они живут вместе с Вами?	— זיי וווינען אינאיינעם מיט אײַך?
— Нет, они живут отдельно, довольно далеко от меня.	— ניין, זיי וווינען באַזונדער, גאַנץ ווײַט פֿון מיר.
— Где, в каком районе?	— וווּ, אין וועלכן ראַיאָן?
— Возле Измайловского парка. У них тоже отдельная квартира со всеми удобствами.	— לעבן דעם איזמײַלאָווער פּאַרק. זיי האָבן אויך אַ באַזונדערע דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.
— На каком этаже Ваша квартира?	— אויף וואָסער שטאָק איז אײַער דירה?
— На пятом.	— אויף דעם פֿינפֿטן.
— Лифт есть?	— אַ ליפֿט איז פֿאַראַן?
— Да, но он работает только до одиннадцати. Это очень неудобно. Часто приходится карабкаться пешком на пятый этаж.	— יאָ, ער אַרבעט אָבער נאָר ביז עלף. דאָס איז זייער ניט באַקוועם. אָפֿט קומט אויס צו קלעטערן צופֿוס אויפֿן פֿינפֿטן עטאַזש.
— У меня лифт работает круглые сутки. Но у нас другое неудобство: нет телефона. В конце года, говорят, уже будет, но пока неудобно.	— בײַ מיר אַרבעט דער ליפֿט אַ גאַנצן מעת־לעת. בײַ אונדז איז אָבער אַן אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייט: ניטאָ קיין טעלעפֿאָן. סוף יאָר, זאָגט מען, וועט שוין זײַן, אָבער דערווײַל איז ניט באַקוועם.
— Вам приходится далеко ездить на работу?	— אײַך קומט אויס ווײַט צו פֿאָרן אויף דער אַרבעט?
— Полчаса автобусом.	— אַ האַלבע שעה מיטן אויטאָבוס.
— А я ежедневно трачу два часа на дорогу туда и обратно.	— און איך פֿאַרטער יעדן טאָג צוויי שעה פֿאָרן אויף דער אַרבעט אַהין און צוריק.
— Вы сегодня будете в клубе на вечере?	— איר וועט הײַנט זײַן אין קלוב אויף דעם אָוונט?
— Конечно. Вечер о нашей победе мне очень дорог (мне очень по душе).	— אַוודאי. אַן אָוונט וועגן אונדזער זיג איז מיר זייער טײַער (איז מיר זייער צום האַרצן).
— Вы будете выступать?	— איר וועט אַרויסטרעטן?
— Да, я расскажу о Брестской крепости во время войны.	— יאָ, איך וועל דערציילן וועגן דער בריסקער פֿעסטונג בײַם דער מלחמה.
— Желаю Вам успеха.	— איך ווינטש אײַך דערפֿאָלג.
— Большое спасибо.	— אַ גרויסן דאַנק.
— Будьте здоровы!	— זײַט מיר געזונט!
— Всего доброго!	— אַלדאָס גוטס!

אויפֿגאַבעס

1. ווי הייסן די ביינפֿאָרמען פֿון אַ סובסטאַנטיוו?
2. וועלכע[1] פֿונקציעס האָט אין זאַץ אַ נאָמינאַטיוו, און וועלכע — אַן אַקוזאַטיוו?
3. וועלכע ביינפֿאָרמע קומט נאָך אַ פּרעפּאָזיציע?
4. ווען איז „דער מאַמען, דער באָבען", און ווען — „די מאַמע, די באָבע"?
5. ווײַז אָן די פֿאַרפֿעמעס בײַ די ווערטער: פֿערדל, באַטאָג, באַנאַכט, יאָרן, שלאָפֿן, שלאָפֿס, לייענען, באַהאַלטן, דערגיסן, פֿאַרשטיין, שרײַבט, פֿאַרשרײַבן, שאַכמאַט, באַכערס, קינדער, שפּרינגען, טרינקען, זעט, גיט, האַרמאָנען.

טוט עס אַזוי: פֿערד־ל, באַ־טאָג...

6. שטרײַכט אונטער[2] אין די ווערטעריקע זאַץ די נאָמינאַטיוון מיט איין ליניע[3], די אַקוזאַטיוון — מיט צוויי, די דאַטיוון — מיט דרײַ.

מיר רופֿן זיי. און זיי רופֿן אונדז. מיר גייען צו זיי, און זיי גייען צו אונדז. ער שלאָגט מיך, אָבער[4] איך הער אים ניט. איך לאָז פֿון אים. מיר געפֿעלט דער ראָמאַן. ער איז בעסער, איידער די דערציילונג (ער איז בעסער פֿון דער דערציילונג). איך שיק אײַך דעם ראָמאַן און די דערציילונג.

7. זעצט איבער אין יידיש די ווערטעריקע זאַץ.

Мой сосед скрипач, а моя соседка певица. Они мои родственники. Он играет в театре. Сегодня он не играет. Она сегодня тоже не поет. Они будут у меня. Мы будем вместе читать.

Перевод: 1) какие; 2) подчеркните; 3) одной линией; 4) но, однако.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

פּערזאָניקער ווערב[1]

1. איך	זאָג[2]	ווײַז[3]	היט[4]	באָד[5]	עס[6]	מעסט[7]	האָב[8]	גיב[9]	זע[10]	נעם[11]
2. דו	זאָגסט	ווײַזסט	היטסט	באָדסט	עסט	מעסט	האָסט	גיסט	זעסט	נעמסט
3. ער, זי, עס	זאָגט	ווײַזט	היט	באָדט	עסט	מעסט	האָט	גיט	זעט	נעמט
4. מיר	זאָגן	ווײַזן	היטן	באָדן	עסן	מעסטן	האָבן	גיבן	זעען	נעמען
5. איר	זאָגט	ווײַזט	היט	באָדט	עסט	מעסט	האָט	גיט	זעט	נעמט
6. זיי	זאָגן	ווײַזן	היטן	באָדן	עסן	מעסטן	האָבן	גיבן	זעען	נעמען

איך גיס[12], דו (ער, זי, עס, איר) גיסט, מיר (זיי) גיסן; איך ווייס[13], דו (ער, זי, עס, איר) ווייסט, מיר (זיי) ווייסן; איך הוסט[14], דו (ער, זי, עס, איר) הוסט, מיר (זיי) הוסטן; איך רייד[15], דו רעדסט, ער (זי, עס, איר)רעדט,מיר (זיי) ריידן.

א פּערזאָניקער ווערב האָט די פלעקסיעס[16] „ט", „סט", „ן" אָדער „ען". די ערשטע פּערזאָן אײנצאָל[17] איז אָן א פלעקסיע[18] און איז די באַזע פונעם ווערב[19]. א פּרעפיקס אָדער א סופיקס קאָן בײַ דער באַזע זײַן[20]. לעמאָשל:

1) איך האַלט[21] — באַהאַלט[22], דערהאַלט[23], פאַרהאַלט[24]; איך נעם — באַנעם[25], פאַרנעם[26], צענעם[27];

2) רעמאָנט — איך רעמאָנטיר (סופיקס „יר"); איך אָרגאַניזיר (סופיקס „יזיר"); איך רייניק[28] (סופיקס „יק").

Перевод: 1) личный глагол (спрягаемые формы); 2) говорю; 3) показываю; 4) берегу, храню; 5) купаю; 6) ем, кушаю; 7) мерю, измеряю; 8) имею; 9) даю; 10) вижу; 11) беру; 12) лью; 13) знаю; 14) кашляю; 15) говорю, разговариваю; 16) имеет окончания; 17) первое лицо в единственном числе; 18) без окончания; 19) основа глагола; 20) приставка или суффикс может быть у основы; 21) держу; 22) прячу, хороню; 23) получаю; поддерживаю; 24) задерживаю; 25) воспринимаю; обираю; 26) занимаю; 27) разнимаю, разбираю; 28) чищу (основа — «рейн» — чисто).

די פלעקסיע „ען" איז בײַ ווערבן[1], וואָס זייער באַזע האָט צום סוף פאָלגנדיקע קלאַנגען[2]:

1) „מ" אָדער „נ": נעמ־ען, קומ[3]־ען, קרימ[4]־ען, רימ[5]־ען, שווימ[6]־ען, שטימ[7]־ען, געווינ[8]־ען, געפינ[9]־ען, דינ[10]־ען, וווינ[11]־ען, וויינ[12]־ען, לייענ[13]־ען, לערנ[14]־ען, רינ[15]־ען;

2) „נג" אָדער „נק": ברענג[16]־ען, דינג[17]־ען, זינג[18]־ען, קלינג[19]־ען, שלינג[20]־ען, שפּרינג[21]־ען; הינק[22]־ען, ווינק[23]־ען, טרינק[24]־ען, שווענק[25]־ען, שענק[26]־ען;

3) „ל", ווען פאַר אים איז א קאָנסאָנאַנט[27]: האַנדל[28]־ען, וויקל[29]־ען, זידל[30]־ען, טומל[31]־ען, טרייסל[32]־ען מורמל[33]־ען, פּרעגל[34]־ען;

4) אין אַקצענטירטן וואָקאַל אָדער אין אַקצענטירטן דיפטאָנג[35]: זע[36]־ען, ברי[37]־ען, פלי[38]־ען, טו[39]־ען, רו[40]־ען, גיי[41]־ען, זיי[42]־ען, שטיי[43]־ען, בוי[44]־ען, לײַ[45]־ען, קײַ[46]־ען, שפּײַ[47]־ען, שרײַ[48]־ען.

בײַ אײניקע ווערבן[49] איז בײַ „מיר" און „זיי" די פלעקסיע „נען": האַרגע[50]־נען, כאַנפע[51]־נען, כאַסמע[52]־נען.

די פאַרזאָניקע ווערבן „אַנטוואָפן[53], באַוואָפן[54], וואָרן[55], טריקן[56], עפן[57], צייכן[58], רעכן[59]" זײַנען בײַ „מיר" און „זיי" — אַנטוואָפענען, באַוואָפענען, וואָרענען, טריקענען, עפענען, צייכענען, רעכענען. אַזוי איז אויך, ווען זיי קומען מיט פּרעפיקסן: איך באַרעכן[60] — מיר (זיי) באַרעכענען, איך פאַרצייכן[61] — פאַרצייכענען...

Перевод: 1) окончание «эн» бывает у личных глаголов; 2) основа которых имеет в конце следующие звуки; 3) прихожу; 4) кривлю; 5) хвалю; 6) плаваю; 7) голосую; 8) выигрываю; 9) нахожу; 10) служу; 11) живу (в квартире), обитаю; 12) плачу; 13) читаю; 14) учу, обучаю; 15) протекаю; 16) приношу; 17) нанимаю; 18) пою; 19) звоню, звеню; 20) глотаю; 21) прыгаю; 22) хромаю; 23) мигаю; 24) пью; 25) полощу; 26) дарю; прошаю; 27) звук «л» с согласным перед ним; 28) действую; торгую; 29) пеленаю; 30) ругаю, браню; 31) шумлю; 32) трясу; 33) бормочу; 34) жарю; варю (варенье); 35) ударный гласный или ударный дифтонг; 36) вижу; 37) топлю (молоко); 38) лечу; 39) делаю; 40) отдыхаю; 41) иду, хожу; 42) сею; 43) стою; 44) строю; 45) одалживаю; даю в долг; 46) жую; 47) плюю; 48) кричу; 49) у некоторых глаголов; 50) бью; убиваю; 51) льщу; 52) подписываю; 53) разоружаю; 54) вооружаю; 55) предупреждаю, предостерегаю; 56) сушу; 57) открываю; 58) черчу; 59) считаю; 60) сосчитываю; рассчитываю; 61) отмечаю, записываю.

איך נעם, וואָס[1] ער גיט (זיי גיבן) מיר. מיר נעמען, וואָס ער גיט (זיי גיבן) אונדז. ער זאָגט, וואָס ער ווייסט[2]. ער ווייסט, וואָס ער זאָגט. דו גייסט הײַנט אין טעאַטער? יאָ[3], איך גיי. און מאָרגן גייסטו (גייסט דו) אויך? ניין[4]. מאָרגן אַרבעט איך שפּעט[5]. אַז עס ברענט באַם (בײַ דעם) שכן[6], ביסטו (ביסט דו) אויך אין א סאַקאָנע[7]. האָסטו (האָסט דו) וויסן[8] — וואָס פעלט דיר?[9] פעלט דיר וויסן — וואָס האָסטו?

וווּ[10] שטייסטו (שטייסט דו)? — אויף דער גאַס[11]. וואָס טרינקסטו? — עפּלקוואַס[12]. וואָס עסטו? — בייגעלעך[13], וואָס כאַפּסטו?[14] — פייגעלעך[15].

דאָס וואָרט „ניט“[16] קומט אין יידיש נאָך דעם פערזאָניקן ווערב[17]. לעמאָשל:

א בלינדער[18] זעט ניט. א טויבער הערט ניט[19]. א שטומער[20] רעדט ניט. א טויטע קו[21] גיט ניט קיין מילך[22]. אן אַלטער כאַפּט ניט קיין פליגן[23]. א הונט, וואָס בילט, בײַסט ניט[24]. עמעסע פרײַנט[25] כאַנפענען ניט. אן אָשירער האָט ניט קיין יױשער[26].

מיט די פיס גיי איך, אויף די פיס שטיי איך. מיט די הענט נעם איך און גיב. מיט די אויגן זע איך. מיט די אויערן הער איך. מיטן (מיט דעם) מויל רייד איך. מיט די ציינער[27] בײַס איך[28]. מיטן האַרץ פיל איך[29]. מיט די הענט און מיטן קאָפּ[30] טו איך זייער א סאַך אַרבעטן[31].

שרײַבט אָן[32] די לעצטע זאַצן[33] ניט מיט „איך“, נאָר מיט „מיר“ (מערצאָל). דערנאָך[34] — אין דער צווייטער פערזאָן[35] איינצאָל (דו).

Перевод: 1) что; 2) что он знает; 3) да; 4) нет; 5) поздно; 6) когда горит сосед (у соседа); 7) и ты в опасности; 8) обладаешь (имеешь) знанием; 9) чего тебе не хватает?; 10) где; 11) на улице; 12) яблочный квас; 13) сушки, маленькие баранки; 14) что ты ловишь?; 15) птичек; 16) слово «нит» (не); 17) ставится (бывает) в идише после личного глагола (или поодаль); 18) слепой; 19) глухой не слышит; 20) немой; 21) дохлая корова; 22) не дает молока; 23) не ловит мух; 24) собака, которая лает, не кусает; 25) истинные друзья; 26) богач не имеет совести (справедливости); 27) зубами; 28) кусаю; 29) сердцем чувствую; 30) головой; 31) делаю очень много работ; 32) напишите; 33) последние предложения; 34) затем; 35) во втором лице.

פערזאָניקער ווערב. קעגנוואַרט[1]. פרעדיקאַט[2].

א פערזאָניקער ווערב ווײַזט א טועכץ[3] אין קעגנוואַרט. ער איז אין זאַץ דער פרעדיקאַט[4] און שטימט מיטן סוביעקט אין פערזאָן און צאָל[5]. לעמאָשל: ער עסט בייגעלעך, זיי כאַפּן פייגעלעך.

ניט ווײַט פונעם הויז, וווּ איך וווין[6],
שטייט ער, דער זעלטענער בוים[7].
מיך טראָגן אַהין מײַנע פיס[8],
און שטענדיק פון אים איך גענים[9].

שיפרע כאָלאָדענקאָ

Перевод: 1) настоящее время; 2) сказуемое; 3) показывает действие; 4) является в предложении сказуемым; 5) согласуется с подлежащим в лице и числе; 6) недалеко от дома, где (в котором) я живу; 7) редкое дерево; 8) меня несут туда мои ноги; 9) и постоянно им наслаждаюсь (вкушаю).

אַלס א סוביעקט קומט אין יידיש אָפט אן אומבאַשטימטער פראָנאָם „מען“[1]. לעמאָשל:
א קראַנקן טרעפט מען. א געזונטן גיט מען[2]. א קאַץ שיקט מען ניט נאָך פוטער[3]. וואָס ער זאָגט, הערט מען ניט. אַז ער הייסט[4], טוט מען, גייט מען.
ווען דער אומבאַשטימטער פראָנאָם קומט פאַרן (פאַר דעם) ווערב[5], זאָגט מען ניט „מען“, נאָר „מע“[6]. לעמאָשל:
אַז מע זייט — וואַקסט[7]. אַז מע האַקט האָלץ, פליען שפענער[8]. אַז מע לאַכט[9], זעען אַלע[10], אַז מע וויינט, זעט קיינער[11]. וואָס מע גיט איר, עסט זי. וואָס און ווען מע דערלאַנגט איר[12], טרינקט זי[13] און וואָס פאַר א קלייד מע ווילט[14], טוט זי אָן[15].
רוסישע זאַצן פונעם טיפ:

Стучат. Звонят. Поют. Читают. Голосуют. Летят. Открывают —

זאָגט מען אין יידיש: מע קלאַפּט. מע קלינגט. מע זינגט. מע לייענט. מע שטימט. מע פליט. מע עפנט.
א פערזאָניקער ווערב איז אין זאַץ געוויינטלעך[15] אויפן צווייטן אָרט (דער צווייטער זאַצגליד)[16].

ניט ריכטיק	ריכטיק[17]
איך הײַנט גיי אין קאָנסערוואַטאָריע.	איך גיי הײַנט אין קאָנסערוואַטאָריע.
הײַנט איך גיי אין קאָנסערוואַטאָריע.	הײַנט גיי איך אין קאָנסערוואַטאָריע.
אין קאָנסערוואַטאָריע איך גיי הײַנט.	אין קאָנסערוואַטאָריע גיי איך הײַנט.

אין א זאַץ, וואָס איז געבונדן[18] מיט א פאָריקן זאַץ[19], קומט דער פערזאָניקער ווערב אויפן ערשטן אָרט[20]. לעמאָשל:
ווען מע עסט, רעדט מען ניט. אַז מע האַקט האָלץ, פליען שפענער. אַז עס ברענט באַם שכן, ביסטו אויך אין א סאַקאָנע. וואָס מע גיט איר, עסט זי.
אויב[21] דער זאַץ איז ניט געבונדן מיט א פאָריקן און דער פערזאָניקער ווערב איז אויפן ערשטן אָרט, קומט פאַר אים א פאַרטיקל[22] „עס“ אָדער „סע“. לעמאָשל:

עס רויִשן די רעדער[23]. עס טראָגן מיך[24] מײַנע פֿיס. עס גייט שוין א רעגן[25]. אָבער: די רעדער רויִשן, מײַנע פֿיס טראָגן מיך. דער רעגן גייט שוין (אין די לעצטע זאַצן[26] איז קיין „עס" ניטאָ)[27]. א פּאַרטיקל „עס" אָדער „מע" קומט אויך אין אַזעלכע פֿאַלן[28]: עס דונערט[29]. עס רעגנט[30]. עס טאָגט שוין[31].

Перевод: 1) в качестве подлежащего в идише часто бывает неопределенное местоимение «мен»; 2) больного спрашивают, здоровому дают; 3) кошку не посылают за маслом; 4) когда (если) он велит; 5) при постановке этого местоимения перед глаголом; 6) оно произносится с усечением (не «мен», а «ме»); 7) когда (если) сеют — растет; 8) дрова рубят, щепки летят; 9) когда смеются; 10) все; 11) никто; 12) что и когда ей подают; 13) и какое платье хотят (угодно); 14) она надевает; 15) обычно; 16) на втором месте (второй член предложения); 17) правильно, верно; 18) в предложении, связанном; 19) с предыдущим предложением; 20) личный глагол находится на первом месте; 21) если; 22) перед ним ставят частицу; 23) шумят колёса; 24) несут меня мои ноги; 25) уже идет дождь; 26) в последних предложениях; 27) нету; 28) в таких случаях; 29) гремит; 30) дождит; 31) уже светает.

באַפֿעל־פֿאָרמע[1]

א ווערבאַלע באַזע (אָן „ן")[2] דינט אויך[3] אַלס א באַפֿעל (פֿאַרלאַנג, באַקשה, דערלויבעניש)[4]. למשל: נעם די ביכער[5] און גיי אַהיים. גיי, טאָכטער, גיב אים טיי. רוף מיך נאַר און גיב מיר לעקעך[6]. פֿרעג ניט דעם רופֿא[7] — פֿרעג דעם כוילע[8].

אין מערצאָל האָט די באַפֿעל־פֿאָרמע א פֿלעקסיע „ט": נעמט די ביכער און גייט אַהיים. גייט, טעכטער[9], גיט אים טיי. רופֿט מיך נאַר און גיט מיר לעקעך. פֿרעגט ניט דעם רופֿא — פֿרעגט דעם כוילע.

אָבער „בין" איז א פּערזענלעכער ווערב, און די באַפֿעל־פֿאָרמע איז „זײַ, זײַט": איך בין בײַ די קינדער. זײַ(ט) אויך בײַ זיי. איך בין א פֿידלער. זײַ אויך א מוזיקאַנט.

ווער זײַנען מיר?[10] בײַם לאַנד — די פֿרײַע היטערס[11].
ווער זײַנען מיר? בײַם פֿאָלק — די טרײַע ריטערס[12].
ווער זײַנען מיר? די שאָמרים פֿון די שענסטע גיטערס[13].
זײַ פֿעסטער, פֿוס![14] זײַ, האַנט, געניטער![15]
פֿאַרשטאָל זיך, לײַב, אין פֿלאַם־געוויטער![16]

עזרא פֿינינבערג

Перевод: 1) повелительная; 2) глагольная основа (без «н»); 3) служит также; 4) в качестве повеления (желания, просьбы, дозволения); 5) возьми книги; 6) зови меня дураком и дай мне медовый пряник; 7) не спрашивай у врача; 8) спроси больного; 9) дочери; 10) кто мы есть (кто мы такие?); 11) у страны — свободные хранители; 12) у народа — верные, преданные рыцари; 13) сторожа красивейших хозяйств (имений); 14) будь прочнее (устойчивее), нога; 15) будь, рука, опытнее; 16) закались, тело, в пламенной грозе.

די פּערזאָנעלע ווערבן „דאַרף[1], וויל[2], זאָל[3], טאָר[4], טויג[5], מוז[6], מעג (מאָג)[7], קען[8], קען[9], קער[10]" זײַנען אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָל[11] אָן דער פֿלעקסיע „ט". למשל:

ער (זי) דאַרף שרײַבן[12], נאָר ער (זי) האָט ניט קיין פּאַפּיר[13]. ער דאַרף פּאַפּיר[14]. ער וויל גיין[15], נאָר ער קען ניט[16]. זאָג אים, ער זאָל ניט שרײַען[17]; ער טאָר ניט[18]. ער טויג צו דער אַרבעט[19]. ער קען דאָ מער ניט זײַן[20]: ער מוז גיין[21]. ער מעג אַלץ עסן[22]. איצט קען ער שוין גיין[23]. ער קען אַלע קרובֿים[24]. ער קער מיר זײַן אַן אייגענער[25].

די אָנגעוויזענע ווערבן[26] (דאַרף, וויל...) קומען ניט אין דער באַפֿעל־פֿאָרמע.

צו הערינג דאַרף מען ניט קיין זאַלץ און צו גריוון (גריבענעס) קיין שמאַלץ. מע דאַרף עסן, אָבער ניט פֿרעסן[27]. אַז מע דאַרף פֿײַער[28], זוכט מען עס אין אַש[29]. וווּ מע דאַרף מויעך[30], העלפֿט ניט קיין קויעך[31]. וווּ מע דאַרף צוקער[32], טויג ניט קיין זאַלץ[33]. אויף א וווּנד[34] טאָר מען קיין זאַלץ ניט שיטן[35]. אַז מע קען ניט[36] — רעדט מען ניט. א קראַנקער מוז וויסן[37], וואָס ער מעג עסן און וואָס ער טאָר ניט[38]. זאָל זײַן מיט א גערעכטס ווייניקער[39]. אַבי גיך[40]. עס קער שוין זײַן שפּעט[41]. אַז מע קען ניט, ווי מע וויל[42], מוז מען וועלן, ווי מע קען[43].

Перевод: 1) должен; нужно; 2) хочу, желаю; 3) пусть; 4) могу (обычно с «не»); 5) гожусь; 6) должен, обязан; 7) могу; имею право; 8) могу, умею; 9) знаю; 10) возможен; принадлежу; 11) в третьем лице единственного числа; 12) должен (должна) писать; 13) нет бумаги; 14) нужна бумага; 15) хочет (желает) идти; 16) но не может; 17) чтобы не кричал (пусть не кричит); 18) ему нельзя; 19) годен для этой работы; 20) не может здесь больше (дальше) быть; 21) он должен идти (ему следует идти); 22) ему можно всё кушать; 23) теперь он уже может идти; 24) он знает всех родственников; 25) он может быть мне родным; 26) указанные глаголы; 27) надо есть, но не жрать; 28) когда нужен огонь; 29) его ищут в золе; 30) где нужен ум; 31) сила не поможет (не помогает); 32) сахар; 33) соль не годится; 34) на рану; 35) нельзя сыпать соль; 36) если не знают; 37) больной должен знать (больному следует знать); 38) что ему можно кушать и что нельзя; 39) пусть будет одним блюдом меньше; 40) лишь бы быстро; 41) вероятно (должно быть), уже поздно; 42) когда не могут (нельзя), как хотят; 43) следует хотеть по возможности (как умеют).

יצחק־לייבוש פּערעץ (1851—1915)

דו פרעגסט, פאַרוואָס עס איז אזוי שלעכט? פאַרוואָס עס ווערט אַלעמאָל ערגער? עס איז אַן איינפאַכע זאַך: לייג צו דײַנע לאַנגע אויערן: ווער שטעלט דעם פּרײַז פון דעם וועבערס אַרבעט? דער וועבער מיט זײַן ברויטגעבער! דער וועבער וויל ווי־ס׳איז מענטשלעך לעבן, און דעריבער — ווי מעגלעך טײַערער פאַרקויפן זײַן אַרבעט; זײַן ברויטגעבער, ווידער, וויל וואָס מער פאַרדינען און דעריבער וואָס ווייניקער צאָלן פאַר דער אַרבעט. איז דאָ א סך אַרבעט און ווייניק וועבער, מוז דער פאַבריקאַנט צאָלן, וויפל דער וועבער וויל; איז אָבער דאָ א סך וועבער און ווייניק אַרבעט, איז, פאַרקערט, מוז דער וועבער נעמען, וויפל דער ברויטגעבער גיט אים. און וועבער ווערט טאָגטעגלעך מער. די צאָל וואַקסט ווי אויף הייוון... די כאָכמע ווייסן שוין די קינדער אין דער וויג...

(„וועבער־ליבע“. דריטער בריוו)

Ты спрашиваешь, почему так плохо? Почему становится всё хуже? Это простое дело (вещь). Приложи свои длинные уши: кто устанавливает цену работы ткача? Ткач со своим хлебодателем! Ткач желает как-нибудь по-человечески жить, и поэтому — как можно дороже продать свою работу; а его хлебодатель хочет как можно больше заработать и поэтому как можно меньше платить за работу. Если работы много, а ткачей мало, фабриканту приходится платить, сколько ткач желает; если же много ткачей и мало работы, то, наоборот, ткач вынужден брать, сколько ему хлебодатель дает. А ткачей ежедневно становится всё больше, количество (число) растёт как на дрожжах... Эту мудрость уже знают дети в люльке...

(«Любовь ткача». Третье письмо).

אופגאבעס

1. ברענגט די ווײַטערדיקע פּערזאָניקע ווערבן אין מערצאָל (מיטן פּראָנאָם „מיר“).
(איך) הער, האַלט, הוסט, זע, קום, נעם, וווין, לייען, שרײַב, קלינג, זינג, האַנדל.
2. ברענגט די פאַריקע פּערזאָניקע ווערבן מיטן פּראָנאָם „דו“.
3. ברענגט די ווײַטערדיקע זאַצן אין מערצאָל. לעמאָשל: בלינדע זעען ניט.
א בלינדער זעט ניט. א טויבער הערט ניט. א שטומער רעדט ניט. אַן אָדלער כאַפּט ניט קיין פליגן. אַן עמעסער מענטש כאַנפעט ניט. א טויטע קו (אין מערצאָל: קי) גיט ניט קיין מילך. א הונט (אין מערצאָל: הינט), וואָס בילט, בײַסט ניט.
4. ברענגט אין מערצאָל די סובסטאַנטיוון: טאָג, נאַכט, וואָך, כוידעש, יאָר; קאָפּ, נאָז, מויל, צונג, האַנט, פוס; שאָכן, קאָרעוו, כאַווער, באָכער, כאָסן; טאַטע, מאַמע, זיידע, באָבע, קאַלע, ווײַב.
5. ברענגט די ווײַטערדיקע סובסטאַנטיוון מיט ווערבן: די דערציילונג, דער כאַווער, די זינגערין, דער פידלער, דער בעלעכעסער, די מילכאָמע, דער זיג, דער מינע, די כאַקאַנע, דער וועבער.
6. ברענגט זאַצן מיט די פּרעפּאָזיציעס: אויף, אין, אַן, וועגן, לעבן, מיט, נאָך, פון, צו. לעמאָשל: איך בין געווען אויף א מיטינג (קאָנצערט, לעקציע...); איך אַרבעט אין...; מײַן ברודער אַרבעט אין...

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Формы времен — צײטפארמעס

I. קעגנוואַרט[1]: איך שרײב[2], דו שרײבסט, ער (זי, עס) שרײבט, מיר שרײבן, איר שרײבט, זײ שרײבן;

II. צוקונפט[3]: איך וועל[4], דו וועסט, ער (זי, עס) וועט, מיר וועלן, איר וועט, זײ וועלן + שרײבן.

קעגנוואַרט ווערט געוויינטלעך אויסגעדריקט[5] דורך א פערזאניקן ווערב[6]. א פערזאניקער ווערב האט די פלעקסיעס[7] — „־סט, ־ט, ־ן" אדער „־ען": איך נעם[8], דו נעמסט, ער (זי, עס) נעמט, מיר נעמען, איר נעמט, זײ נעמען.

די ערשטע פערזאן אײנצאל[9] איז אן א פלעקסיע[10] און איז די באזע פונעם ווערב[11]. א פרעפיקס אדער א סופיקס[12] קאן בא דער באזע זײן[13], לעמאשל:

1) איך שרײב — באשרײב[14], דערשרײב[15], פארשרײב[16]; איך נעם — באנעם[17], דערנעם[18], פארנעם[19], צענעם[20];

2) איך רעמאנטיר[21] (סופיקס „־יר"), ארגאניזיר (סופיקס „־יזיר"), קלאסיפיציר (סופיקס „־יפיציר"), רײניק (סופיקס „־יק")[22].

די פלעקסיע „־ען" איז בא ווערבן[23], וואס זײער באזע האט צום סאף פאלגנדיקע קלאנגען[24]:

1) „מ" אדער „נ": נעמ־ען, קומ[25]־ען, שטימ[26]־ען, געפינ[27]־ען, לײענ[28]־ען, לערנ[29]־ען;

2) „נג" אדער „נק": ברענג[30]־ען, זינג[32]־ען, קלינג[31]־ען; טרינק[33]־ען, שווענק[34]־ען, שענק[35]־ען;

3) „ל", וואס פאר אים איז א קאנסאנאנט[36]: האנדל[37]־ען, זידל[38]־ען, טרײסל[39]־ען, פרעגל[40]־ען;

4) אן אקצענטירטן וואקאל אדער אן אקצענטירטן דיפטאנג[41]: זע[42]־ען, טו[43]־ען, רו[44]־ען, פלי[45]־ען; גײ[46]־ען, זײ[47]־ען, קײ[48]־ען, שטײ[49]־ען, שרײ[50]־ען.

Перевод: 1) настоящее время; 2) я пишу; 3) будущее время; 4) я буду; 5) обычно выражается; 6) личным глаголом; 7) имеет окончания; 8) беру; 9) первое лицо в единственном числе; 10) без (не имеет) окончания; 11) является базой (основой) глагола; 12) приставка или суффикс; 13) может быть у основы; 14) описываю; 15) дописываю; 16) записываю; 17) воспринимаю, обираю; 18) добираю, донимаю; 19) занимаю; 20) разнимаю, разбираю; 21) ремонтирую; 22) чищу (корень «рейн» — чисто); 23) окончание «эн» бывает у глаголов; 24) основа которых имеет в конце следующие звуки; 25) прихожу; 26) голосую; 27) нахожу; 28) читаю; 29) учу, обучаю; 30) приношу; 31) звоню, звеню; 32) пою; 33) пью; 34) полощу; 35) дарю, прощаю; 36) звук «л» с согласным перед ним; 37) действую, торгую; 38) ругаю, браню; 39) трясу; 40) жарю, варю (варенье); 41) ударный гласный или ударный дифтонг; 42) вижу; 43) делаю; 44) отдыхаю; 45) лечу; 46) иду, хожу; 47) сею; 48) жую; 49) стою; 50) кричу.

צוקונפט

די סטרוקטור פון צוקונפט[1] איז הילפווערב „וועל" (וועסט...) + אינפיניטיוו[2]: איך וועל שרײבן, וועל נעמען, וועל באנעמען, וועל דערנעמען, וועל פארנעמען, וועל צענעמען... וועל רעמאנטירן, וועל רײניקן...

אן אינפיניטיוו און א פערזאניקער ווערב בא „מיר" און „זײ" זײנען ענלעך[3]: מיר (זײ) נעמען, איך וועל נעמען; מיר (זײ) קומען, איך וועל קומען; מיר (זײ) שטימען, איך וועל שטימען.

ניט ענלעך זײנען פאלגנדיקע ניין ווערבן[4]:

1) אינפיניטיוון: גײן, געבן[5], וויסן[6], וועלן[7], זײן[8], זען, טאן (טון)[9], שטײן, געשען[10];

2) פערזאניקע ווערבן: מיר (זײ) גײען, גיבן, ווײסן, ווילן, זײנען (זענען), זעען, טוען, שטײען, געשעען.

מיר ווילן וויסן[11], וואס ווײסן זײ ניט. אויב זײ וועלן וועלן[12], וועלן זײ וויסן. מיר גיבן זײ דאס[13], וואס מיר האבן[14]. מיר וועלן זען[15], וואס וועלן זײ אונדז געבן[16]. מיר טוען אלץ פאר אים[17]. און וואס וועט ער (זי) טאן?

1) קעגנוואַרט: מע זעט דאס ניט[18], מע הערט דאס ניט[19], מע שפירט[20] דאס ניט, מע נעמט דאס ניט. נאר לעבן קאן מען אן דעם ניט[21] (נאר לעבן קאן מען ניט אן דעם; נאר מע קאן אן דעם ניט לעבן). וואס איז דאס?[22] (לופט)[23].

2) צוקונפט: מע וועט דאס ניט זען, מע וועט דאס ניט הערן, מע וועט דאס ניט שפירן, מע וועט דאס ניט נעמען. נאר לעבן וועט מען ניט קאנען אן דעם (נאר לעבן וועט מען אן דעם ניט קאנען; נאר מע וועט ניט קאנען לעבן אן דעם). וואס איז דאס? (וואס וועט דאס זײן?).

באמערקונג. די אקצענטירטע קלאנגען און די סופיקסן זײנען אויסגעזעצט מיט קורסיוו.

Перевод: 1) структура будущего времени; 2) вспомогательный глагол «вел» (вест...)+инфинитив (неопределенная форма глагола); 3) похожи; 4) непохожи следующие девять глаголов; 5) да(ва)ть; 6) знать; 7) хотеть, желать; 8) быть; 9) делать; 10) совершаться, случаться; 11) мы хотим знать; 12) если они захотят; 13) мы им даем то; 14) что мы имеем (что у нас есть); 15) увидим; 16) что они нам дадут; 17) что мы имеем (что у нас есть); 18) этого не видать; 19) не слыхать; 20) не ощущать; 21) но жить без этого нельзя; 22) что это (такое); 23) воздух.

פאַרגאַנגענהייט און פילמאָליקע פאַרגאַנגענהייט[1]

פאַרגאַנגענהייט: איך האָב, דו האָסט, ער (זי, עס) האָט, מיר האָבן, איר האָט, זיי האָבן + געשריבן.

פילמאָליקע פאַרגאַנגענהייט: איך פלעג, דו פלעגסט, ער (זי, עס) פלעגט, מיר פלעגן, איר פלעגט, זיי פלעגן + שרײַבן.

די סטרוקטור פון פילמאָליקער פאַרגאַנגענהייט איז הילפֿווערב „פלעג" (פלעגסט...) + אינפיניטיוו[2]: איך פלעג פאַרשרײַבן[3], פלעג באַנעמען[4], פלעג באַגעגענען[5], פלעג באַגלייטן[6], פלעג געפינען[7].

די סטרוקטור פון פאַרגאַנגענהייט איז הילפֿווערב „האָב" (האָסט...) + פּאַרטיציפּ[8]: איך האָב פאַרשריבן[9], האָב באַנומען[10], האָב באַגעגנט[11], האָב באַגלייט[12], האָב געפונען[13].

בא א פּאַרטיציפּ איז געוויינטלעך[14] א פּרעפיקס „גע" און א סופיקס „ט" אָדער „(ע)ן".

א סך פּאַרטיציפּן האָבן א קלאַנגענבײַט אינעם וואָרצל[15]: וויסן — איך האָב געוווּסט, וועלן — איך האָב געוואָלט; נעמען — איך האָב גענומען; שרײַבן — איך האָב געשריבן.

1) קעגנוואָרט: א בלינדער[16] זעט ניט. א טויבער[17] הערט ניט. א שטומער[18] רעדט ניט. א טויטע קו[19] גיט ניט קיין מילך[20]. און אָדלער[21] כאַפּט ניט קיין פליגן[22].

2) צוקונפט: א בלינדער וועט ניט זען. א טויבער וועט ניט הערן. א שטומער וועט ניט ריידן. א טויטע קו וועט ניט געבן קיין מילך. און אָדלער וועט ניט כאַפּן קיין פליגן.

3) פאַרגאַנגענהייט: א בלינדער האָט ניט געזען. א טויבער האָט ניט געהערט. א שטומער האָט ניט גערעדט. א טויטע קו האָט ניט געגעבן קיין מילך. און אָדלער האָט ניט געכאַפּט קיין פליגן.

דער רעבע[23] פלעגט רימען[24] מײַן לעבעדיק קעפּל[25]
(אַזוי פלעגט ער זאָגן: א לעבעדיק קעפּל),
זײַן ווײַב[26] פלעגט מיר שענקען[27] געזויערטע עפּל[28]
(ווײַסרוסישע[29], שטאָפּע[30] אַנטאָנאָווער עפּל).
די טאָכטער[31] — פון יונגקייט צי מיידלשער צניעות[32] —
פלעגט קוקן אויף מיר[33] דורך פאַרשלייערטע וויִעס[34].

ש. האַלקין (א פראַגמענט)

Перевод: 1) прошедшее и многократное прошедшее; 2) структура многократного прошедшего — вспомогательный глагол «флэг» (флэгст)+инфинитив; 3) я записывал; 4) воспринимал; 5) встречал; 6) провожал; 7) находил; 8) вспомогательный глагол «hоб» (hост)+партиципп (причастие; его функции в идише и в русском различны); 9) записал; 10) воспринял; 11) встретил; 12) проводил; 13) нашел; 14) обычно; 15) многие партиципы имеют перегласовку в корне (слова); 16) слепой; 17) глухой; 18) немой; 19) дохлая корова; 20) не дает молока; 21) орел; 22) не ловит мух; 23) учитель в хедере — в религиозной школе; 24) хвалил (часто); 25) мою живую головку; 26) его жена; 27) дарила мне; 28) квашеные яблоки; 29) белорусские; 30) крепкие, твердые; 31) дочь; 32) от молодости или девичьей скромности (целомудрия); 33) глядела на меня; 34) сквозь завуалированные ресницы.

פּאַרטיציפּן מיט „בין"

איניקע פּאַרטיציפּן קומען אין פאַרגאַנגענהייט ניט מיטן הילפֿווערב „האָב" (האָסט...), נאָר מיטן הילפֿווערב „בין": איך בין, דו ביסט, ער (זי, עס) איז, מיר זענען (זענען), איר זענט (זענט), זיי זענען (זענען) + פּאַרטיציפּ. דאָס זענען די פּאַרטיציפּן פון פאָלגנדיקע ווערבן (אינפיניטיוון):

בלײַבן, גיין, געלינגען, גראָטן, געשען, דערשײַנען, הענגען, וואַקסן, ווערן, זינקען, זיצן, זײַן, טרעטן, לויפן, ליגן, פאַלן, פאַרשווינדן, פאָרן, פליִען, פרירן, קומען, קריכן, רינען, שווימען, שטאַרבן, שטיין, שטײַגן, שלאָפן, שפּרינגען;

איך בין (דו ביסט...) געבליבן, געגאַנגען, געלונגען, געראָטן, געשען, דערשינען, געהאַנגען, געוואַקסן, געוואָרן, געזונקען, געזעסן, געווען, געטראָטן, געלאָפן, געלעגן, געפאַלן, פאַרשוווּנדן, געפאָרן, געפלויגן, געפרוירן (געפרירן), געקומען, געקראָכן, גערונען, געשוווּמען, געשטאָרבן, געשטאַנען, געשטיגן (געשטיגן), געשלאָפן, געשפּרונגען.

דאָס זענען פּאַרטיציפּן פון שטייענדיקע ווערבן (אינטראַנזיטיווע — ווערבן, וואָס באַטײַטן מערסטנס א צושטאַנד, א באַוועגונג און קומען אָן דירעקטע אָביעקטן. פּאַרטיציפּן פון איבערגייענדיקע ווערבן (וואָס האָבן אָדער קאָנען האָבן דירעקטע אָביעקטן) קומען מיטן הילפֿווערב „האָב" (האָסט...). לעמאָשל:

1) שטייענדיקע ווערבן: זיצן — איך בין געזעסן; ליגן — איך בין געלעגן; פאָרן — איך בין געפאָרן; קומען — איך בין געקומען; שלאָפן — איך בין געשלאָפן;

2) איבערגייענדיקע ווערבן: זעצן — איך האָב געזעצט בלומען, די צײַטונגען; לייגן — איך האָב געלייגט דאָס קינד; פירן — איך האָב געפירט עקסקורסאַנטן, געשעפטן; באַקומען — איך האָב באַקומען געלט, ביכער; פאַרשלאָפן — איך האָב פאַרשלאָפן די לעקציע.

1) קעגנוואָרט: איך האָב ניט קיין פיס און גיי, איך האָב ניט קיין מויל און צייל, איך האָב ניט קיין האַנט און שלאָג (א זייגער).

2) פאַרגאַנגענהייט: איך האָב ניט געהאַט קיין פיס און בין געגאַנגען, איך האָב ניט געהאַט קיין מויל און האָב געציילט, איך האָב ניט געהאַט קיין האַנט און האָב געשלאָגן.

1) קענגוואַרט: אויף דעם באַנעוו ברענט דאָס היטל. דער, וואָס פֿרעגט, בלאָנדזשעט ניט. ווי מע דאַרף צוקער, טויג ניט קיין זאַלץ. אַז עס ברענט באַם שאָבן, ביסטו אויך אין אַ סאַקאַנע. אַ גאַסט קומט אויף אַ ווײַלע און זעט אויף אַ מײַל. ווען נייט אַ שנײַדער אומזיסט? ווען ער מאַכט ניט קיין קניפּל.

2) פֿאַרגאַנגענהײט: אויף דעם באַנעוו האָט געברענט דאָס היטל. דער, וואָס האָט געפֿרעגט, האָט ניט געבלאָנדזשעט. ווי מע האָט געדאַרפֿט צוקער, האָט ניט געטויגט קיין זאַלץ (האָט קיין זאַלץ ניט געטויגט). אַז עס האָט געברענט באַם שאָבן, ביסטו אויך געווען אין אַ סאַקאַנע. אַ גאַסט איז געקומען אויף אַ ווײַל און האָט געזען אויף אַ מײַל. ווען האָט אַ שנײַדער גענייט אומזיסט? ווען ער האָט ניט געמאַכט קיין קניפּל (ווען ער האָט קיין קניפּל ניט געמאַכט).

Перевод: 1) некоторые партиципы бывают; 2) не с вспомогательным глаголом «hоб», а с глаголом «бин» (бист...); 3) это партиципы следующих глаголов; 4) оста(ва)ться; 5) идти, ходить; 6) и 7) уда(ва)ться; 8) случаться, совершаться; 9) появляться; 10) висеть (вешать); 11) расти; 12) стать, становиться; 13) вязнуть, погружаться; 14) сидеть; 15) быть; 16) ступать; 17) бежать; 18) лежать; 19) падать; 20) исчезать; 21) ездить, ехать; 22) летать; 23) мерзнуть, зябнуть; 24) приходить, прибы(ва)ть; 25) лазить, ползать; 26) течь, протекать; 27) плавать; 28) умирать; 29) стоять; 30) подниматься, возрастать; 31) спать; 32) прыгать, скакать; 33) непереходные глаголы; 34) обозначающие большей частью; 35) состояние, (пере)движение; 36) без прямого дополнения; 37) переходных; 38) которые имеют или могут иметь; 39) сажать, набирать; 40) цветы, газету; 41) класть; 42) ребенка; 43) везти, вести; 44) дела; 45) получать; 46) деньги, книги; 47) проспать; 48) на воре шапка горит; 49) тот, кто спрашивает, не блуждает; 50) гость приходит на короткое время; 51) и видит далеко (на милю); 52) когда портной шьёт бесплатно, даром; напрасно, зря; 53) когда не делает узелка (в идише здесь игра слов: шьет бесплатно — шьет зря).

פּאַרטיציפּן פֿון ווערבן מיט פּרעפֿיקסן

פּאַרטיציפּן פֿון ווערבן מיט פּרעפֿיקסן זײַנען אָן דעם פּאַרטיציפּיש „גע". לעמאָשל: אַנטלויפֿן — איך בין אַנטלאָפֿן; באַשרײַבן — איך האָב באַשריבן; געדענקען — איך האָב געדענקט; דעריאָגן — איך האָב דעריאָגט; פֿאַרקויפֿן — איך האָב פֿאַרקויפֿט; צוגעבן — איך האָב צוגעבן.

„צוגעבן" קאָן זײַן אַן אינפֿיניטיוו און אַ פּאַרטיציפּ: איך וועל (פֿלעג) צוגעבן — איך האָב צוגעבן. אַזוי איז אויך „דערגעבן": איך וועל (פֿלעג) דערגעבן — איך האָב דערגעבן. אָבער אַ פּערזאָניקער ווערב איז: מיר (זיי) צוגיבן, דערגיבן.

„באַקומען" קאָן זײַן אַ פּערזאָניקער ווערב, אַן אינפֿיניטיוו און אַ פּאַרטיציפּ: מיר (זיי) באַקומען — איך וועל (פֿלעג) באַקומען — איך האָב באַקומען. אַזוי איז אויך „פֿאַרגעסן": מיר (זיי) פֿאַרגעסן — איך וועל (פֿלעג) פֿאַרגעסן — איך האָב פֿאַרגעסן. אַזוי איז אויך „צעטראָגן".

די ווערבן „הערן" און „געהערן" זײַנען אין פּאַרטיציפּ — געהערט; „דענקען" און „געדענקען" זײַנען אין פּאַרטיציפּ — געדענקט. די ווערבן „געבאָרן (געבוירן)", געווינען, געפֿינען זײַנען אין פּאַרטיציפּ — געבאָרן (געבוירן), געווונען, געפֿונען. פֿון „עסן" און „צעעסן" זײַנען די פּאַרטיציפּן — געגעסן און צעגעסן.

אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט, אַז אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ קרומער איז גיך געלאָפֿן.

איצט געהערט די שטוב דער פֿאַבריק. און וועמען האָט זי געהערט ביז דער רעוואָלוציע? דער זון האָט געווונען אַ מאַשין, און די שנור האָט געווונען (געבאָרן) אַ קינד. אַז מע האָט געגעבן געגעסן, איז מען געווען ניט זאַט. אַז אַן אָרעמאַן האָט געגעסן אַ הון, איז ער געווען קראַנק אָדער די הון.

1) קעגנוואַרט: אַז מע שמירט, פֿאָרט מען. אַלע שוסטער גייען באָרוועס. אַז מע קאָכט מיט שטרוי, בלײַבט דאָס עסן רוי. אַז מע האַקט האָלץ, פֿליען שפּענער. דער קאַרגער ליגט אויף דעם געלט, ווי אַ הונט אויף דעם ביין. אויף וואָס פֿאַר אַ פֿור מע זיצט, אַזאַ ניגון זינגט מען.

2) פֿאַרגאַנגענהייט: אַז מע האָט געשמירט, איז מען געפֿאָרן. אַלע שוסטער זײַנען געגאַנגען באָרוועס. אַז מע האָט געקאָכט מיט שטרוי, איז דאָס עסן געבליבן רוי. אַז מע האָט געהאַקט האָלץ, זײַנען געפֿלויגן שפּענער. דער קאַרגער איז געלעגן אויף דעם געלט, ווי אַ הונט אויף דעם ביין. אויף וואָס פֿאַר אַ פֿור מע איז געזעסן, אַזאַ ניגון האָט מען געזונגען.

Перевод: 1) убежать; 2) опис(ыв)ать; 3) помнить; 4) догонять; 5) прод(ав)ать; 6) разд(ав)ать; 7) добавлять, дода(ва)ть; 8) забы(ва)ть; 9) разносить, изнашивать; 10) принадлежать; 11) думать; мыслить; 12) рожать; 13) выигр(ыв)ать; рожать; 14) находить; 15) есть, кушать, разъедать; 16) рассказал; 17) хромой, кривой; 18) быстро; 19) теперь дом принадлежит фабрике; 20) кому; 21) до; 22) сыт; 23) бедняк; 24) курицу; 25) болен (больна); 26) мажут; 27) все сапожники; 28) босиком (дореволюционная поговорка); 29) варит (готовит на соломе); 30) сырой; 31) скупой; 32) как собака; 33) на кости; 34) на какой подводе; 35) такую мелодию.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

פאַר די, וואָס לערנען יידיש

שאָלעם־אַליינעם (1859—1916)

א פֿראַגמענט פֿון „שיר־השירים"

...איך האַלט די הענט אין די קעשענעס, קלינג מיט די ניס און זאָג צו איר (צו בוזין):
— טרעף, וואָס איך קאָן טאָן, אַז איך וויל.

— וואָס קאָנסטו טאָן?
— אַז איך וויל, גייען איבער אַלע דײַנע ניס צו מיר.
— וועסט זיי בײַ מיר אָפּגעווינען?
— ניין, מיר וועלן אַפֿילע נישט אָנהייבן שפּילן.
— וואָס דען, וועסט זיי בײַ מיר אויעקנעמען מיט געוואַלד?
— ניין, זיי גייען אַליין אַריבער צו מיר.
זי הייבט אויף אירע שיינע אויגן אויף מיר, אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן.

איך זאָג צו איר:
— דו מיינסט, אַפֿענעם, אַז איך טרײַב קאַטאָוועס? איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך... איך זאָג אַ פּסוק.
זי עפֿנט אויף די אויגן נאָך שטאַרקער. איך פֿיל מיך גרויס, איך גיב איר צו פֿאַרשטיין, ווי אַ גרויסער, ווי אַ העלד:
— מיר, ייִנגלעך, קאָנען אַלצדינג. בײַ אונדז אין כיידער איז דאָ אַ כאַווער, שייקע דער בלינדער רופֿט מען אים (ער איז אַ בלינדער אויף איין אויג), ווייסט ער אַלצדינג. ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס שייקע זאָל נישט ווייסן...

Отрывок из «Песни песней»

...Я держу руки в карманах, громыхаю орехами и говорю ей (Бузе):
— Угадай, что я могу сделать, если захочу.
— А что ты можешь сделать?
— Захочу, и все твои орехи перейдут (переходят) ко мне.
— Ты их выиграешь у меня?
— Нет, мы даже не начнем играть.

— Что же, ты их у меня силой отберешь?
— Нет, они сами ко мне перейдут.
Она поднимает на меня свои прекрасные глаза, прекрасные голубые глаза из «Песни-песней».
Я говорю ей:
— Ты, наверное, думаешь, что я шучу? Я знаю, глупенькая, такой заговор... Скажу слово такое (фразу).
Она еще шире раскрывает глаза. Я чувствую себя великим. Я объясняю ей, как большой, как герой:
— Мы, мальчики, всё умеем. У нас в хедере есть товарищ, Шайка-слепой зовут его (он слепой на один глаз), он всё знает. Нет такой вещи в мире, которой Шайка не знал бы...

שרײַבט אָן די ווײַטערדיקע זאַצן אין מערצאָל. לעמאָשל: 1) וואָס קאָנט איר טאָן?
1) וואָס קאָנסטו טאָן? 2) דו וועסט זיי בײַ מיר אָפּגעווינען? 3) דו וועסט זיי בײַ מיר אויעקנעמען מיט געוואַלד? 4) דו מיינסט, אַפֿענעם, אַז איך טרײַב קאַטאָוועס? 5) זי עפֿנט אויף די אויגן נאָך שטאַרקער. 6) איך גיב איר צו פֿאַרשטיין.
שרײַבט אָן שאָלעם־אַלייכעמס פֿראַגמענט אין פֿאַרגאַנגענהייט. לעמאָשל: איך האָב געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, האָב געקלונגען מיט די ניס און האָב געזאָגט צו איר:
— טרעף, וואָס איך האָב געקאָנט טאָן, אַז איך האָב געוואָלט...

ווערבן מיט צוגאָבן

די ווערבן „אָפּגיין", אָפּלויפֿן", אָפּפֿליִען" זײַנען מיטן צוגאָב „אָפּ"; „אַרויסגיין", אַרויסלויפֿן", אַרויספֿליִען" זײַנען מיטן צוגאָב „אַרויס"; „אַוועקגיין", אַוועקלויפֿן", אַוועקפֿליִען" — מיטן צוגאָב „אַוועק".
אין קענטוואָרט וועלן די דאָזיקע ווערבן זײַן אַזוי: איך גיי אָפּ, לויף אָפּ, פֿלי אָפּ; איך גיי אַרויס, לויף אַרויס, פֿלי אַרויס; איך גיי אַוועק, לויף אַוועק, פֿלי אַוועק.
אַ צוגאָב איז אַן אַקצענטירטע מאָרפֿעמע. אין קענטוואָרט (באַם פּערזאָניקן ווערב) איז אַ צוגאָב נאָכן ווערב אין באַזונדער. בײַ אַן אינפֿיניטיוו, פּאַרטיציפּ און גערונדיוו איז ער פּרעפֿיקסירט.
די פּאַרטיציפּן פֿון די פֿריִקע ווערבן זײַנען אַזוי: (איך בין) אָפּגעגאַנגען, אָפּגעלאָפֿן, אָפּגעפֿלויגן; אַרויסגעגאַנגען, אַרויסגעלאָפֿן, אַרויסגעפֿלויגן; אַוועקגעגאַנגען, אַוועקגעלאָפֿן, אַוועקגעפֿלויגן.
דער פּאַרטיציפּישער „גע" איז צווישן דעם צוגאָב און דער ווערבאַלער באַזע.
ווערבן מיטן סופֿיקס „יר", „יזיר", „יפֿיציר": „רעמאָנטירן", „אָרגאַניזירן", „קלאַסיפֿיצירן" — זײַנען אין פּאַרטיציפּ אָן דעם „גע", ווען אָבער אַזעלכע ווערבן זײַנען מיט צוגאָבן, איז דער „גע" בײַ די פּאַרטיציפּן פֿאַראַן: איבעררעמאָנטירן — איבערגערעמאָנטירט; דורכקאָנטראָלירן — דורכגעקאָנטראָלירט.
דער צוגאָב „פֿאָנאַנדער" און דער פּרעפֿיקס „צע" זײַנען סינאָנימיש. לעמאָשל: פֿאָנאַנדערנעמען — צענעמען. אַ צוגאָב איז אָבער מיט אַן אַקצענט, אַ פּרעפֿיקס איז אָן. אין קענטוואָרט וועלן די דאָזיקע צוויי ווערבן זײַן אַזוי: איך נעם פֿאָנאַנדער — איך צענעם.

באַמערקונג. די אַקצענטירטע קלאַנגען און די סופֿיקסן זײַנען אויסגעגעצט מיט קורסיוו.

אייניקע צוגאבן זיינען אומפאנימיש. לעמאשל: ארויסגיין — אריינגיין[15]; פאנאנדערנעמען — צונויפנעמען[16]; אפגיין — צוגיין[17]; ארויפגיין — אראפגיין[18]; ארויפקריכן — אראפקריכן[19]; אפפירן — צופירן[20].

Перевод: 1) отходить; 2) отбежать: пробежать (определенное расстояние); 3) отлетать; 4) выходить; 5) выбежать; 6) вылетать; 7) уходить; 8) убежать, удирать, побежать; 9) улетать; 10) *«цугоб»* — ударяемая морфема, выражающая главным образом пространственные отношения и служащая при инфинитиве, партиципе и герундиве (деепричастие) приставкой, а при личном глаголе как бы наречием; 11) между; 12) но когда; 13) синонимичны — одинаковы по смыслу; 14) разнимать; 15) входить; 16) собирать; 17) подходить; 18) всходить, взойти — сходить, сойти; 19) взлезать — слезать; 20) отвозить, отводить — подвозить, подводить.

1) קעגנוואַרט: דער טאַטע דערזעט מיך[1], רופט מיך צו צו זיך[2] מיט א לאנגן דארן פינגער[3] מיין ברודער עליע שטופט מיך אונטער[4]. איך גיי צו צום טאַטן[5] (שלום־עליכעם).
2) פאַרגאַנגענהייט: דער טאַטע האָט מיך דערזען, האָט מיך צוגערופן צו זיך מיט א לאנגן דארן פינגער. מיין ברודער עליע האָט מיך אונטערגעשטופט. איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטן.
3) צוקונפט: דער טאַטע וועט מיך דערזען, וועט מיך צורופן צו זיך מיט א לאנגן דארן פינגער. מיין ברודער עליע וועט מיך אונטערשטופן. איך וועל צוגיין צום טאַטן.

* * *

1) קעגנוואַרט: איך גיי מיר ארויס[6] צו מיין וואָגן און טראָג אריין פון דאָרטן[7] אלע גוטע זאַכן[8], וואָס מע האָט מיר איינגעפאַקט[9], און שטעל דאָס אלצדינג אויס אויפן טיש[10] (שלום־עליכעם).
2) פאַרגאַנגענהייט: איך בין מיר ארויסגעגאַנגען צו מיין וואָגן און האָב אריינגעטראָגן פון דאָרטן אלע גוטע זאַכן, וואָס מע האָט מיר איינגעפאַקט, און האָב דאָס אלצדינג אויסגעשטעלט אויפן טיש.
3 צוקונפט: איך וועל מיר ארויסגיין צו מיין וואָגן און וועל אריינטראָגן פון דאָרטן אלע גוטע זאַכן, וואָס מע האָט מיר איינגעפאַקט, און וועל דאָס אלצדינג אויסשטעלן אויפן טיש.

1) פאַרגאַנגענהייט: דער דאָקטער האָט זיך צוגערוקט נענטער מיט זיין שטול[11], צוגעלייגט זיין אויער מיטן רערל[12] צו דער ברוסט[13] און האָט זיך איינגעהערט[14].
2) צוקונפט: דער דאָקטער וועט זיך צורוקן נענטער מיט זיין שטול, וועט צולייגן זיין אויער מיטן רערל צו דער ברוסט און וועט זיך איינהערן.
3) קעגנוואַרט: דער דאָקטער רוקט זיך צו נענטער מיט זיין שטול, לייגט צו זיין אויער מיטן רערל צו דער ברוסט און הערט זיך איין.
שרייבט אָן די לעצטע דריי פראַגמענטן אין מערצאָל. לעמאָשל: 1) די דאָקטוירים האָבן זיך צוגערוקט נענטער מיט זייערע שטולן...

Перевод: 1) видит (увидев) меня; 2) подзывает меня к себе; 3) длинным худым пальцем; 4) подталкивает меня; 5) подхожу к отцу; 6) выхожу к своей подводе; 7) вношу оттуда; 8) все хорошие вещи (предметы); 9) что мне уложили; 10) расставляю всё это на стол; 11) продвинулся ближе со своим стулом; 12) приложил свое ухо с трубкой; 13) к груди; 14) и прислушивался.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

אײנטראַפּיקע צוגאָבן[1]

1. אום־: אומגײן[2], אומלויפֿן, אומפֿאַלן[3], אומברענגען[4], אומקומען[5]. דאָס קינד גײט שױן[6] אום. עס װעט שױן באַלד[7] קענען אומלויפֿן. זעט, עס זאָל ניט אומפֿאַלן. די סאָנים האָבן געװאָלט אונדז אומברענגען, אָבער מיר האָבן זײ אומגעבראַכט. זײ האָבן ניט געקלערט, אַז זײ װעלן אַזױ גיך[8] אומקומען.

2. אויף־: אויפֿגײן[9], אויפֿלײגן[10], אויפֿהערן[11], אויפֿקומען[12], אויפֿשטײן[13]. די זון איז שױן אויפֿגעגאַנגען. מע דאַרף אויפֿלײגן אַלץ אײנ־אײנעם[14] און אויפֿהערן שפּילן. עס איז דעמאָלט[15] אויפֿגעקומען אַ נײַע מאָדע. מיר זײַנען אויפֿגעשטאַנען און האָבן גענומען אַלץ פֿאַרשרײַבן.

3. אויס־: אויסגײן[16], אויסנײען[17], אויספּרעסן[18], אויסקומען[19], אויסשטײן[20]. איך בין אויסגעגאַנגען אַ האַלבע[21] שטאָט. די ליכט[22] איז אויסגעגאַנגען. איר װעט דאָס העמדל[23] אויסנײען און דערנאָך[24] אויספּרעסן. מע קאָן אָן דעם[25] אויך אויסקומען. מיר האָבן געמוזט אויסשטײן אַ גאַנצן טאָג אויף די פֿיס.

4. אײַנ־: אײַנהאַלטן[26], אײַנזױערן[27], אײַנכאַזערן[28], אײַנלאַדן[29], אײַנשטײן[30]. ער קאָן ניט אײַנהאַלטן דעם אױלעם[31]. זי זױערט אײַן עפּל און קרויט. די לידער[32] וועסטו אײַנכאַזערן, וועסטו געדענקען. מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אויף דער כאַסענע[33]. איך וועל אײַנשטײן אין דעם נײַעם האָטעל[34].

5. אָנ־: אָנהײבן[35], אָנװערן[36], אָנצײלן[37], אָנרופֿן[38], אָנשמירן[39]. די פֿאָרשטעלונג[40] װעט מען באַלד אָנהײבן. מע האָט אָנגעהױבן טומלען[41]. דעם בילעט האָב איך באַקומען, אָבער אָנגעװאָרן אַ סאַך צײַט. אָנגעצײלט אַלע קרויווים[42] און אַלעמען אָנגערופֿן באַם נאָמען[43]. אָנשמירן מיט אַלערלײ שמירעכצן[44].

6. אָפּ־: אָפּגײן[45], אָפּפֿירן[46], אָפּרופֿן[47], אָפּרײניקן[48], אָפּשטעלן[49]. דער צוג[50] גײט באַלד אָפּ. זײ לעבן גאַנץ גוט, עס גײט זײ גאָרניסט אָפּ[51]. מע האָט מיך אָפּגעפֿירט אַהײם[52]. אױב דער דעפּוטאַט װעט אַרבעטן שלעכט[53], װעט מען אים אָפּרופֿן. מע װעט אָפּשטעלן די באַװעגונג[54] און אָפּרײניקן די װעגן[55].

7. באַ־: באַזײַן[56], באַזיצן[57], באַלײגן[58], באַקומען[59], באַשטײן[60]. איך בין נעכטן באַגעװען אויפֿן פּראָצעס און װעל אױך הײַנט באַזײַן. די, װאָס זײַנען באַגעזעסן, האָבן אונדז דערצײלט. מע װעט דאַרפֿן באַלײגן אַלע דאָקומענטן. מיר זײַנען אַ סאַך שװעריקײטן[61] באַגעקומען. מיר װעלן באַשטײן דעם ניסאָיען[62] און װעלן אויסהאַלטן[63].

8. דורכ־: דורכטראָגן[64], דורכקאָנטראָלירן, דורכקוקן[65], דורכרײניקן[66], דורכשטודירן[67]. דורכטראָגן אַלע פּעקלעך[68]. דורכגעקאָנטראָלירט באַ אַלע באַװעזנדע[69] די בילעטן. דורכקוקן און דורכרײניקן די קױמענס אין די הײַזער[70]. דורכגעשטודירט אַלע דירעקטיװן און באַפֿעלן[71].

9. מיט־: מיטאַרבעטן[72], מיטװירקן[73], מיטטײלן (מיט+טײלן)[74], מיטפֿילן[75], מיטשטימען[76]. די יוגנט[77] האָט גוט מיטגעאַרבעט. די נײַע אײַנשטעלונגען[78] װעלן מיטװירקן. זײ האָבן מיטגעטײלט, אַז זײ האָבן שױן אָנגעהױבן די אַרבעט. זײ האָבן מיטגעפֿילט און האָבן מיטגעשטימט. אָבער באַזײַן האָבן זײ ניט געװאָלט.

10. נאָכ־: נאָכגעבן[79], נאָכיאָגן[80], נאָכמאַכן[81], נאָכקרימען[82], נאָכשפּילן[83]. מע האָט זײ נאָכגעגעבן און אַלץ אומגעקערט[84]. ער גײט צו גיך[85], און איך קאָן אים ניט נאָכיאָגן. נאָכמאַכן און נאָכקרימען האָט זי געקאָנט פֿון קינדװײַז אָן[86]. נאָך אים נאָכשפּילן איז זײער ניט גרינג[87].

11. פֿאָר־: פֿאָרזעצן[88], פֿאָרלײגן[89], פֿאָרקומען[90], פֿאָרשטײן[91], פֿאָרשטעלן[92]. נאָך װאָרמעס[93] האָט מען פֿאָרגעזעצט די דעבאַטן. דער פֿאָרטרעגער האָט פֿאָרגעלײגט אַ װיכטיקע[94] רעזאָלוציע. די קאָנפֿערענץ קומט פֿאָר אינעם פּיאָנערן־הױז[95]. עס איז מיר פֿאָרגעשטאַנען ניט קײן גרינגע[96] אַרבעט: פֿאָרשטעלן דעם נײַעם פּלאַן.

12. צו־: צובינדן[97], צוװאַרטן[98], צוזאָגן[99], צופֿאָרן[100], צושטײן[101]. צובינדן די קו צום פּלױט[102], לאָמיר צוװאַרטן נאָך עטלעכע טעג[103]. צוזאָגן און ליב האָבן[104] קאָסט קײן געלט ניט[105]. עס װעט אויסקומען צופֿאָרן צום װאָקזאַל. דאָרט װעלן מיר צושטײן צו דער דעלעגאַציע.

באַ אײניקע שרײַבער[106] טרעפֿט מען נאָך אױך אַ צוגאָב „פֿיר־": פֿירזאָגן, פֿירנעמען, פֿירלײגן, פֿירגעבן (פֿאָרלײגן). ער באַטײַט דאָס זעלבע, װאָס דער צוגאָב „פֿאָר": מיר האָט מען פֿירגעזאָגט, און איך האָב געשריבן. בינײאָמין האָט פֿירגענומען די נעסיע[107] אין די װײַטע מעקוימעס[108].

Перевод: 1) односложные добавления; 2) ходить, расхаживать; 3) упасть; 4) погубить, уничтожить; 5) погибать; 6) уже; 7) скоро; 8) так скоро; 9) всходить; 10) сложить; 11) перестать, прекратить; 12) возникать, появляться; 13) вста(ва)ть, восста(ва)ть; 14) всё вместе; 15) тогда; 16) исходить, истекать; 17) выши(ва)ть; 18) выгладить; 19) обходиться, приходиться; 20) выстаивать, вытерпеть; 21) пол, половину; 22) свеча; 23) рубашку; 24) затем; 25) без этого; 26) удерж(ив)ать, сдерж(ив)ать; 27) заквашивать; 28) заучи(ва)ть; 29) приглашать; 30) устоять, квартировать; 31) народ, толпу, публику; 32) песни, стихи; 33) на свадьбу; 34) в новой гостинице; 35) нач(ин)ать; 36) утратить, проиграть; 37) насчит(ыв)ать; 38) наз(ы)вать; 39) намаз(ыв)ать; 40) представление; 41) шуметь; 42) всех родственников; 43) по имени; 44) всевозможными мазями; 45) отходить, недоставать; 46) отвозить, отводить; 47) отзывать; 48) очищать; 49) останавливать, оставлять; 50) поезд; 51) у них всё есть; 52) домой; 53) плохо; 54) движение; 55) пути, дороги; 56) присутствовать; 57) сидеть при...; 58) прикладывать; 59) преодолеть; 60) устоять; 61) трудности; 62) испытание, соблазн; 63) выдержим; 64) проносить; 65) просматривать; 66) прочищать; 67) проштудировать; 68) пачки; 69) у присутствующих; 70) дымоходы в домах; 71) приказы; 72) сотрудничать; 73) содействовать; 74) сообщать, уведомлять; 75) сочувствовать; 76) соглашаться; 77) молодежь; 78) установ-

ления; 79) уступать, потворствовать; 80) преследовать; 81) поддел(ыв)ать, подражать; 82) передразнивать; 83) играть (за кем-л.); 84) всё вернули; 85) слишком быстро; 86) с детства; 87) очень нелегко; 88) продолжать; 89) предлагать; 90) происходить, совершаться; 91) предстоять; 92) представлять; 93) после обеда; 94) докладчик... важную; 95) в доме пионеров; 96) нелёгкая; 97) привяз(ыв)ать; 98) подождать, обождать; 99) обещать; 100) подъезжать; 101) приста(ва)ть; 102) к забору; 103) подождите еще несколько дней; 104) любить; 105) ничего не стоит (денег не стоит); 106) у некоторых писателей; 107) предпринял поездку; 108) в далёкие места.

פון שאלעם־אלייכעמס „שיר־האשירים"

ווער בוזי איז — דארפט איר געדענקען. איך האב אייך שוין אמאל דערציילט. נאר טאמער האט איר פארגעסן, כאזער איך אייך איבער נאך א מאל.

איך האב געהאט אן עלטערן ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געווארן. נאך אים איז געבליבן א וואסערמיל, א יונגע אלמאנע, צוויי פערדלעך און איין קינד. האט מען די מיל אפגעלאזט, די פערדלעך פארקויפט. די אלמאנע האט כאסענע געהאט ערגעץ ווייט. און דאס קינד האט מען געבראכט צו אונדז.

דאס איז געווען בוזי.

כא־כא־כא! אלע מיינען, אז איך און בוזי זיינען א ברודער מיט א שוועסטער. מיין טאטן רופט זי טאטע. מיין מאמע רופט זי מאמע. און מיר צווייען זיך לעבן, ווי א ברודער מיט א שוועסטער, און האבן זיך ליב, ווי א ברודער מיט א שוועסטער.

ווי א ברודער מיט א שוועסטער? פארוואס זשע שעמט זיך פאר מיר בוזי?

Кто такая Бузя — вы должны помнить. Я уже однажды рассказал. Но если вы забыли, я повторяю вам еще раз.

У меня был старший брат Беня. Он утонул. После него осталась водяная мельница, молодая вдова, две лошадки и ребенок. Мельницу оставили, лошадок продали. Вдова вышла замуж (и уехала) куда-то далеко. А ребенка забрали (привели) к нам.

Это и была Бузя.

Ха-ха-ха! Все думают, что я и Бузя брат и сестра. Моего отца она зовет отцом. Мою мать она зовет матерью. И мы живем, словно брат и сестра, и любим друг друга, как брат и сестра.

Как брат и сестра? Почему же Бузя меня стыдится?

* * *

שרייבט ארויס פונעם פראגמענט: 1) די פערזאניקע ווערבן; 2) די אינפיניטיוון; 3) די פארטיציפן מיט זייערע הילפווערבן.

שרייבט אויך ארויס אלע סובסטאנטיוון: 1) איינצאל; 2) מערצאל.

צוויי־טראפיקע און דריי־טראפיקע צוגאבן[1]

1. אהין־: אהינטאן[2], אהינקומען[3]. זיי ווייסן ניט, ווו זיי האבן אהינגעטאן דאס געלט. מע האט געפרווט[4] דערגיין, ווו זיין געביין[5] איז אהינגעקומען.

2. אוועק־: אוועקגיין[6], אוועקפארן, אוועקגעבן[7]. א טייל[8] איז אוועקגעגאנגען צופוס[9], און א טייל איז אוועקגעפארן מיטן אויטאבוס. זיי גיבן אוועק אלץ די קינדער.

3. אונטער־: אונטערבעטן[10], אונטערגיין[11], אונטערדריקן[12]. מע דארף איר אונטערבעטן א פערנעץ[13]. די פריציקע שיכטן[14] זענען שוין לאנג אונטערגעגאנגען, זיי האבן אלעמען אונטערגעדריקט.

4. איבער־: איבערבעטן[15], איבערזעצן[16], איבעררייסן (איבער+רייסן). מע דארף זיי איבערבעטן און איינלאדן אף דער כאסענע. מע וועט מוזן איבערבעטן אלע בעטן[17]. ער האט גוט איבערגעזעצט דעם טעקסט. די בלומען וועט מען דארפן איבערזעצן. זיי האבן איבערגעריסן דעם ריספוט און זענען אוועקגעפארן.

5. פאנאנדער־: פאנאנדערנעמען[18], פאנאנדערקלייבן[19], די אלטע הייזער[20] האט מען פאנאנדערגענומען. מע האט פאנאנדערגעקליבן אלע נייע פראיעקטן. מע האט אין אלע גאסן[21] פאנאנדערגעקלעפט מיטיילונגען[22] וועגן דעם נייעם מארשרוט.

6. פארביי־: פארבייגיין[23], פארביילויפן, פארבייפארן. א טייל איז פארבייגעגאנגען צופוס, א טייל איז פארבייגעלאפן און א טייל איז פארבייגעפארן אין די אויטאבוסן.

7. פאראויס־: פאראויסזאגן[24], פאראויסזען[25]. זיי האבן פאראויסגעזען די געשעענישן[26], די אומגליקן[27] און האבן פאראויסגעזאגט די פאלגן[28] (רעזולטאטן).

8. צוזאמען־: צוזאמענגיסן[29], צוזאמענקלייבן[30], צוזאמענשמעלצן[31]. זיי האבן געפרווט צוזאמענגיסן די פליסיקייטן[32]. מע האט אלעמען צוזאמענגעקליבן אין דער פיזישער לאבאראטאריע, ווו מע האט צוזאמענגעשמאלצן די שטאפן[33].

9. צונויף־: צונויפגיסן[34], צונויפקלייבן[35], צונויפשמעלצן[36]. די פליסיקייטן[37] האט מען צונויפגעגאסן אין איין קייל[38]. מע האט אלעמען צונויפגעקליבן אין איין לאבאראטאריע, ווו[39] מע האט די שטאפן צונויפגעשמאלצן.

10. צוריק־: צוריקקערן[40] (צוריק+קערן), צוריקציען[41]. מיר האבן זיי צוריקגעקערט פון מיטן וועג[42]. דער גאסט האט זיין מיינונג[43] צוריקגעצויגן.

אייניקע ווערבן קומען אויך מיט די צוגאבן „אנטקעגן־", „אנידער־", „אפיר־", „הינטער־". לעמאשל: אנטקעגנשטיין[44], אנטקעגנשטעלן[45]; אנידערווארפן[46], אנידערשלעפן[47]; אפירנעמען[48], אפירשלעפן[49]; הינטערלייגן[50], הינטערשטעלן[51].

Перевод: 1) двусложные и трехсложные «добавления»; 2) де(ва)ть; 3) де(ва)ться; 4) пытались разузнать; 5) прах, останки, скелет; 6) уходить; 7) отда(ва)ть; 8) часть; 9) пешком; 10) подстилать; 11) подходить; заходить (о солнце); погибать;

12) угнетать, притеснять; 13) перина; 14) помещичьи слои; 15) перестилать; просить прощения; 16) пересаживать; переводить; 17) кровати; 18) разбирать; 19) разнимать; 20) расклеивать; 21) старые дома; 22) улицах; 23) сообщения, извещения; 24) проходить мимо, обходить; 25) предсказывать; 26) предвидеть, предусматривать; 27) события; 28) несчастья; 29) результаты; 30) слить (вместе); 31) собрать (вместе); 32) сплавлять; 33) жидкости; 34) вещества, материалы; 35) сосуд, посуда; 36) где; 37) вернуть, возвращать; 38) брать назад (слово, предложение); 39) с середины пути; 40) мнение; 41) противостоять; 42) противопоставить; 43) кинуть, бросить вниз; 44) швырнуть (вниз); 45) вынимать из-под...; 46) тянуть, волочить из-под...; 47) положить сзади; 48) поставить сзади.

צוגאָבן מיטן פּרעפיקס „אַר־“

די אײנטראַפּיקע צוגאָבן „אומ־, אופ־, אויס־, אײַנ־, אָפּ־“ און די צווייטראַפּיקע „אונטער־, איבער־“ קומען אָפט מיטן פּרעפיקס „אַר־“ (פונעם וואָרט „הער, אַהער“[1]), וואָס גיט זיי צו[2] אַ מער קאָנקרעטן באַטײַט[3]; ווײַזט די ריכטונג פון דער טוונג[4]. לעמאָשל:

1. אַרומ־ (אַר+אומ־): אַרומגיין[5], אַרומלויפן[6], אַרומנעמען[7]. מיר זײַנען אַ גאַנצן טאָג[8] אַרומגעגאַנגען, אַרומגעלאָפן, אומעטום אײַנגעקוקט[9]. די באָבע[10] האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען און געקושט[11].

2. אַרופ־ (אַר+אופ־): אַרופגיין[12], אַרופלויפן[13], אַרופנעמען[14]. מיר זײַנען גרינג[15] אַרופגעגאַנגען און אַלץ[16] אַרופגענומען. אַרופלויפן מיט די פּעקלעך[17] איז געווען גאַנץ שווער[18].

3. אַרויס־ (אַר+אויס־): אַרויסגיין[19], אַרויסלויפן[20], אַרויסנעמען. אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, פון שטאָט[21], פון געדולד[22], פון די קיילים[23]. אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס[24], די קליידער (בגאָדים) פונעם אַלמער (פון דער שאַפע)[25], אַרויסגענומען דאָס געלט פון דער שפּאָרקאַסע[26].

4. אַרײַנ־ (אַר+אײַנ־): אַרײַנגיין[27], אַרײַנוואַרפן[28], אַרײַנשלעפּן[29]. זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, אין שטאַל[30], אין קעלער[31]. אין ברונעם[32] האָבן זיי אַרײַנגעוואָרפן שטיינער, צווײַגן און שמאַטעס[33]. די פאַרווונדעטע[34] האָבן זיי אַרײַנגעשלעפּט אין קעלער.

5. אַראָפּ־ (אַר+אָפּ־): אַראָפּגיין[35], אַראָפּוואַרפן[36], אַראָפּנעמען. אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג[37], פון דאַך[38], פון לייטער[39], פון וועג[40], פון זינען[41]. אַראָפּגעוואָרפן די שווערע מאַסע[42], די ווינטערדיקע בגאָדים[43], דעם קייסער[44], די מאַכט[45]. אַראָפּגענומען פון זיך אַלע דייגעס[46], אַלע צאָרעס[47].

6. אַרונטער־ (אַר+אונטער): אַרונטערוואַרפן[48], אַרונטערפאַלן[49], אַרונטערשאַצן[50]. ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ פרעמדער ווירקונג[51]. מע האָט דעם אַנשטאַלט[52] אַרונטערגעוואָרפן אונטער זײַער אָנפירונג[53]. זיי האָבן אונטערגעשאַצט דעם דירעקטאָרס ראָליע[54], זײַנע פאַרדינסטן און זײַנע אויפטוען[55].

7. אַריבער־ (אַר+איבער־): אַריבערוואַרפן[56], אַריבערפאָרן[57], אַריבערשפּאַנען[58]. אַריבערגעוואָרפן די בלומען[59], די צײַטונגען[60] אַריבער דעם פּלויט[61]. אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט[62]. מע האָט געדאַרפט אַריבערשפּאַנען אַ סך שוועלן[63], אַ סך צוימען[64].

אין צווייטראַפּיקע און דרײַטראַפּיקע צוגאָבן איז דער אַקצענט אויפן צווייטן טראַף[65]. אָבער אין די צוגאָבן „אונטער־, איבער־, הינטער־“ אַקצענטירט מען דעם ערשטן טראַף[66].

צוגאָבן קומען טיילמאָל אָן די ווערבן[67]. לעמאָשל: 1) הײַנט זײַנען די קראָמען[68] צו („צוגעמאַכט“)[69]. 2) דער דאָקטער בייזערט זיך[70], פאַרוואָס מע האַלט דאָס פענצטער צו[71]. 3) איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן[72] זײַנען אַלע זײַנע בעקערס[73] אָנגעשפּאַנט, צוזאַמענגענומען די קלומקעס[74] און זײַנען אוועק[75] („אוועקגעגאַנגען“). 4) ער איז אַרײַן און אַרויס (אַרײַנגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען).

בײַ פּרעזאַניקע ווערבן (אין קעגנוואַרט) קומען די צוגאָבן נאָך[76] די ווערבן. צווישן[77] די פּרעזאַניקע ווערבן און די צוגאָבן קענען זײַן אַלערליי זאַצגלידער[78]. לעמאָשל:

1) מיר שטייען פרי אויף די לעצטע צײַט[79]. מיר שטייען די לעצטע צײַט פרי אויף.

2) זיי גיבן אוועק אַלץ די קינדער. זיי גיבן אַלץ אוועק די קינדער. זיי גיבן די קינדער אַלץ אוועק.

דאָס וואָרט „ניט“ בײַ אַ פּרעזאַניקן ווערב מיט אַ צוגאָב קומט פאַר[80] דעם צוגאָב.

לעמאָשל: אָן[81] דעם בריגאַדיר הייבן מיר די אַרבעט ניט אָן[82]. איך גיב אײַך די ביכער נאָך ניט אוועק[83]. איך דאַרף זיי.

Перевод: 1) сюда; 2) что придает им; 3) более конкретное значение; 4) показывает направление действия; 5) обходить, расхаживать; 6) бегать; 7) обнимать; объять; 8) целый день; 9) всюду побывали; 10) бабушка; 11) целовала; 12) всходить; 13) взбежать; 14) взять (наверх); 15) легко; 16) всё; 17) с пачками; 18) довольно тяжело; 19) выходить; 20) выбежать; 21) из дома, из города; 22) терпения; 23) из себя (дословно: из посуды, сосудов); 24) из карманов; 25) платья из шкафа; 26) деньги из сберкассы; 27) входить; 28) вбросить; 29) втащить, втянуть; 30) сарай, хлев; 31) погреб; 32) колодец; 33) камни, ветви, тряпки; 34) раненых; 35) сходить; 36) сбрасывать, низвергать; 37) с горы; 38) с крыши; 39) с лестницы; 40) с пути; 41) с ума; 42) тяжелую ношу; 43) зимнюю одежду; 44) царя; 45) власть; 46) все заботы; 47) невзгоды, несчастья; 48) скидывать, подбрасывать; 49) подпасть; 50) недооценивать; 51) под чужое влияние (воздействие); 52) учреждение; 53) руководство; 54) роль; 55) заслуги, затеи; 56) перебросить; 57) переехать; 58) перешагнуть; 59) цветы; 60) газеты; 61) через забор; 62) в другой город; 63) пороги; 64) преграды; 65) на втором слоге; 66) первый слог; 67) порой без глаголов; 68) лавки, магазины; 69) закрыты; 70) сердится; 71) почему держат окно закрытым; 72) однажды в прекрасное утро; 73) пекаря; 74) котомки; 75) ушли; 76) после; 77) между; 78) разные члены предложения; 79) рано встаем в последнее время; 80) перед; 81) без; 82) не начали работу; 83) я вам книг еще не отдаю.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש

נאָך אַ פֿראַגמענט פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „שיר־השירים"

„איך פֿיר בוזין אין דער לענג און אין דער ברייט איבער דער לעוואַדע. איך באַרים זיך פֿאַר איר מיט מײַנע פֿאַרמעגנס:

— זעסטו אָט די ביימער? זעסטו אָט דעם זאַמד? זעסטו אָט דאָס בערגל?

— און דאָס אינגאַנצן דײַנס?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און אירע אויגן לאַכן. מיך פֿאַרדריסט עס, וואָס זי לאַכט. טאָמיד איז בײַ איר אַזאַ שטייגער — לאַכן פֿון מיר. איך בלאָז זיך אָן און קערעווע זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע פֿון בוזין. שמעקט זיך בוזי, אַז איך בין באַרויגעזט. פֿאַרגייט זי צו מיר פֿון פֿאָרנט, פֿאַרקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן און נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און זאָגט צו מיר: „שימעק!..“ פֿליט אַוועק דער רויגעז, און אַלץ ווערט פֿאַרגעסן. און איך נעם זי פֿאַר דער האַנט, און איך פֿיר זי צו מײַן בערגל, וווּ איך זיץ מיר טאָמיד, אַלע יאָר. וויל איך, זיץ איך מיר; וויל איך, הייב איך מיך אויף... און פֿלי מיר, ווי אַן אָדלער, העכער פֿון דער כמאַרע, איבער פֿעלדער און וועלדער, איבער יאַמים און מידבאַריעס...

...Я веду Бузю вдоль и поперек луга (левады). Расхваливаю перед ней свои владения:

— Видишь вот эти деревья? Видишь этот песочек? Видишь эту горку?

— И всё это твое?

Так говорит мне Бузя, и глаза ее смеются. Мне досадно, что она смеется. Всегда у нее такая привычка — смеяться надо мной. Я надулся и отворачиваюсь на короткое время от Бузи. Бузя догадывается, что я сержусь. Она заходит спереди, заглядывает мне в глаза, берет меня за руку и говорит мне: «Шимек!» Обида исчезает, и всё забыто. Я беру ее за руку и веду к моей горке, туда, где я сижу всегда, каждый год. Хочу — сижу, хочу — поднимаюсь и лечу, как орел, выше тучи, над полями и лесами, над морями и пустынями...

לייענט דורך ריכטיק דעם פֿראַגמענט. די צונאָבן לייענט אײַנײַנעם מיט זייערע ווערבן; די אַרטיקלען און די פּרעפּאָזיציעס אײַנײַנעם מיט די סובסטאַנטיוון. די צונאָבן פֿאַרגעסט ניט צו אַקצענטירן.

קעגנוואַרט און פֿאַרגאַנגענהייט

איך פֿיר בוזין — איך האָב בוזין געפֿירט. איך באַרים זיך פֿאַר איר — איך האָב זיך פֿאַר איר באַרימט. זעסטו אָט די ביימער — האָסטו די ביימער געזען? אירע אויגן לאַכן — האָבן געלאַכט. מיך פֿאַרדריסט עס — מיך האָט עס פֿאַרדראָסן. איך בלאָז זיך אָן — האָב זיך אָנגעבלאָזן. און קערעווע מיך אָפּ — האָב מיך אָפּגעקערעוועט. שמעקט זיך בוזי — האָט זיך בוזי געשמעקט. פֿאַרגייט זי — איז זי פֿאַרגאַנגען. פֿאַרקוקט — האָט פֿאַרקוקט. נעמט מיך אָן — האָט מיך אָנגענומען. פֿליט אַוועק דער רויגעז — איז דער רויגעז אַוועקגעפֿלויגן. אַלץ ווערט פֿאַרגעסן — אַלץ איז פֿאַרגעסן געוואָרן. וויל איך, זיץ איך מיר — האָב איך געוואָלט, בין איך מיר געזעסן. וויל איך, הייב איך מיך אויף — האָב איך געוואָלט, האָב איך מיך אויפֿגעהויבן. און פֿלי — און בין געפֿלויגן.

שרײַבט אָן די פֿאָרמעס פֿון צוקונפֿט. לעמאָשל: איך וועל בוזין פֿירן. איך וועל זיך באַרימען פֿאַר איר (איך וועל זיך פֿאַר איר באַרימען).

צונאָבן מיט „אַר־" און אָן

אַראָפּוואַרפֿן — אָפּוואַרפֿן[1]: 1) אַראָפּגעוואָרפֿן דעם שניי[2] פֿון דאַך; אַראָפּגעוואָרפֿן דעם קייסער[3], די פֿעאָדאַלע און בורזשואַזע מאַכט[4], די רעגירונג[5]. 2) אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿײַנט (דעם סוינע)[6], דעם פֿאָרשלאָג[7], די מאָשין, די פֿאַנטאַלעכע טענעס[8].

אַראָפּפֿירן — אָפּפֿירן[9]: 1) אַראָפּגעפֿירט פֿון באַרג, פֿון די טרעפּ[10], פֿון וועג. 2) אָפּגעפֿירט דאָס קינד אַהיים, אין שול; אָפּגעפֿירט דעם כוילע (דעם קראַנקן)[11] אין שפּיטאָל און די קאַרדיאָגראַמע אָפּגעגעבן דעם דאָקטער.

אַרויספֿירן — אויספֿירן[12]: 1) אַרויסגעפֿירט דאָס מעבל פֿון שטוב און די קו פֿון שטאַל; אַרויסגעפֿירט פֿון געדולד[13], פֿון אַ שווערן צושטאַנד[14]; אַרויסגעפֿירט אויף אַ ריכטיקן וועג[15]. 2) אויסגעפֿירט אַלץ, וואָס מע דאַרף; אויסגעפֿירט אַלערליי געשעפֿטן[16], גוטע שידוכים[17].

אַרויסגעבן — אויסגעבן[18]: 1) אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל, אַ צײַטונג, דעם שרײַבערס ווערק; אַרויסגעגעבן די סודעס[19], דעם פֿאַרברעכער[20]. 2) אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט אויף ביכער, אויסגעגעבן (כאַסענע געמאַכט)[21] אַלע קינדער.

אַרויסקומען — אויסקומען[22]. 1) אַרויסגעקומען פֿון אַ באַוווּסטער[23] מישפּאָכע (געזינד), פֿון באַרימטע עלטערן; 2) אויסגעקומען אָן אַ מאַשין, אָן אַ באַהעלפֿער[24], אָן מיטלען[25]; עס קומט אויס אָפֿט צו שרײַבן בריוו; עס איז אויסגעקומען צו לויפֿן ווײַט[26].

אַרויסגעלאָזט די בהמות פֿון שטאַל[27], די פֿייגעלעך פֿון שטייג[28], גוט צוגעגרייטע[29] אינסטרוקטאָרן. אַרויסגעפֿלויגן[30] פֿון שטייג, דורכן פֿענצטער; אַרויסגעפֿלויגן פֿון קאָפּ. אַרויסגעוואָרפֿן דאָס אַש פֿונעם אויוון[31] און דאָס מיסט פֿון די כאַדאָרים (צימערן)[32].

אַרויסגעוואַשן[33] די פֿענצטער, די דילן[34] אין אַלע כאַדאָרים, די קינדערס האָר (גריץ)[35]. אַרויסגעהאַלטן דעם שווערן יאָר[36], דעם עקזאַמען; עס איז שווער אַרויסצוהאַלטן דעם טומל און די געשרייען[37], אויסגעהאַלטן די אַלטע עלטערן[38].

אַראָפּגענומען די בילדער פֿון די ווענט; אַראָפּגענומען דעם פֿאַרבאָט[39], אַ קאָפּיע פֿונעם דיפּלאָם; די ספֿירעס (ווידערשפּרוכן) פֿונעם אַרטיקל[40]. אַראָפּגעפֿאַלן אַ ראָד פֿונעם וואָגן[41], די בלעטער פֿון די ביימער[42]; ער פֿאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ[43].

אָפּגעזעסן א גאַנצן טאָג אין שטוב און א גאַנצע נאַכט אין שפּיטאָל. אָפּגעטאַנצט די גאַנצע צייט אויף די פיס. זי שטייט ניט אָפּ[44] פון דער גרופּע. אָפּגעשטעלט דעם צוג, דעם טרינע, דעם אָנגריף און די פאַרלוסטן[45].
אָנגעזען א גרויסע וועלט[46]. איך וויל אים ניט אָנזען[47]. אָנגעטאָן דעם נייעם בגד און די נייע שיך[48]. אָנגעטאָן א סך שאָדן און ניט ווייניק צרות[49]. ער האָט געוואָלט אָנטאָן זיך א מיתה, נאָר מע האָט אים ניט געלאָזט[50].

Перевод: 1) сбрасывать, низвергать — отбрасывать, отклонять; 2) снег; 3) царя; 4) власть; 5) правительство; 6) неприятеля; 7) предложение; 8) притязания; 9) свозить, сводить — отвозить, отводить; 10) со ступенек; 11) больного; 12) вывозить, выводить — выполнять, добиться своего; 13) терпение; 14) тяжелое состояние; 15) правильный (верный) путь; 16) всевозможные дела; 17) браки, супружества; 18) выдавать, издавать — (из)расходовать; выда(ва)ть замуж, женить; 19) секреты; 20) преступник; 21) выдал замуж, женил; 22) происходить — обходиться, приходиться; 23) известной; 24) без помощника; 25) без средств; 26) далеко; 27) коров из хлева; 28) птичек из клетки; 29) хорошо подготовленных; 30) вылетел(а,о); 31) выгреб(ла, ли) золу из печки; 32) сор, мусор из комнат; 33) вымыл(а, и); 34) полы; 35) белье; 36) выдержал(а, и) ярмо, иго; 37) шум и крики; 38) содержал(а, и) старых родителей; 39) запрет; 40) противоречия статьи; 41) упало (свалилось) колесо с телеги; 42) листья с деревьев; 43) не падает духом; 44) не отстает; 45) (при)остановили поезд..., наступление и потери; 46) насмотрелся на большую часть света (большой мир); 47) не хочу на него глядеть (ненавижу его); 48 надел(а, и) новое платье и новые ботинки; 49) наделал(а, и), натворил(а, и) много вреда и немало бед; 50) он хотел покончить с собой, но ему не дали (это сделать).

צוגאָב און פּרעפּאָזיציע[1]

אייניקע ווערטער[2] קאָנען קומען אַלס[3] צוגאָבן און אַלס פּרעפּאָזיציעס. לעמאָשל:
זיי האָבן די אַרבעט ניט אָן אָן דעם בריגאַדיר.
דער ערשטער „אָן" איז א צוגאָב — ער ציט[4] צום ווערב און איז מיט אן אַקצענט; דער צווייטער „אָן" איז א פּרעפּאָזיציע — זי ציט צום סובסטאַנטיוו[5] און איז אָן אן אַקצענט. אַזוי איז אויך אינעם זאַץ: אָן דעם בריגאַדיר האָבן זיי די אַרבעט ניט אָן.
לייענט דורך און אַקצענטירט ריכטיק די ווײַטערדיקע זאַצן: 1) זיי האָבן ניט אָן די אַרבעט אָן דעם בריגאַדיר. 2) זיי האָבן אָן דעם בריגאַדיר די אַרבעט ניט אָן. 3) דער טאַטע רופט מיך צו צו זיך מיט א דאַרן פינגער. 4) דער טאַטע רופט מיך צו זיך צו מיט א דאַרן פינגער. 5) מיט א דאַרן פינגער רופט מיך דער טאַטע צו זיך צו. 6) א וואָלקנדל לויפט איבער[6] איבער איר פּאָנים[7]. 7) איבער איר פּאָנים לויפט איבער א וואָלקנדל.

צוגאָב און פּאָסטפּאָזיציע[8]

אייניקע ווערטער קאָנען קומען אַלס צוגאָבן און אַלס פּאָסטפּאָזיציעס. לעמאָשל:
אויף איין פוס שפּרינג איך אַרויס[9] אין דרויסן אַרויס[10] (שלום-עליכם). דער ערשטער „אַרויס" איז א צוגאָב; דער צווייטער איז א פּאָסטפּאָזיציע — זי קומט נאָך א סובסטאַנטיוו צוליב[11] א קאָנקרעטיזאַציע. אין פאַרגאַנגענהייט וועט דער דאָזיקער זאַץ זיין אַזוי:
אויף איין פוס בין איך אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן אַרויס.
אָדער אַזאַ ביישפּיל[12]: איך עפן אויף דאָס פענצטער[13] און קוק אַרויס אין דרויסן אַרויס.
אָדער אַזעלכע ביישפּילן פון שלום-עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס יינגל"[14]:
1. מיכל כאַפּט די ספרים גיך-גיך[15], פּאַקט זיי איין אין א זאַק אַריין[16].
2. א מאָרנע יידענע אָט די פעסיע[17], אומעטום שטופּט זי אַריין איר נאָז[18].
אין דער ערשטער פראַזע איז „איין" א צוגאָב און „אַריין" א פּאָסטפּאָזיציע; אין דער צווייטער פראַזע איז „אַריין" שוין א צוגאָב. אין פאַרגאַנגענהייט וועלן די צוויי פראַזעס זיין אַזוי:
1. מיכל האָט געכאַפּט די ספרים גיך-גיך, האָט זיי איינגעפּאַקט אין א זאַק אַריין.
2. א מאָרנע יידענע איז געווען אָט די פעסיע, אומעטום פלעגט זי אַריינשטופּן איר נאָז.
לייענט דורך און אַקצענטירט ריכטיק די ווײַטערדיקע זאַצן: 1) בוזי רייסט אַרויס איר האַנט[19] פון מיין האַנט און לאָזט זיך לויפן באַרג-אַראָפּ[20]. 2) די שטוב איז געשטאַנען אָפן[21]. ווער עס האָט געוואָלט[22], איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען (פּערעץ). 3) זי נעמט גאָר א גוטן טאָפּ[23], און וואַרפט אים אַרויס אין גאַס אַריין[24] (פּערעץ).
פּאָסטפּאָזיציעס טרעפט מען בא די איצטיקע ליטעראַטן זעלטענער[25], איידער בא די עלטערע מחברים[26].

צוגאָב און אַדווערב[27]

צוגאָבן דאַרף מען ניט מישן מיט אַדווערבן. אַדווערבן זיינען זעלבשטענדיקע ווערטער — זאַצגלידער[28], וואָס ווייזן אָן די צייט, דאָס אָרט, דעם אויפן פון דער טואונג[29]. לעמאָשל:
זיי זיינען נעכטן אַהין אַוועקגעגאַנגען צופוס.
„נעכטן" ווייזט די צייט פון דער טואונג, „אַהין" — דאָס אָרט, די ריכטונג[30], און „צופוס" — דעם אויפן. „נעכטן" און „צופוס" זיינען אַדווערבן. „אַהין" איז דאָ אויך אן אַדווערב, אָבער „אַהין" קאָן זיין אויך א צוגאָב. לעמאָשל: מע ווייסט ניט, וווּ ער איז אַהינגעקומען.
א צוגאָב איז א וואָרט-טייל[31], אַפילו ווען ער איז באַזונדער (נאָכן פערזעניקן ווערב)[32] — ער איז א טייל פונעם פּרעדיקאַט[33]. אן אַדווערב איז א זעלבשטענדיק וואָרט — א זאַצגליד.
אַזעלכע ווערטער[34], ווי „אַהיים, אַהער"[35] זיינען אַדווערבן, ניט קיין צוגאָבן. מע דאַרף זיי שרייבן באַזונדער אויך בא אינפיניטיוון און פּאַרטיציפּן: איך וועל גיין אַהיים (אַהער), איך וועל אַהיים (אַהער) גיין, איך בין אַהיים (אַהער) געגאַנגען; מיר וועלן אַהיים פאָרן... אַהיים געפאָרן...

Перевод: 1) предлог; 2) некоторые слова; 3) в качестве, как; 4) относится («тянется»); 5) к существительному; 6) облачко пробегает (проносится); 7) по её лицу;

8) *послелог* — частица, играющая ту же роль, что предлог, но поставленная после существительного; 9) на одной ноге выскакиваю; 10) на улицу; 11) для, ради; 12) пример; 13) раскрываю окно; 14) «*Мальчик Мотл*» (мальчик кантора Пейси); 15) *Михл* хватает быстро книги; 16) сует их (упаковывает) в мешок; 17) чудна́я (странная) эта Песя; 18) всюду она сует свой нос; 19) вырывает свою руку; 20) пускается бежать под гору; 21) открыто; 22) кто желал; 23) совсем хороший горшок; 24) выбрасывает его на улицу; 25) встречаются у современных литераторов реже; 26) нежели у старших авторов (сочинителей); 27) наречие; 28) не смешивать с наречиями. Наречия — самостоятельные слова — члены предложения; 29) показывающие часто время, место, образ действия; 30) направление; 31) часть слова; 32) даже когда отдельно; 33) часть сказуемого; 34) такие слова; 35) домой, сюда.

לייענט דורך און אקצענטירט ריכטיק די וויטערדיקע זאצן: 1) א שארבן לעבט איבער[1] א טאפ. 2) א צעלעכערטן זאק פילט מען ניט אן[2]. 3) זומער טוט ער אן דעם פעלץ[3], ווינטער טוט ער אויס[4] דעם פעלץ (א בוים). 4) בוזי האט אויפגעהערט צו וויינען[5] — און אלץ האט אויפגעלעבט. די זון האט אנגעהויבן צו שיינען[6], אזוי ווי פריער[7]. 5) זי הייבט אויף[8] אירע שיינע אויגן אויף מיר. 6) נידעריקער לאזט זיך אראפ[9] די זון און באפארבט דעם הימל מיט א רויטן פאס[10]. 7) איך האב אויפגעהויבן ביידע הענט ארויף[11]. אויפגעעפנט דאס מויל[12] און ארײַנגעצויגן אין זיך די פרישע ווארעמע לופט[13]. 8) מע איז אנגעטאן פון קאפ ביז די פיס שפאגל־נײַ[14]. 9) אז כאנע האט זיך אויסגעדונגען און געגעבן אן אויפגאב[15], איז זי צוגעגאנגען צו דער קאנאפע און צום בעטל[16], אויפגעהויבן דאס בעטגעוואנט[17], פאמעלינקע ארײַנגעקוקט אין אלע פארבארגענע ערטער[18] און האט שטארק געשפיגן[19]. 10) נאכמען דער סטאליער איז געשטאנען און געמאסטן די שאפע[20]... ער האט אלץ געדרונגען[21], אז די שאפע וועט ניט ארויס פון דער טיר[22]...

— וויאזוי זשע איז זי ארײַן?[23] — פרעגט אים מײַן ברודער עליע[24]. — ניי פרעג ניט[25]. — ענטפערט אים נאכמען מיט כעס[26]. — איך ווייס, וויאזוי זי איז ארײַן. מע האט זי ארײַנגעטראגן[27], איז זי ארײַן!

שטרײַכט אונטער[28] אין די פאריקע זאצן די צונאבן.

ברענגט די וויטערדיקע ווערבן (אינפיניטיוו) אין פארמיטיב.

1) גיין, דערגיין, פארגיין, צוגיין, אומגיין, אויסגיין, אועקגיין, ארײַנגיין, ארויסגיין, פארבײַגיין;

2) לויפן, אנטלויפן, דערלויפן, פארלויפן, אומלויפן, אויסלויפן, אוועקלויפן, ארויסלויפן, אפלויפן, צולויפן;

3) נעמען, דערנעמען, צונעמען, אומנעמען, אפנעמען, אועקנעמען, ארויסנעמען, אראפנעמען, צונעמען.

לעמאשל: געגאנגען, דערגאנגען... אומגעגאנגען, אויסגעגאנגען...

שטעלט צונויף זאצן מיט די וויטערדיקע ווערבן אין צוקונפט און אין פארגאנגענהייט.

אומברענגען — אומגעבראכט; פארברענגען — פארבראכט; אומקומען — אומגעקומען; בײַקומען — בײַגעקומען; פארהערן — פארהערט; אופהערן — אופגעהערט; באנעמען — באנומען; ארויסנעמען — ארויסגענומען; פארהאלטן — פארהאלטן; אויסהאלטן — אויסגעהאלטן; אנהייבן — אנגעהויבן; מיטפלינן — מיטגעפלינן; פארשטיין — פארשטאנען; אפשטיין — אפגעשטאנען; צעווארפן — צעווארפן; צוווארפן — צוגעווארפן; צענעמען — צענומען; צונעמען — צוגענומען; אויסוואשן — אויסגעוואשן[29]; אויסווישן[30] — אויסגעווישט.

Перевод: 1) черепок переживает (живет дольше); 2) дырявый мешок не наполнят; 3) летом надевает тулуп; 4) зимой раздевает; 5) перестала плакать; 6) на́чало сиять; 7) как раньше; 8) поднимает; 9) ниже опускается; 10) окрашивает небо красной полосой; 11) поднял обе руки вверх; 12) рот; 13) втянул в себя свежий теплый воздух; 14) одеты с головы до ног в новом; 15) когда Ханна сторговалась и дала задаток; 16) она подошла к софке и кроватке; 17) подняла постельные принадлежности; 18) потихоньку заглядывала во все открытые места; 19) плевала(сь); 20) столяр Нахман стоял и измерил шкаф; 21) делал вывод; 22) не выйдет через дверь; 23) как же он вошел? 24) спрашивает мой брат Эля; 25) спроти его; 26) зло; 27) вносили (внесли); 28) подчеркните; 29) вымы(вать); выстирать; 30) вытирать.

סינאנימען און אנטאנימען

סינאנימען: כאראַרים — צימערן; אלמער — שאפע; בגאדים — קליידער; ספארים — ביכער; גרעט — זעש; מישפאכע — געזינד — פאמיליע; סינע — פײַנט; כוילע — קראנקער; סעווע — גאטור; סוידעס — סעקרעטן; סטירעס — ווידערשפרוכן; טאמיד — שטענדיק — אלעמאל.

אנטאנימען: אלטער — ניַיער; אלטער — יונגער; עלטערער — יונגערער; אפענער — פארמאכטער; אייגענער — פרעמדער; גאנצער — האלבער; גוטער — שלעכטער; גיכער — לאנגזאמער; גרינגער — שווערער; ווארעמער — קאלטער; ווינטערדיקער — זומערדיקער; וויַיטער — נאענטער; לאנגער — קורצער; מיעסער — שיינער; מיגנטלעכער — פרייַנטלעכער; העכער — נידעריקער; פרויער — שפעטער; אינײינעם — באזונדער.

סובסטאנטיוון אייַנצאל און מערצאל

מענלעכער מין (דער): אוילעם[*], אופטערן, באטיַין, באפעלן, בענקע — בענקים, ברונעם, ברייַ־נעמער, בעקערס, דאך — דעכער, הארצלן, וואלד — וועלדער, וועגן, זאק — זעק, טיילן, יאמים, ען, לייטערס, מאיַאנטעק — מאיאנטקעס, מידבער — מידבאריעס, נאמען — נעמען, ניסאיַען — ניסיוינעס, סוינע — סאנים, סייפער — ספארים, עפל[*], פארדינסטן, פרימארגנס, צונגען, צווייגן, קרימענס, קייסער — קייסארים, קעלערס, קלומעק — קלומקעס, שארבנס, שטאפן, שטיינער.

ווייבלעכער מין (די): אייַנשטעלונגען, אנצינדונגען, באוועגונגען, ברייטע, בלומען, גאסן, דייגעס, האנט — הענט, וויַרקונגען, וועש[*], זאַכן, טונגען, טירן, יוגנט[*], כאסענעס, כמאַרעס, כאַכטן, מיטיילונגען, מיינונגען, נאז — נעז, נעזער, פערעגעס, פליסיקייטן, צאַרעס, צייטן, קיילע — קיילים, קעשענעס, קראפען, ריכטונגען, שוועריקייטן, שטאט — שטעט, שטוב — שטיבער, שמאסעס, שפאַרקאסעס.

נייטראלער מין (דאס): ארט — ערטער, בעטן, בעטלעך, בעטגעוואנט[*], געוועלד[*], הויז — הייזער, העמדער, העמדלעך, וואלקנדלעך, פאנעם — פענעמער, פעקלעך, פעלדער, פענצטער[*], קינדער, קליידער, קרייז[*].

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ווערבן מיט „זיך"

ווערבן קומען אָפט מיטן הילפוואָרט (פּאַרטיקל) „זיך"[1]. לעמאָשל: 1) א יונג ביימעלע בייגט זיך, און אַלטס ברעכט זיך[2]. 2) ברעכט זיך א רינג, צערייסט זיך די גאַנצע קייט[3]. 3) ניט אַזוי גיך מאַכט זיך, ווי עס טראַכט זיך[4]. 4) אײנעם דאַכט זיך, און באַם אַנדערן ליכט זיך[5]. 5) צו גוטס געוווינט מען זיך גיך צו[6].

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט[7]
און אָן אַ וואָרט געוואָר געוואָרן[8],
וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד[9] —
דאָרט בליט שוין קאָרן[10]

דאָוויד האָפשטיין

ווערבן מיטן פּאַרטיקל „זיך" ווײַזן: 1) א טוונג, וואָס דער סוביעקט טוט מיט זיך אַליין[11]. לעמאָשל: ער וואַשט זיך[12], פאַרקעמט זיך[13], טוט זיך אָן[14]; 2) א טוונג, וואָס דער סוביעקט טוט אײנער מיט נאָך עמעצן[15]. לעמאָשל: ער באַגעגנט זיך[16] מיט..., קושט זיך[17]..., נעמט זיך אַרום[18]...; 3) א טוונג, וואָס דריקט אויס א געוויסן צושטאַנד אָדער געפיל פונעם סוביעקט[19]. לעמאָשל: ער מאַטערט זיך[20], כידעשט זיך[21], פרייט זיך[22]; 4) א טוונג, וואָס קומט פאָר ווי פון זיך זעלבסט[23]. לעמאָשל: עס טראַכט זיך, עס ווילט זיך[24]. פאַרגלײַכט: ער וויל אַהיים — אים ווילט זיך אַהיים; ער פאַרמאַכט די טיר — די טיר פאַרמאַכט זיך.

אַנמערקונג 1[25]. בײַ א רײ שרײַבער טרעפט מען אָפט דעם פּראָנאָם „מיך" (און אַמאָל אויך „דיך"), אין אַזעלכע פאַלן, וווּ איצט וואָלט מען גיכער געשריבן דעם פּאַרטיקל „זיך"[26]. לעמאָשל: „א גאַנצן טאָג געפין איך מיך באַם טײַך[27] — אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך[28]. כאַפּן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין[29]" (שלום־עליכעם). איך באַוואַש מיך מיט טרערן (מענדעלע)[30].

אַנמערקונג 2. „זיך" איז אין א רײ פאַלן ניט קיין פּאַרטיקל, נאָר א זעלבשטענדיק וואָרט — אַן אומדירעקטער אָביעקט. פאַרגלײַכט:

1. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט[31].
2. ער האָט מיט זיך קײנעם ניט גענומען[32].
3. ער האָט זיך געקויפט א נײַעם קאָסטיום.

דער ערשטער „זיך" איז א פּאַרטיקל, דער צווייטער (2) און דריטער (3) זײַנען זעלבשטענדיקע ווערטער — אָביעקטן. דער פּאַרטיקל איז אָן אַקצענט, די אָביעקטן — מיט.

בײַ א ווערב אין צוקונפט אָדער אין פאַרגאַנגענהייט קומט דער פּאַרטיקל „זיך" געוויינלעך פאַר דעם אינפיניטיוו און פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: א יונג ביימעלע וועט זיך בייגן, און אַלטס וועט זיך ברעכן; א יונג ביימעלע האָט זיך געבויגן, און אַלטס האָט זיך געבראָכן. צוליב ריטמישע טעמים (מאָטיוון) קאָן דער „זיך" אַמאָל זײַן נאָכן אינפיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ, ווי אין האָפשטיינס פערז[33] „איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט".

אין קעגנוואַרט איז דער פּאַרטיקל „זיך" געוויינלעך גלײַך נאָכן פערזאָניקן ווערב. צוליב ריטמישע טעמים קאָן דער „זיך" זײַן א ביסל ווײַטער, ווי אין האָפשטיינס פערז „וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד". אין א פּראָזאַאישער שורה[34] וואָלט מען גיכער געשריבן: וואָס טוט זיך אויף פעלדער אַצינד (איצט).

אויב דער פערזאָניקער ווערב איז מיט א צונאָג, קומט דער פּאַרטיקל „זיך" צווישן דעם פערזאָניקן ווערב און דעם צונאָג. לעמאָשל: א יונג ביימעלע בייגט זיך אײַן; א יונג ביימעלע גלײַכט זיך אויס[35].

אויב נאָכן פערזאָניקן ווערב דאַרף זײַן א סוביעקט א פּראָנאָם (איך, דו, ער, זי, מיר, איר, זיי, מען...), שטעלט מען דעם „זיך" נאָכן סוביעקט. לעמאָשל: צו גוטס געוווינט מען זיך גיך צו; צו שלעכטס[36] וויל מען זיך ניט צוגעוווינען.

Перевод: 1) глаголы с частицей «зих», соответствующей часто русскому суффиксу *-ся*; 2) молодое деревцо гнется, старое ломается; 3) ломается звено, разрывается вся цепь; 4) не так скоро делается, как думается; 5) одному кажется, что у другого светится; 6) к добру быстро привыкают; 7) расцеловался с ветром; 8) узнал; 9) что делается теперь на полях; 10) там уже цветет рожь; 11) самим собой; 12) моется; 13) причесывается; 14) одевается; 15) вместе с кем-нибудь; 16) встречается; 17) целуется; 18) обнимается; 19) выражающее известное состояние или чувство; 20) мучается; 21) удивляется; 22) радуется; 23) как бы само собой; 24) хочется; 25) примечание; 26) местоимение «мих», «дих» встречаются порой... где теперь писали бы «зих»; 27) целый день нахожусь у реки; 28) ловлю рыбу или купаюсь; 29) ловить рыбу я научился сам; 30) умываюсь слезами; 31) принялся за работу; 32) никого не взял с собой; 33) стих; 34) строка; 35) выпрямляется; 36) зло.

קוקט זיך צו צו די פאָרמעס און צום סדר פון די ווערטער אין די ווײַטערדיקע פראַגמענטן.

אויסגעבעט אויף דער ערד, האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, ווי די גראַפן, צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאָלדרע (זינט האָט מען פאַרקויפט), און ס'איז מיר געווען זייער אָנגענעם צו הערן פון מײַן עלטערן ברודער, אַז אויף דער ערד צו שלאָפן איז גאָר ניט אַזוי שלעכט (שלום־עליכעם).

אַז דער זומער הייבט זיך אָן און די ביימער הייבן אָן צו בליען, זיך באַדעקן מיט ווײַסע פעדערלעך, קאָנט איר האָפן, אַז ניט הײַנט איז מאָרגן — וועלן זיך באַווײַזן אין די קורצע שטעכלדיקע ביימעלעך גרינע אַגרעסן. דאָס איז די ערשטע פּירות, וואָס עס גלוסט זיך אויך פאַרזוכן. פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן, ביז די אַגרעסן ווערן רויט. באַרגנים! איך זאָל האָבן די בראָכעס, וואָס גרינע אַגרעסן זײַנען מיר א סאַך מער באַטאַמט און געשמאַקער (שלום־עליכעם).

אין די ווײַטערדיקע פראַזעס פון שלום־עליכעמס „מאָטל“ זײַנען פאַראַן צוויי (2) „מיך“, וואָס האָבן דעם באַטײַט[1] פון „זיך“. ווײַזט זיי אָן[2].

מײַן ברודער עליע פירט מיך אַרײַן אין קראַנקן כײדער. דער טאַטע דערזעט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט אַ לאַנגן דאַרן פינגער[3]. מײַן ברודער שטופּט מיך אונטער[4]. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט[5]. אַלע שטעלן זיך אָפּ פאַר מיר[6]. מיר איז גוט — איך בין אַ יאַטעם[7]. אַלע ווילן מיך. פאַראַן באַלעבאָטים[8], וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק[9]. איך ווייס, אַז איצט וועט ער (עליע) מיך ניט אָנרירן[10], ווײַל איך בין אַ יאַטעם.

ווײַזט אָן די פּרעפיקסן און די צונאָבן אין די פריִקע פראַזעס און פראַגמענטן.

Перевод: 1) к порядку слов; 2) постелив на земле (на полу); 3) мы оба, я и мой брат Эля, растянулись как графы; 4) накрылись оба одним одеялом; 5) его (одеяло) продали; 6) и мне было очень приятно услышать от моего старшего брата; 7) что спать на земле вовсе не так плохо; 8) когда лето начинается; 9) цвести; 10) покрываться белыми пушинками; 11) можете надеяться; 12) не сегодня — то завтра; 13) на низеньких колючих кустах покажется зеленый крыжовник; 14) первый плод; 15) который вам хочется попробовать; 16) дожидаются; 17) пока крыжовник становится красным; 18) глупцы; 19) благословения; 20) в зеленом виде (состоянии) гораздо аппетитнее и вкуснее; 21) значение; 22) укажите их; 23) длинным тонким пальцем; 24) подталкивает меня; 25) если бы не стыдился, расплакался бы; 26) все заступаются; 27) сирота; 28) желающие, охотники; 29) на всегда; 30) не тронет.

ווערבן מיטן פּאַרטיקל „זיך“ רופט מען אָפט רעפלעקסיווע (ווידערקעריקע)[1], ווײַל מערסטנס[2] ווײַזן זיי אַ טוונג פון אַ סוביעקט, וואָס איז גלײַכצײַטיק[3] אַן אָביעקט: ער וואַשט זיך, ער טוט זיך אָן. אַזוי איז אויך בײַ אַזעלכע ווערבן, ווי באַגעגענען זיך, אַרומנעמען זיך: יעדער אָנטיילנעמער פון דער געמיינזאַמער טוונג[4] איז אי אַ סוביעקט אי אַן אָביעקט.

אַן ענלעכן אינהאַלט קען מען צומאָל אויסדריקן[5] דורך אַ רעפלעקסיוון ווערב אָדער דורך אַן אַקטיוון (ניט קיין רעפלעקסיוון). לעמאָשל: אײַנגעבן זיך — געלינגען[6]; דערשלאָגן זיך — פּועלן[7]; טומלען זיך — האַווען[8].

אַ רעפלעקסיווער ווערב קען אַמאָל האָבן דעם באַטײַט פון אַן אַקטיוון. לעמאָשל: דער הונט בײַסט זיך[9]. פאַרשטייט זיך[10], אַז ער בײַסט ניט זיך, נאָר עמעצן (אָדער אַלעמען). אַזוי איז אויך מיטן רעפלעקסיוון ווערב שלאָגן זיך[11]. מע קען זיך שלאָגן מיט עמעצן אָדער מיט עפּעס[12] און מע קען שלאָגן עמעצן, אַ צווייטן. שלום־עליכעמס מאָטל דערציילט אַזוינער: „מײַן ברודער עליע איז אַ געטרײַער[13] ברודער, אָבער ניט קיין גוטער רעבע[14]. ער איז אַ קעסן, ער שלאָגט זיך[15].

די רעפלעקסיוויקייט פון ווערבן פאַלט ניט שטענדיק צונויף[16] אין יידיש און אין רוסיש (אָדער אין אַנדערע שפּראַכן). לעמאָשל: די יידישע רעפלעקסיווע ווערבן לאַנגווײַלן זיך און סודען זיך זײַנען אין רוסיש скучать און секретничать — ניט רעפלעקסיוו. און די רוסישע ווערבן смеяться און сомневаться זײַנען אין יידיש: לאַכן און צווייפלען.

טיילמאָל טרעפט מען[17] ווערבן מיט „זיך“ אין אַזעלכע פאַלן[18], ווען עס דאַרפן זײַן אַקטיווע ווערבן[19]. לעמאָשל:

1. דערנאָך[20] האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט[21].
2. די ערשטע פאָלקסקיכן[22] האָבן זיך געשאַפן[23] אין דער באַלאַגערטער שטאָט[24]. ריכטיקער[25] איז דאָ צו זאָגן אַזוי: 1) דערנאָך האָט מען דעם וואַלד אויסגעהאַקט; 2) די ערשטע פאָלקסקיכן האָט מען געשאַפן אין דער באַלאַגערטער שטאָט.

Перевод: 1) возвратные; 2) большей частью; 3) одновременно; 4) каждый участник совместного действия; 5) сходное содержание можно порой выразить; 6) удаваться; 7) добиваться; 8) суетиться; 9) собака кусается; 10) понятно; 11) драться; 12) с чем нибудь; 13) преданный; 14) плохой учитель; 15) он вспыльчивый, он дерется; 16) не всегда совпадает; 17) порой попадаются; 18) в таких случаях; 19) когда должны быть *активные* глаголы (действительный залог); 20) затем; 21) лес вырубился; 22) первые народные кухни (столовые); 23) создавались; 24) в осажденном городе; 25) правильнее.

אַקטיווע, רעפלעקסיווע און פּאַסיווע ווערבן[1]

1. די דעלעגאַטן רעגיסטרירט מען באַם אַרײַנגאַנג[2].
2. די דעלעגאַטן רעגיסטרירן זיך באַם אַרײַנגאַנג[2].
3. די דעלעגאַטן ווערן רעגיסטרירט באַם אַרײַנגאַנג[2].

אין דער ערשטער פראַזע איז דער ווערב אַן אַקטיווער. „די דעלעגאַטן“ זײַנען אַן אָביעקט. דער סוביעקט, דער טוער (דער רעגיסטראַטאָר) איז דאָ דער פראָנאָם „מען“ („מען“ נעמט זיך פונעם סובסטאַנטיוו „מאַן“). אין דער צווייטער פראַזע איז דער ווערב אַ רעפלעקסיווער. דאָ זײַנען „די דעלעגאַטן“ אַ סוביעקט — זיי רעגיסטרירן זיך אַליין. אין דער דריטער פראַזע איז דער ווערב אַ פּאַסיווער. „די דעלעגאַטן“ זײַנען דאָ נאָר גראַמאַטיש אַ סוביעקט (דער ווערב ציט זיך צו זיי), אָבער פאַקטיש זײַנען זיי אַן אָביעקט: זיי אַליין טוען גאָרניש — מע טוט עפּעס מיט זיי.

אין רוסיש ווערן די צווייטע און דריטע פראַזעס איבערגעזעצט אַלצײַנס. אין יידיש, ווי איר זעט, מאַכט מען אַן אונטערשייד[3]. אין אייניקע פאַלן[4] זײַנען רעפלעקסיוו און פּאַסיוו אויך אין יידיש סינאָנימיש. לעמאָשל:

1. די באַגעגעניש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער סימכע[5].
2. די באַגעגעניש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער סימכע[6]. בכלל אָבער דאַרף מען געדענקען דעם אונטערשייד[7] צווישן אַקטיווע, רעפלעקסיווע און פּאַסיווע ווערבן.

די סטרוקטור פון אַ רעפלעקסיוון ווערב שיידט זיך אונטער[8] פון אַן אַקטיוון נאָר מיטן „זיך“. די סטרוקטור פון אַ פּאַסיוון ווערב איז: הילפווערב „ווערן“ אָדער „זײַן“ (בין, ביסט...)+פּאַרטיציפּ. לעמאָשל:

1) אין קעגנוואַרט: ער ווערט אָנגענומען אין אוניווערסיטעט. ער איז אָנגענומען...
2) אין צוקונפט: ער וועט ווערן (זײַן) אָנגענומען...; אָדער: ער וועט אָנגענומען ווערן;
3) אין פאַרגאַנגענהייט: ער איז אָנגענומען געוואָרן... ער איז געווען אָנגענומען...

מיט „ווערן" קומט אַ פּאַסיווער ווערב, ווען מע וויל ווײַזן אַן אָנהייב[11] פון אַ פּאַסיווער טוונג (אָדער צושטאַנד); מיט „זײַן" קומט ער, ווען מע וויל ווײַזן בכלל אַ פּאַסיווע טוונג (אָדער צושטאַנד). פאַרגלײַכט: די יוגנט[12] ווערט אָרגאַניזירט — די יוגנט איז אָרגאַניזירט.

פּאַסיווע סטרוקטורן ווערן מען אין ייִדיש אָן זעלטענער[13], איידער אין רוסיש. דעריבער דאַרף מען בכלל אויסמײַדן[14] אַזעלכע פאָרמולירונגען, ווי פאָלגנדיקע:

1. מע וועט דאָ געשאַפֿן ווערן[15] אַ סאַנאַטאָריע פאַר קינדער.
2. וועגן דעם איניינען[16] איז געפירט געוואָרן אַ לאַנגע דיסקוסיע. אין ייִדיש איז בעסער: 1) דאָ וועט מען שאַפֿן (דאָ וועט זײַן) אַ סאַנאַטאָריע פאַר קינדער; 2) וועגן דעם איניין האָט מען געפירט אַ לאַנגע דיסקוסיע.

באַזונדערס[17] דאַרף מען אין ייִדיש אויסמײַדן אַזעלכע פּאַסיווע זאַצן, ווי פאָלגנדיקער:

„עס זײַנען געלייגט געוואָרן בלומענקרענץ[18] דורך דעם שטאָטראַט[19], דורך אַנטיפאַשיסטישע קעמפער[20] און דורך אַ ריי פאַרשיידענע אַנשטאַלטן[21]". פאַר ייִדיש, וואָס האָט ווייניקער ביינפאָרמען[22], איידער רוסיש, און איז ניט אַזוי שטאַרק[23] פאַרקאַנצעלאַריזירט, ווי דאָס אָפיציעלע רוסיש, איז פּאַסיקער[24], מע זאָל זאָגן אַזוי: עס האָבן געלייגט בלומענקרענץ דער שטאָטראַט, אַנטיפאַשיסטישע קעמפער, אַ ריי פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. אַזוי איז קירצער, גרינגער און נאַטירלעכער[25].

דאָס הייסט אָבער ניט[26], אַז די פּאַסיווע סטרוקטור איז בכלל טרייף[27]. עס זײַנען פאַראַן פאַלן, ווען זי איז גאַנץ פּאַסיק. למשל: „די שטרעבונג פון אַנאַ פראַנק „צו לעבן נאָכן טויט"[28] איז דערפילט געוואָרן אין אַ געוויסער הינזיכט[29]".

„די שטרעבונג..." איז דאָ אַ גראַמאַטישער סוביעקט (און אַ פאַרקטישער אָביעקט). קיין פאַקטישער סוביעקט איז דאָ ניטאָ. קיינער האָט זיך ניט באַמיט[30] אויסצופילן די דאָזיקע שטרעבונג. עס האָט זיך אַליין פון זיך באַקומען[31], ניט געקוקט אויף אַלע מערדערײַען[32] פון די פאַשיסטן. קיין „מען" איז דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך ניט שײַך[33]. דעריבער איז דאָ די פּאַסיווע סטרוקטור באַרעכטיקט[34].

צום פּאַסיוו איז אַמאָל אויך נייטיק אָנצוקומען[35], כדי אויסצומײַדן אומקלאָרקייטן[36]. פאַרגלײַכט[37] למשל:

1. די ליסטע פון ליטעראַטן[38]... דאַרף פעסטשטעלן[39] אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע.
2. די ליסטע פון ליטעראַטן... דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן דורך אַ ליטעראַרישער קאָמיסיע (פּערעץ).

אין דער ערשטער פראַזע איז ניט גאָר קלאָר, ווער איז דער סוביעקט און ווער דער אָביעקט. אין דער צווייטער פראַזע זעט מען, אַז דער גראַמאַטישער סוביעקט איז „די ליסטע פון ליטעראַטן" (דער פאַקטישער טוער[40] איז „אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע").

צום פּאַסיוו איז אויך קדאַי[41] אָנצוקומען, ווען מע וויל אויסשטעלן[42] דעם פאַקטישן אָביעקט (און די טוונגען) און דער „מען" איז ניט פּאַסיק[43]. למשל: פון דער מענטשלעכער[44] טראַגעדיע מוז באַפרייט ווערן[45] די וועלט (פּערעץ).

פאַרגלײַכט די סטרוקטורן פון פאָלגנדיקע פראַזעס:

1) דעם העלד[46] פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט מען שוין געפרוווט שלאָגן מאָראַליש[47] און באַנעמען מאַטעריעל[48] פון קאָפּ ביז די פיס.

2) דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט שוין געפרוווט געשלאָגן ווערן מאָראַליש און באַנומען ווערן מאַטעריעל פון קאָפּ ביז די פיס (שאָלעם-אַליכעם).

שאָלעם-אַליכעם האָט געוואָלט, אַז דער העלד זאָל זײַן ניט קיין אָביעקט, נאָר אַ סוביעקט (דער צענטער, דער טוער) פונעם זאַץ. דעריבער איז ער דאָ אָנגעקומען צום פּאַסיוו.

ברענגט די ווײַטערדיקע זאַצן אין צוקונפט און דערנאָך אין פאַרגאַנגענהייט.

1) איך פאָר זיך דורך קיין מיצרים[49]. 2) דער זומער הייבט זיך אָן, און די ביימער הייבן אָן צו בליִען[50]. 3) די מאַמע קלאָגט זיך אויף איר מאַזל[51]. 4) איך באַרים זיך מיט מײַנע מאַיאָנטקעס. 5) איך שטעל זיך אוועק און הער זיך צו צו זײַנע ווערטער. 6) וואָס מע רעדט באַטאָג — דאָס חלומט זיך באַנאַכט[52].

Перевод: 1) действительные, возвратные и страдательные; 2) делегатов регистрируют у входа; 3) делегаты регистрируются у входа; 4) деятель; 5) различают; 6) в некоторых случаях; 7) встреча превратилась в большое торжество; 8) была превращена (превратилась); 9) разница, различие; 10) отличается; 11) начало; 12) молодежь; 13) применяют реже; 14) избежать; 15) будет создана; 16) об этом деле (по этому поводу); 17) в особенности; 18) венки; 19) горсовет; 20) борцы; 21) разные учреждения; 22) меньше падежных форм; 23) не так сильно; 24) больше подходит; 25) короче, легче и естественнее; 26) но это не значит; 27) вообще недозволена; 28) стремление Анны Франк «жить после смерти»; 29) выполнено в известном смысле; 30) никто не старался; 31) само собою получилось; 32) несмотря на все злодеяния; 33) невозможно, немыслимо; 34) оправдана; 35) иногда нужно прибегать (применить); 36) чтобы избежать неясностей; 37) сравните; 38) список литераторов; 39) установить, определить; 40) фактический деятель; 41) стоит, выгодно; 42) выделить (подчеркнуть); 43) не подходит; 44) от человеческой; 45) освободиться; 46) героя; 47) уже пробовали колотить морально; 48) обирать материально; 49) в Египет; 50) цвести; 51) жалуется на свою судьбу; 52) снится ночью.

דאַצענט ע. פאַלקאָוויטש

מאָדוסן[1]

(פּאַקטישע און ניט קיין פּאַקטישע מאָדוסן)

די צײַטפאָרמען קאָנגוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט („סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 1, 1977) ווײַזן טועכצן, וואָס קומען פאָר[2], זײַנען פאָרגעקומען אָדער וועלן פאָרקומען. אַלע טועכצן געהערן[3] צום פּאַקטישן מאָדוס (אינדיקאַטיוו)[4], אויב אַפילו[5] זיי זײַנען מיטן פּאַרטיקל „ניט".

ניט קיין פּאַקטישע מאָדוסן[6] זײַנען אין ייִדיש פאָלגנדיקע[7]: באַדינג-מאָדוס[8], באַדויער-מאָדוס[9], באַפעל-מאָדוס[10], געמישטער מאָדוס[11].

I. באַדינג-מאָדוס באַטײַט אַ טועכץ, וואָס וואָלט פאָרגעקומען[12] בײַ אַ געוויסן טנאַי (באַדינג)[13] אָדער בײַ אַ געוויסער האַשאָרע[14], אָבער פּאַקטיש קומט זי ניט פאָר. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז פּערזאָניקער הילפֿווערב „וואָלט"+אינפיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ. לעמאָשל:

1. ווען אַ חזיר וואָלט האָבן הערנער[14], וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט[15].
2. ווען טילים[16] וואָלט זײַן אַ רפואה[17], וואָלט מען עס פאַרקויפט אין אַפּטייק[18].
3. בײַ דער מויד מאַריע (מירים)[19] איז געווען נאָר איין זון[20], און וויפל איז איבער אים פאַרגאָסן געוואָרן בלוט[21]. וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נאָך געהאַט (געבאָרן) אַ פּאָר[22] די גאַנצע ערד וואָלט אָן מענטשן געבליבן[23] (וואָלטער, 1694—1778)[24].

ווען ס'וואָלט געווען אַזאַ מין קאַנט[25],
ווו קיינער ווערט ניט עלטער[26],
ווו ס'לויכט דער הימל נאָכאַנאַנד[27]
אַ ייִנגער, אַ צעהעלטער[28],

איך וואָלט געוויס[29] — צי פרי, צי שפּעט[30]
צו אָט דעם ווּנדער טרעפן[31]
און וואָלט דעם שומער אײַנגערעדט[32]:
— דעם טויער עפן...[33]

אווראָם גאָנטאַר

II. באַדויער-מאָדוס באַטײַט באַדויערונג אָדער כאַראָטע. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז הילפֿוואָרט „געבט" אָדער „כּדי"+פּערזאָניקער הילפֿווערב „וואָלט"+פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיוו. לעמאָשל: געבט וואָלט זי מיך געכאַפּט אַליין, אָן עדות[34], וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן בײַ איר[35] (שלום-עליכם).

אָנמערקונג. אַנשטאָט[36] „כּדי וואָלט" זאָגט מען אין אַ רײַ ערטער[37] „כאָלט". לעמאָשל: כאָלט איך בעסער ניט געגאַנגען אַהין. כאָלט איך אים בעסער ניט גענומען מיט זיך.

Перевод: 1) наклонения; 2) действия, которые происходят; 3) принадлежат, относятся; 4) изъявительное наклонение; 5) если даже; 6) ирреальные наклонения; 7) следующие; 8) сослагательное (условное) наклонение; 9) выражающее сожаление или раскаяние; 10) повелительное; 11) «смешанное» наклонение; 12) которое произошло бы при известном условии; 13) при известном предположении; 14) если свинья имела бы рога; 15) мир (свет) не существовал бы; 16) псалтырь — библейская книга молитв, песнопений; 17) лекарство; 18) продавали бы в аптеке; 19) у девы Марии; 20) один сын; 21) а сколько из-за него пролилось крови; 22) если бы родила двоих? 23) вся земля обезлюдела бы; 24) Вольтер; 25) такой край; 26) где никто не стареет; 27) светит небо сплошь (подряд); 28) яркое; 29) наверняка; 30) рано или поздно; 31) к этому диву попал бы; 32) и сторожа уговорил бы; 33) открой ворота; 34) хоть бы она одна поймала меня, без свидетелей; 35) и бы мог отпроситься у нее; 36) вместо; 37) в ряде мест.

III. באַפעל-מאָדוס (אימפּעראַטיוו). דאָס איז דער פאַרשפרייטסטער מאָדוס[1]. ער באַטײַט אַ באַפעל, אַ באַקשה[2] אָדער אַ פאַרלאַנג[3] וועגן אַ טועכץ, וואָס עס דאַרף געוויינלעך[4] טאָן אַ צווייטע פּערזאָן[5] אין איינצאָל אָדער אין מערצאָל. די סטרוקטור פונעם דאָזיקן מאָדוס איז ענלעך[6] צו דער ערשטער פּערזאָן איינצאָל פון קאָנגוואַרט (ויך. פאַרשרײַב, קוק זיך אײַן, רו זיך אָפּ) אָדער צו דער צווייטער מערצאָל (ויצט. פאַרשרײַבט, קוקט זיך אײַן, רוט זיך אָפּ). ניט ענלעך זײַנען בלויז[7] די ווערטער „בין"— „זײַ": איך בין דאָ — זײַ אויך דאָ.

1. האָסטו — האַלט! ווייסטו — זאָג; קאָנסטו — טו![8]
2. ווילסט ניט — הער ניט[9], אָבער דעם אַנדערן שטער ניט![10]
3. גרייט דיר אָן אין דער יוגנט[11], וועסטו האָבן אויף דער עלטער[12].
4. ווילסט האָבן אַ פּנים בײַ לײַטן[13], האָב פריער בײַ זיך אַליין[14].
5. לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן[15], וואָס דו קאָנסט הײַנט באַזאָרגן[16].

אָנמערקונג. דאָס באַפעל-מאָדוס פון אַ ווערב מיט אַ צונויף קאָן דער צונויף אַפּמאָל זײַן אָן דעם גרונטווערב. לעמאָשל: אַרויס! אַוועק! אין מערצאָל ווערט אַזאַ צונויף קומען מיט דער פלעקסיע „־ט". לעמאָשל: אַוועקט, אַוועקט, פאַלשע געדאַנקען[17] (שלום-עליכם).

Перевод: 1) самое распространенное наклонение; 2) повеление; просьбу; 3) желание; 4) обычно; 5) второе лицо; 6) похож(а); 7) лишь, только; 8) имеешь — держи; знаешь — скажи; можешь — делай; 9) не хочешь — не слушай; 10) но другому не мешай; 11) приготовь себе в молодости; 12) в старости; 13) у людей (у других); 14) имей раньше у себя самого; 15) не откладывай на завтра; 16) что ты можешь сегодня обеспечить; 17) прочь, прочь, фальшивые мысли!

באַפעל-מאָדוס איז אָפט געווענדט[1] ניט דאַפקע[2] צו אַ קאָנקרעטער (צווייטער) פּערזאָן. נאָר צו יעדן איינעם[3], ווי אין פאָלגנדיקן פראַגמענט פון שלום-עליכמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל":

אָט, טרעפט[4], ווו איז דער גן-עדן[5]? איר וועט ניט טרעפן. ווייסט איר, פאַרוואָס[6], ווײַל בײַ איטלעכן[7] איז ער אויף אַן אַנדער אָרט[8]. לעמאָשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גן-עדן איז דאָרטן[9], ווו מען

טאַטע, פּייסי דער כאַזן, געפֿינט זיך[10]... פֿרעגט זשע אָבער מײַנע כאַווײרים[11], וועלן זיי אײַך דערציילן מײַסעס[12], אַז דער גאַנײדן געפֿינט זיך ערגעץ אויף אַ באַרג[13]... יונגלעך ליגן דאָרט אַרום פֿראַנק־און־פֿרײַ[14], לערנען לערנט מען ניט[15], נאָר מע באָדט זיך גאַנצע טעג[16]... זײַט איר שוין פֿאַרטיק[17]? קומט צו גיין אַ ייִד אַן אײַנבינדער[18] און טוט זיך אַ זאָג[19], אַז דער עמעסער[20] גאַנײדן איז גאָר פֿרײַטיק אין באָד[21]... הײַנט גיי דערגיי אַן עק[22]!

זעט אויך אין פּערעץ מאַרקישעס פֿראַגמענט[23].

עפֿנט טירן, קומט אין דרויסן[24],
רײַסט[25] די פֿענצטער, ברעכט זיי אויס[26],
נעמט אַרײַן דעם גאַסט דעם גרויסן[27],
קומט אַנטקעגן אים אַרויס[28]!
ס׳איז הײַנט יאָמטעוו אין די גערטנער[29],
אויף די גאַסן — אומעטום[30].

ס׳איז הײַנט ליכטיק[31], זעט נאָר, הערט נאָר[31],
ווי עס טאַנצן ווינטן אום[32],
הערט נאָר, ווי די צווײַגן טרעשטשען[33]
און דער טײַך ווי שרײַט און ברומט[34],
הערט נאָר פֿײַפֿן[35], הערט נאָר סווישטשען[36] —
קומט אין דרויסן, גיכער[37] קומט!

באַפֿעל־מאָדוס קאָן זײַן געווענדעט אויך צום ריידער גופֿא[38] און זײַן אין אײנצאָל. לעמאָשל: די וועלט אַרום און אַרום[39] איז מעכטיק[40], גרויס, אָפֿן[41], כאָטש הייב זיך אויף און פֿלי[42], כאָטש צי זיך אויס און שווים[43] (שאָלעם־אַלייכעם).

אַ באַפֿעל ווענדן אַ טונג איז אָפֿט שײַכעס[44] צו אַ דריטער פּערזאָן אָדער זאַך[45]. דעמאָלט איז די סטרוקטור פֿונעם באַפֿעל־מאָדוס — פּערזאָניקער הילפֿווערב „לאָז, לאָזן+אינפֿיניטיוו". לעמאָשל: לאָז ער לייענען[46], לאָז מען אויפֿהערן טומלען[47], לאָזן זיי גיין[48].

אָנמערקונג. „לאָזן" איז פֿאַראַן אויך אַ זעלבשטענדיקער ווערב. לעמאָשל: איך האָב אים געלאָזט[49] אין שטוב. דער דאָזיקער ווערב קאָן זײַן אויך אין באַפֿעל־מאָדוס: לאָז דאָס קינד אין שטוב[50].

Перевод: 1) часто обращен(о); 2) не только; 3) к любому; 4) ну-ка, отгадайте; 5) где рай?; 6) вы знаете, почему?; 7) у (для) каждого; 8) в другом месте; 9) там; 10) где кантор Пейся находится; 11) но спросите моих товарищей; 12) расскажут сказки; 13) где-то на горе; 14) совершенно свободно; 15) не учатся; 16) купаются целые дни; 17) думаете — это все (закончено); 18) переплетчик; 19) заявляет (сказанул); 20) настоящий (истинный); 21) в пятницу в бане; 22) вот и добейтесь толку; 23) отрывок Переца Маркиша; 24) откройте двери, идемте на улицу (снаружи); 25) рвите; 26) выбивайте; 27) большого гостя; 28) идемте ему навстречу; 29) праздник в парках; 30) всюду; 31) светло; 31) смотрите-ка, слушайте-ка; 32) как кружатся (танцуют) ветры; 33) как ветви трещат; 34) как орет и рычит река; 35) и 36) свистки; 37) быстрее; 38) к самому говорящему; 39) мир кругом; 40) замечателен (оживляет); 41) открыт; 42) хоть поднимись и лети; 43) растянись и плыви; 44) относится; 45) предмету; 46) пусть читает; 47) пусть перестанут шуметь; 48) пусть идут; 49) оставил; 50) оставь дома.

ווען די טונג וויל מאַכן דער ריידער גופֿא אָדער אײַנאײַנעם מיט נאָך עמעצן, איז די סטרוקטור פֿונעם באַפֿעל־מאָדוס אַנדערש: „לאָמיך" (אײנצאָל) אָדער „לאָמיר" (מערצאָל)+אינפֿיניטיוו. לעמאָשל: לאָמיך זיך נעמען דערצו[1], לאָמיר אָנהייבן די אַרבעט[2]. אַמאָל קומט „לאָמיך" (לאָז מיך) אָדער „לאָמיר" אָן דעם אינפֿיניטיוו. לעמאָשל: מאַמע! לאָמיך אַהיים. מאַמע! (פּערעץ).

קוקט זיך צו צו די ווערב־פֿאָרמעס אינעם ווײַטערדיקן פֿראַגמענט פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „שיר־האַשירים" און אין שיקע דריזס ליד „גוטמאָרגן".

און אָט זײַנען מיר באַם בריקל[3].

דאָס טײַכל לויפֿט[4], די זשאַבעס קוואַקען[5], און די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך[6]. און בוזי ציטערט[7].

— אַך, ביסטו, בוזי, אַ... וואָס האָסטו מורע, נאַרעלע?[8] האַלט זיך אָן אָן מיר[9], אָדער גיב, לאָמיך דיך אַרומנעמען[10], איך דיך, און דו מיך[11]. זעסטו?[12] אָט אַזוי, אָט אַזוי[13].

איך וווין[14] אין מאָסקווע,
דו — אין פּאַריז[15],
דיך רופֿט מען שאַרל[16],
מיך — שיקע דריז.

לאָמיר זשע לייטערס[17]
בײַ שכנים אַנטלײַען[18]
און אײנער דעם צווייטן
גוטמאָרגן זיך שרײַען[19].

Перевод: 1) давай возьмусь за это; 2) начнемте работу; 3) вот мы у мостика; 4) речка течет (дословно: бежит); 5) лягушки квакают; 6) а доски шатаются, качаются; 7) а Бузя дрожит; 8) чего ты боишься, глупенькая? 9) (при)держись за меня; 10) или дай я тебя обниму; 11) я тебя, а ты меня; 12) ты видишь? 13) вот так; 14) живу; 15) ты в Париже; 16) тебя зовут Шарль; 17) давайте мы лестницы; 18) у соседей возьмем (займем); 19) и друг друга добрым утром поприветствуем (дословно: один другому будем кричать: доброе утро).

VI. געמישטער מאָדוס. דער געמישטער מאָדוס באַטײַט: אַ באַדינג, אַ באַפֿעל, אַ פֿאַרלאַנג ווען אַ טונג, אָפֿטמאָל אויך אַ כידעש, אַ האַשאָרע אָדער אַן אומזיכערקייט אין דער טונג פֿון דער מיטטיילונג און נאָך אַנדערע. די סטרוקטור פֿונעם דאָזיקן מאָדוס איז הילפֿווערב „זאָל"+אינפֿיניטיוו. לעמאָשל: וואָס אַ גראָבער בויך קאָסט, וואָלט איך געוואָלט האָבן; וואָס ער איז ווערט, זאָלן מײַנע סאָנים פֿאַרמאָגן.

זעט אויך אין די ווײַטערדיקע פֿראַגמענטן פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל":

1) איך זאָל זײַן אַ קייסער, וואָלט איך אַ גאַנץ יאָר געגעסן קאַווענע מיט ברויט. 2) דער כאַזן, מײַן ברודער עליע, קוקט אויף מיר, איך זאָל זיצן ווי אַ מענטש, איך זאָל עסן מיט אַ גאָפּל און זאָל ניט כאַפּן, און זאָל אַכטונג געבן אויף דער נאָז. 3) זיי זאָגן, אַז איך עס, מאַך איך מיט די ליפּן. איך וואָלט וועלן זײַן יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און ניט מאַכן מיט די ליפּן. 4) מײַן ברודער עליע הערט אויס די מײַסע מיט די עפּל און ווערט בלאַס. אָפּגעגעסן, פֿאַר קאַסט. די מאַמע דערזעט, אַז ער איז אויסער זיך. זי האָט מוירע, ער זאָל מיך ניט שלאָגן. זי רופֿט אים אָפּ אין אַ זײַט, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעם איך בין אַ יאָסעם. 5) אַך, ווען די מאַמע זאָל זײַן אַ גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך גע־

מאַכט פאַר א קלעזמער[21], איך װײס אָבער[22], אַז זי װעט דאָס ניט װעלן[23], ניט מאַכמעס זי איז א שלעכטע[24], נאָר מאַכמעס די װעלט װעט ניט דערלאָזן[25], אַז פּיטי דעם כאַזנס יינגל זאָל זײן א קלעזמער און ניט קײן באַלמעלאָכע[26].

אַמאָל איז געװען...
אַז אַמאָל איז געװען, איז ניט װיכטיק נאָך[27].
װיכטיק איז, עס זאָל װידער זײן[28].
זוך אין אַמאָליקן א ליכטיק אָרט[29],
ס'זאָל אױך אױף איצטיקן װאַרפן שײן...[30]

דאָװיד האָפשטײן

Перевод: 1) удивление; 2) неуверенность; 3) сообщение; 4) что толстое брюхо стоит; 5) какая ему цена; 6) пусть мои враги имеют; 7) будь я царем; 8) арбуз с хлебом; 9) вилка; 10) чтоб не торопился; 11) чтоб следил за носом; 12) «делаю» губами; 13) того человека; 14) бледнеет; 15) видимо (вероятно), от гнева; 16) вне себя; 17) боится; 18) просит его шепотом (дословно: шепчет ему секрет); 19) ибо я сирота; 20) если бы; 21) музыкант; 22) но я знаю; 23) она не захочет; 24) не потому, что она плохая (злая); 25) мир не допустит; 26) ремесленник; 27) еще неважно; 28) чтобы опять было; 29) ищи в былом светлое место; 30) чтобы и на теперешнее бросало свет.

אָפט קאָן אײן מאָדוס קומען אָנשטאָט א צװײטן, האָבן דעם באַטײט פון א צװײטן. לעמאָשל, די פאָרמע „װאָלט“+פּאַרטיציפּ אָדער אינפיניטיװ קאָן צוליב העפלעכקײט[1], צוליב אָפּשײ[2] אָנגעװענדט װערן אױף אױסצודריקן[3] א טױנג, װאָס מע מײנט זי אַלס א פאַקטישע[4]. אָנשטאָט „איך בעט אײך אױסהערן מיך ביזן סאָף“[5] זאָגט מען: „איך װאָלט אײך געװאָלט בעטן[6] אױסהערן מיך ביזן סאָף“. און פאַרקערט[7]: קענען פאָרשטעלן[8] א באַדינגלעכע[9] טױנג אַלס א מער לעבעדיקע[10], קאָן אָנשטאָט באַדינג-מאָדוס קומען פאַקטישער מאָדוס. לעמאָשל: װען איך בין זיכער[11], אַז די דײטשישע אַרמײ װעט זײן געשלאָגן, װעל איך אױף די קריגסגעפאַנגענע[12] און גײ מיט דיר אַרױס אין גאַס (דאַנױעל). אָנשטאָט באַפעל-מאָדוס װערן אָפט אָנגעװענדט אַלע אַנדערע מאָדוסן, װײל דאָס גיט די מעגלעכקײט אױסצודריקן פאַרשײדענע ניואַנסן פון א העפלעכן אָדער האַכנאָעדיקן[13] פאַרלאַנג אָדער באַפעל.

אָנמערקונג. א פאַרלאַנג אָדער א באַפעל װעגן א טױנג קאָן מען אױסדריקן אױך דורך אן אינפיניטיװ. לעמאָשל: העכערן די פּראָדוקטיװקײט. און אַמאָל אַפילע אינגאַנצן[14] אָן א װערב. לעמאָשל: שטאַרקער די פעלקער-פרײנטשאַפט[15].

קוקט זיך צו צו די װערבפאָרמעס אינעם װײַטערדיקן פראַגמענט פון יִצחק-לײבוש פּערעצעס „װעבער-ליבע“[16], געשריבן אין 1897 יאָר.

...מיר חלומט זיך[17] א רײנע אױפגעראַמטע שטוב[18]; צװײ בעטן הילצערנע[19], זאָל זײן צו אײנציקע קישן[20], נאָר װײסע, שנײ-װײסע ציכן[21]. א ברױט אין װײסן הילצערנעם אַלמער[22], א האַלב פונט פלײש צו מיטיק אױף א פּערזאָן[23], און װעט גאָט א קינד געבן[24], זאָל דערפאַר אין דער מוטערס ברוסט זײן מילך[25], פרישע מילך, ניט גאַל, ניט סאַם[26]. אָנטאָן װיל איך מיך אָרעם, נאָר רײן[27], זאָל זײן געלאַטעט, נאָר נישט צעריסן[28]. און װאָס נאָך װיל איך? אַז מײן װײב און מײן קינדס מוטער זאָל זײן די, װאָס איך װײס[29], צו װעלכער ס'ציט מיך מיטן גאַנצן לעבן, מיט דער גאַנצער נעשאָמע[30]. אָט אַזױ װײניק װיל איך[31], נאָר דאָס װײניקע קאָן אױך נישט געשען[32]. װײל איך מוז אַנדערע שפּײזן און אַלײן הונגעריק זײן[33]. איך בין קײנעם נישט מעקאַנע[34], דאָך פאַרדריסט מיך[35], פאַרװאָס בין איך נאָר א רינע[36], װאָס לאָזט דורך דאָס װאַסער, און אַלײן טרינקט זי נישט[37].

Перевод: 1) учтивость; 2) почтение; 3) выразить; 4) которое мыслится как реальное; 5) прошу вас выслушать меня до конца; 6) я бы хотел вас просить; 7) наоборот; 8) чтобы представить; 9) условное; 10) более живо; 11) будь я уверен; 12) военнопленные; 13) покорный; 14) совершенно; 15) прочнее (крепче) дружбу народов; 16) «Любовь ткача»; 17) мне грезится; 18) чистый убранный дом; 19) деревянные кровати; 20) пусть по одной подушке; 21) но белые, белоснежные наволки; 22) хлеб в ... шкафу; 23) полфунта мяса к обеду на человека; 24) если бог ребенка даст; 25) чтобы для него в груди матери было молоко; 26) свежее, не желчь, не яд; 27) одеваться хочу бедно, но чисто; 28) пусть заплатано, но не порвано; 29) чтобы моей женой и матерью ребенка была та, которую знаю; 30) к которой меня влечет всею жизнью, всею душою; 31) так мало я желаю; 32) не может совершиться; 33) должен других кормить, а самому быть голодным; 34) никому не завидую; 35) но досадует; 36) почему я только водосточная труба; 37) которая пропускает воду, а сама не пьет.

דאָצענט ע. פאַלקאָװיטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

אַספּעקטן: דויערדיקע און מאָמענטאַלע[1]

אַ סך ווערבן האָבן פֿאָרמען, וואָס ווײַזן דעם דויער פֿון דער טוּונג[2]. לעמאָשל:

קוקן[3]	האַלטן אין קוקן[4]	אַ קוק טאָן (געבן)[5]
שטופּן[6]	האַלטן אין שטופּן[7]	אַ שטופּ טאָן (געבן)[8]

די ווערבן רעכטס[9] ווײַזן אַ טוּונג סטאַם[10]. דאָס איז אַ נול־אַספּעקט[11]. אינמיטן[12] ווײַזן די ווערבן דויערדיקע טוּונגען, לינקס[13] ווײַזן זיי טוּונגען, וואָס קומען פֿאָר גיך, מאָמענטאַל[14].

די סטרוקטור פֿון אַ דויערדיקן ווערב איז הילפֿווערב האַלטן[15] + פּרעפּאָזיציע „אין"[16] + אַן אינפֿיניטיוו, וואָס ווײַזט די טוּונג: איך האַלט אין שרײַבן[17], איך האַלט אין לייענען[18], איך האַלט אין דערציילן[19].

ווען מע וויל דעם דויער פֿון דער טוּונג נאָך מער פֿאַרשטאַרקן[20], שטעלט מען פֿאַר דעם אינפֿיניטיוו אַרײַן דאָס וואָרט „איין"[21]. לעמאָשל: איך האַלט אין איין שרײַבן[22], איך האַלט אין איין לייענען, איך האַלט אין איין דערציילן.

זי (די מאַמע) האַלט אין איין יאָמערן[23] און אין איין כאַלעשן[24] (שאָלעם־אַלייכעם).

בוניע די קעכין[25] האָט געהאַלטן אין איין בלאָזן[26] (ד. בערגעלסאָן).

סײַ אין פֿרייד און סײַ אין טרויער[27]
הײַזער האַלט מען אין איין בויען[28],
קינדער האַלט מען אין איין האָבן[29],
און... פֿאַרשטייט זיך, גריבער גראָבן[30].

שיינע אָדעמלעך און כאַוועס[31],
זינט די וועלט איז נאָר געבאָרן[32],
האַלטן שטענדיק אין איין האָרעווען[33]
אויף דעם מאָרגן צו באַזאָרגן[34].

שיפֿרע כאַלאָדענקאָ (אַ פֿראַגמענט).

Перевод: 1) Виды: длительные и мгновенные; 2) показывающие продолжительность действия; 3) смотреть, глядеть; 4) длительно смотреть; 5) посмотреть, взглянуть; 6) толкать; 7) длительно толкать; 8) толкнуть; 9) справа; 10) вообще — без определенного видового значения; 11) нулевой аспект (вид); 12) в середине; 13) слева; 14) происходящие мгновенно (моментально); 15) вспомогательный глагол «держать»; 16) предлог «в»; 17) я занят писанием; 18) занят чтением; 19) занят рассказом; 20) при желании усилить (удлинить) продолжительность действия; 21) перед инфинитивом вставляют слово «эйн» — один, одна, одно; 22) занят одним только писанием; 23) не перестает вопить (стенать); 24) и падать в обморок; 25) кухарка Буня; 26) только одно и делала — дула; 27) и в радости и в печали; 28) заняты строительством домов; 29) детей рожают; 30) и, понятно, ямы копают; 31) Адамчики и Евы; 32) с тех пор как мир родился; 33) постоянно суетятся; 34) дабы обеспечить завтрашний день.

מאָמענטאַלער ווערב

די סטרוקטור פֿון אַ מאָמענטאַלן ווערב איז הילפֿווערב „טאָן" אָדער „געבן" + אַרטיקל „אַ" + אַ סובסטאַנטיוו, וואָס ווײַזט די טוּונג: איך טו (גיב) אַ קוק, איך טו (גיב) אַ זאָג, איך טו (גיב) אַ בלאָז.

טיילמאָל קומט אַ מאָמענטאַלער ווערב מיטן הילפֿווערב „כאַפּן". לעמאָשל: דערבײַ כאַפּט זי דערווײַל אַ וויין און אַ ווייש די אויגן (שאָלעם־אַלייכעם).

דער סובסטאַנטיוו פֿון אַ מאָמענטאַלן ווערב קאָן יאָ אָדער ניט צונויפֿפֿאַלן מיט דער ווערבאַלער באַזע. לעמאָשל:

I. זיי פֿאַלן צונויף: איך זאָג — איך טו (גיב) אַ זאָג; איך גיי — טו (גיב) אַ גיי; איך נעם — טו (גיב) אַ נעם; איך רוף — טו (גיב) אַ רוף.

II. פֿאַלן ניט צונויף: איך בײַס — איך טו (גיב) אַ ביס; איך רײַס — טו (גיב) אַ ריס; איך לויף — טו (גיב) אַ לאָף; איך שיט — טו (גיב) אַ שאָט; איך זינג — טו (גיב) אַ זונג; איך קלינג — טו אַ קלונג; איך שפּרינג — טו אַ שפּרונג; איך הינק — טו אַ הונק; איך טרינק — טו אַ טרונק...

אַ מאָמענטאַלער ווערב קאָן אָנהאַלטן אויך אַ פּרעפֿיקס. לעמאָשל: איבער דער גאַנצער שטאָט האָבן זיך אַ צעשפּרייט געגעבן פֿלעצער (פּערעץ מאַרקיש).

ווען אַ מאָמענטאַלער ווערב איז מיט אַ צוגאָב, קומט דער צוגאָב באַזונדער, נאָך דעם ווערבאַלן סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: דער היפּשער אײַלעמיש אַרום דער פֿאַרמאַכטער קאַרעטע האָט זיך געגעבן אַ רוק אָפּ, זיך געטאָן אַ מיש אויס (ד. בערגעלסאָן).

בײַ אַ מאָמענטאַלן ווערב מיט אַ צוגאָב פֿאַלט דער סובסטאַנטיוו אָפֿט צונויף מיט דער ווערבאַלער באַזע. פֿאַרגלײַכט:

1) איך טרינק — איך טו אַ טרונק — דער יאָוון טוט אַ טרינק אָפּ (שאָלעם־אַלייכעם).

2) איך זינג — איך טו אַ זונג — איך האָב געגעבן אַ זינג אויס אויף אַ קאָל (שאָלעם־אַלייכעם).

דער סובסטאַנטיוו פֿון אַ מאָמענטאַלן ווערב קאָן האָבן אַדיעקטיוון. לעמאָשל:

זײַנע אויגן כאַפּן אַ גנייווישן קוק פֿון אונטערן שטערן (ד. בערגעלסאָן).

אַ גוטע קאַוועניע, אַז מע טוט אַ רעכטן טרייסל, טוען די קערלעך אַ פֿאַל אַרויס (שאָלעם־אַלייכעם).

קוקט זיך צו צו די ווערבפֿאָרמען אין די ווײַטערדיקע פֿראַגמענטן פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל".

1) פיטאָמאָל טוט זיך דער דאָקטער א דריי אויס מיטן בענקל צום קראַנקן טאַטן[32].

2) אַף עפּל און אַף באַרן[33] איז רובן שוין איינמאָל א מייוון[34]. ער, אַז ער טוט א קוק מיט איין אויג אַף א בוים[35], וועט ער אײַך באַלד זאָגן[36], וויפל פּאַרנאָסע[37] דער בוים וועט געבן.

3) בא מענאַשעכע דער רופעטע אין גאָרטן[38] זײַנען דא צוויי רייען קליינע ביימלעך האַרט בא דער ערד[39], אָנגעזעצט מיט ווײַמפּערלעך[40]. אַף דער זון ברענען זיי שוין און פינקלען זשע[41]. און עס גלוסט זיך[42], כאָטש איין צווײַגעלע[43], כאָטש איין ווײַמפּערל[44] מיט צוויי פינגער געבן א ריס אָפּ[45] און גלײַך אין מויל אַרײַן[46].

4) באַלד נאָכדעם[47] האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריערדיקער אַרבעט[48]. אָנגעגאָסן נאָך א פּאָר עמער וואַסער[49], האָט מען ברודער עליע אויפגעהויבן די האַנט[50]: „גענוג[51]“ ווידעראַמאָל אײַנגעטונקט די פּען אין פאַס[52], ווידעראַמאָל געגעבן א שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן[53], און ווידעראַמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע[54] פריער צו דער מאַמען[55] און נאָכדעם צו מײַן שוועגערין בראָכע[56]. די ביידע[57] האָבן ווידער געגעבן א קוק אַרײַן אין פּאַפּיר אַרײַן און א זאָג: — סע שרײַבט[58].

דער מאָמענטאַלער ווערב קומט אין יידיש אין אַלע צײַטן: אין קעגנוואַרט, ווי אין א סך פריערדיקע בײַשפּילן[59], אין פאַרגאַנגענהייט: איך האָב א זאָג געטאָן (געגעבן), איך האָב א וואָרף געטאָן (געגעבן) אין צוקונפט: איך וועל א זאָג טאָן (געבן), איך וועל א וואָרף טאָן (געבן); אין פילמאָליקער פאַרגאַנגענהייט: איך פלעג א זאָג טאָן (געבן), איך פלעג א וואָרף טאָן (געבן)[60].

Перевод: 1) вспомогательный глагол «делать» или «да(ва)ть; 2) порой; 3) хватать, ловить, спешить; 4) пока(что); тем временем; 5) «вейн» — от «вейнэн» — плакать, «вниш» — от «вишн» — вытирать, «ойгн» — глаза; 6) может или не может совпасть с глагольной основой; 7) зову; 8) кусаю; 9) рву; 10) сыплю; 11) пою; 12) звоню; 13) прыгаю; 14) мигаю; 15) пью; 16) содержать в себе; 17) по всему городу; 18) распространились площади; в слове «цешпрейт» приставка «це»; 19) большая толпа (народ); 20) вокруг (около) закрытой кареты; 21) отодвинулась; 22) смешалась; 23) часто; 24) сравните; 25) солдат здесь (городовой); 26) громко (голосом); 27) воровской взгляд из-подо лба; 28) хороший арбуз; 29) когда дают ему настоящую тряску; 30) зернышки выпадают; 31) *«Мальчик Мотл»* (кантора Пейси); 32) сразу доктор вместе со стулом поворачивается к больному отцу; 33) в яблоках и грушах; 34) Рувим исключительный знаток (сведущий); 35) если он одним глазом посмотрит на дерево; 36) он вам сразу скажет; 37) сколько прибыли (дохода); 38) у лекарши Менашихи в саду; 39) два ряда маленьких кустов у самой земли; 40) усыпанных красной смородиной; 41) краснеют (горят) и сверкают; 42) хочется; 43) хоть одну веточку; 44) смородинку; 45) двумя пальцами оторвать; 46) прямо в рот; 47) сразу после этого; 48) опять взялись за прежнюю работу; 49) влил еще два (пару) ведра воды; 50) поднял руку; 51) достаточно; 52) снова обмакнул перо в бочку; 53) в белую бумагу; 54) поднес написанное; 55) сперва к матери; 56) затем к моей невестке Брохе; 57) они (эти) обе; 58) пишет; 59) в предыдущих примерах; 60) в последних примерах многократное *прошедшее* мгновенного (однократного) *вида* обозначает мгновенное действие, повторяющееся много раз.

ווערבפאָרמעס און זייערע באַטײַטן

א ווערב האָט א גאַנצע סיסטעם פאָרמעס מיט א ריי באַטײַטן (קאַטעגאָ'ריעס)[1]:

1) פאָרמעס פון צאָל: איך נעם, מיר נעמען — זיי ווײַזן, צי די טוונג מאַכט עמעצער אין איינצאָל צי אין מערצאָל;

2) פאָרמעס פון פּערזאָן: איך נעם, דו נעמסט, ער (זי, עס) נעמט — זיי ווײַזן, צי די טוונג מאַכט דער ריידער (שרײַבער) גופא[2], צי דער (די) צו וועמען מע רעדט, צי אַן אַנדערער[3] (אַנדערע).

3) פאָרמעס פון צײַט: איך נעם, האָב גענומען, פלעג נעמען, וועל נעמען — זיי ווײַזן, צי די טוונג קומט פאָר בעשאַס ריידן[4], צי זי איז שוין פאָרגעקומען[5], צי זי וועט ערשט פאָרקומען[6];

4) פאָרמעס פון מאָדוס[7] (פאַקטישקייט און אומפאַקטישקייט): איך נעם, איך וואָלט גענומען, נעם און גיי, זאָל ער נעמען — זיי ווײַזן, צי די טוונג קומט טאַקע פאָר[8] (איז טאַקע פאָרגעקומען, וועט טאַקע פאָרקומען), צי זי איז א באַדינגלעכע אָדער א געווינטשענע[9];

5) פאָרמעס פון גענוס[10] (אַקטיווקייט און פּאַסיווקייט): איך נעם, באַגעבן זיך (מיט...), איך ווער (בין) גענומען, ווער פאַרשריבן — זיי ווײַזן, צי דער סוביעקט גופא טוט, אַליין צי מיט עמעצן[11], צי מע טוט מיט אים עפּעס[12];

6) פאָרמעס פון אַספּעקט[13] (דויערדיקייט): איך נעם, האַלט אין נעמען, האַלט אין איין נעמען, איך טו (גיב) א נעם — זיי ווײַזן, צי די טוונג געדויערט לענגער צי קירצער[14].

אָנמערקונג. איינציקע ווערבן[15] קומען נאָר אין דריטער פּערזאָן איינצאָל. למשל: עס רעגנט[16], עס שנייט[17], עס טאָגט[18], אָדער: עס האָט גערעגנט, עס וועט רעגענען; עס האָט געשנייט, עס וועט שנייען.

די דריטע פּערזאָן קאָן אַמאָל מיינען[19] אויך א צווייטע אָדער אַן ערשטע פּערזאָן, ווי אינעם ווײַטערדיקן פראַגמענט פון שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער“[20].

„פונוואַנען, זאָג איך, שפּאַנט דאָס, למשל, א באָכערל?“[21] „פון יעהופּעץ“. „וואָס האָט, זאָג איך, אַזא באָכערל, ווי דו, צו טאָן אין יעהופּעץ?“[22] „אַזא באָכערל, ווי איך, זאָגט ער, גייט אָפּ אַקזאַ־מענעס“ (עקזאַ'מען). „אַף וואָס, זאָג איך, שטודירט[23] אַזא באָכערל, ווי דו?“ „אַזא באָכערל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט נאָך אַליין ניט, אַף וואָס ער שטודירט“. „אימקיין[24], זאָג איך, וואָס זשע דולט זיך אַזא באָכערל, ווי דו, אומזיסט דעם קאָפּ?“[25] „זאָרגט זיך ניט, רעב טעוויע[26]. אַזא באָכערל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טאָן“[27] (פון דער נאָוועלע „האָדל“).

אויך די צווייטע פּערזאָן קאָן אַמאָל מיינען יעדן איינעם[28], למשל, אין שפּריכווערטער:

1. אָן פינגער[29] העסטו קיין פײַג[30] ניט מאַכן.
2. האָסטו וויסן — וואָס פעלט דיר[31] פעלט דיר וויסן — וואָס האָסטו
3. ווילסט האָבן א פּאָנעם בא לײַטן[32] — האָב פריער בא זיך אַליין.

אינעם נומער 1 פונעם זשורנאַל זײַנען געווען אָנגעוויזן פיר צײַט־פאָרמעס[33]: קעגנוואַרט (איך נעם), פאַרגאַנגענהייט (איך האָב גענומען), צוקונפט (איך וועל נעמען...), פילמאָליקע פאַרגאַנגענהייט (איך פלעג נעמען...). אינעם ליטעראַרישן יידיש טרעפט מען נאָך צוויי צײַט־פאָרמעס[34]:

I. פארגאנגענהייט — זי באשטימט א טוונג, וואָס איז פאָרגעקומען פריִער פון אן אנדער אָפּגעטאָנענער טוונג[35]. פארגלייכט:

1) ווען איך בין געקומען, האָט ער איינגעשפּאנט דאָס פערד.

2) " " ", האָט ער געהאט איינגעשפּאנט דאָס פערד. אינעם ערשטן בײַשפּיל זײַנען ביידע טוונגען (בין געקומען, האָט איינגעשפּאנט) אין פארגאנגענהייט: צוערשט[36] בין איך געקומען, דערנאָך האָט ער איינגעשפּאנט. אינעם צווייטן בײַשפּיל איז די ערשטע טוונג (בין געקומען) אין פארגאנגענהייט, די צווייטע טוונג איז אין פּאָרפארגאנגענהייט — זי איז פאָרגעקומען, איידער[37] איך בין געקומען.

די סטרוקטור פון פּאָרפארגאנגענהייט בא אן אקטיוון ווערב איז: הילפווערב „האָבן" אין פארגאנגענהייט (האָב געהאט, האָסט געהאט...) + א פּארטיציפּ, וואָס ווײַזט די טוונג.

II. פארצוקונפט — זי באשטימט א טוונג, וואָס וועט פאָרקומען פריִער פון אן אנדער קומענדיקער טוונג[38]. פארגלייכט:

1) ווען איך וועל קומען, וועט ער איינשפּאנען דאָס פערד.

2) " " " ", וועט ער האָבן איינגעשפּאנט דאָס פערד.

אינעם ערשטן בײַשפּיל זײַנען ביידע טוונגען אין צוקונפט. אינעם צווייטן בײַשפּיל איז די ערשטע טוונג אין צוקונפט, די צווייטע טוונג איז אין פארצוקונפט — זי וועט פאָרקומען, איידער איך וועל זײַן.

די סטרוקטור פון פארצוקונפט בא אן אקטיוון ווערב איז: הילפווערב „האָבן" אין צוקונפט (וועל האָבן, וועסט האָבן...) + א פּארטיציפּ, וואָס ווײַזט די טוונג.

Перевод: 1) целую систему форм с рядом значений; 2) сам (а, о, и); 3) другой; 4) во время речи; 5) или уже произошло; 6) лишь произойдет; 7) наклонений; 8) действительно происходит; 9) условное или желанное; 10) залога; 11) один или с кем-нибудь; 12) или с ним что-то делают; 13) вида (грамматический); 14) длиннее или короче; 15) некоторые глаголы; 16) дождит; 17) снег идет; 18) светает; 19) обозначать, иметь в виду; 20) Тэвье-молочник; 21) откуда это шагает паренек; 22) какие у тебя дела в Егупце? 23) штудирует; 24) раз так; 25) зачем в таком случае паренек зря морочит себе голову; 26) не беспокойтесь, рэб Тэвье; 27) такой паренек знает, что делает; 28) иметь в виду любого; 29) без пальцев; 30) кукиш; 31) если у тебя знания — чего тебе не хватает; 32) хочешь иметь лицо у людей; 33) четыре формы времени; 34) еще две; 35) раньше другого сделанного действия; 36) сперва; 37) прежде чем; 38) раньше другого будущего.

א שמועס

— נאָך דער ארבעט וועסטו זײַן אין דער היים?
— ניין, איך גיי הײַנט אין טעאטער.
— אין וועלכן טעאטער גייסטו?
— אין דעם דראמאטישן.
— ווּ געפינט ער זיך?
— אויף דער גאָרקיגאס, לעבן דעם רעוואָלוציע־מוזיי.
— וואָס שפּילט מען דאָרט הײַנט?
— „וועלף און שאָף".
— דו גייסט אליין צי מיט עמעצן?
— די גאנצע מישפּאָכע גייט.
— און וואָס קלײַבסטו זיך טאָן מאָרגן?
— מאָרגן איז בא אונדז א שטיקל סימכע — דער מאמעס געבוירנטאָג. קום צו גיין, אויב דו האָסט כיישעק.
— ניין, איך וועל שוין בעסער קומען צו דיר איבערמאָרגן.
— רעכט. קום צו גיין, וועלן מיר זיך א ביסל דורכשמועסן וועגן אלע איניאָנים.
— קען איך קומען מיט דער טאָכטער? זי וויל זייער זען דײַנע בילדער.
— זי אינטערעסירט זיך מיט מאָלערײַ?
— זי וואָלט אין דער טרעטיאקאָווקע געטאָגט און גענעכטיקט. אז מיר גייען אהין, פארהאלט זי זיך דאָרטן דרײַ־פיר שאָ.
— זייער גוט. קומט אָבער וואָס פריִער, וועל איך אײַך ווײַזן די פאראיאָריקע און די הײַיאָריקע ארבעטן.

Беседа

— После работы ты будешь дома?
— Нет, я сегодня иду в театр.
— В какой театр ты идешь?
— В Драматический.
— Где он находится?
— На улице Горького, около музея Революции.
— Что там сегодня ставят?
— «Волки и овцы».
— Ты идешь один или с кем-нибудь?
— Вся семья идет.
— А что собираешься делать завтра?
— Завтра у нас небольшое торжество — день рождения матери. Приходи, если есть желание.
— Нет, я уж лучше приду к тебе послезавтра.
— Ладно. Приходи, побеседуем о всех делах.
— Могу я прийти с дочерью? Она очень хочет посмотреть твои картины.
— Она интересуется живописью?
— Она бы в Третьяковке дневала и ночевала. Когда мы идем туда, она там задерживается на три-четыре часа.
— Очень хорошо. Но приходите пораньше, я вам покажу работы прошлого и этого года.

דאָצענט ע. פאלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

שאלעם־אלײכעם

נאך א פראגמענט פון «שיר־השירים»

בוזי לאזט זיך גיין, איך — נאך איר. גרינג און גיך גייט בוזי. גרינג, ווי א סארנע, ווי אן אינד... טראגט זי זיך אין פילפארביקן פעלד, וואס ציט זיך אן א סאף און אן א ברעג. איר פנים שײַנט אף דער שײַנענדיקער זון, און אלע פארבן פונעם פעלד פינקלען זיך אפ אין אירע אויגן, אין אירע שיינע בלויע פארטראכטע שיר־השירים־אויגן.

קיינמאל, קיינמאל איז נאך בוזי ניט געווען אזוי די עמעסע שולאמיס פון שיר־השירים, ווי אין דעם דאזיקן טאג.

— דערקענסט, בוזי, דאס דאזיקע פעלד?
— אמאל האט דאס געהערט צו דיר...
— און דאס בערגל?
— דײַן בארג. אמאל איז דאס געווען אלצדינג דײַנס, אלצדינג דײַנס...

זאגט מיר בוזי מיט א גרינג שמייכל אף די שיינע ליפן. נאר עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז זי לאכט פון מיר, ווי זי פלעגט לאכן פון מיר אמאל, מיט יארן צוריק.

— זעצן מיר?
— זעצן מיר.

איך זעץ מיך אוועק אפן בערגל און מאך אן ארט פאר איר. בוזי זעצט זיך אוועק אקעגן מיר.

— אט דא, געדענקסטו, בוזי, האב איך דיר אמאל דערציילט, וויאזוי איך...

בוזי פארכאפט און ענדיקט פאר מיר:

— וויאזוי דו הייבסט זיך אוף... און פליסט, ווי אן אדלער, ביז דער כמארע, העכער פון דער כמארע, איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער בערג, איבער טאלן, איבער יאמים און מידבאריעס, ביז דו קומסט אף יענער זײַט הארי־כוישעך, אין א קריסטאל־לענעם פאלאץ. דארט זיצט דײַן פארקישעפטע באס־מאלקע שוין זיבן יאר און ווארט, ביז דו וועסט זיך דערבארעמען אף איר און וועסט קומען צו פליען... זי אויסלייזן, באפרײַען — כא־כא־כא!

Бузя идет («пускается в путь»), я — за ней. Легко и быстро идет Бузя. Легко, как серна, как лань..., несется она по разноцветному полю, что простирается без конца и без края. Лицо ее сияет на сияющем солнце, и все цвета поля отсвечивают в её глазах, в её прекрасных голубых задумчивых глазах из «Песни песней».

Никогда, никогда еще Бузя не была, как настоящая Суламифь из «Песни песней», как в этот день.

— Узнаешь, Бузя, это поле?
— Когда-то оно принадлежало тебе...
— А горка?
— Твоя гора. Когда-то всё это было твое, всё твое, — говорит мне Бузя с легкой усмешкой на красивых губах. Мне кажется, что она смеется надо мной, как смеялась когда-то, много лет назад.

— Сядем?
— Сядем.

Я усаживаюсь на горке и устраиваю место для нее. Бузя садится против меня.

— Вот здесь, Бузя, помнишь, я тебе когда-то рассказывал, как я...

Бузя прерывает и заканчивает за меня:

— Как ты поднимаешься... и летишь, как орел, к туче, выше тучи, над полями, над лесами, через горы, через долины, через моря и пустыни, пока прилетишь за Черные горы в хрустальный дворец. Там сидит твоя заколдованная царевна вот уже семь лет и ждет, чтобы ты над нею смиловался и прилетел... выручить её, освободить — ха-ха-ха!

קעגנווארט און פארגאנגענהייט

בוזי לאזט זיך גיין — האט זיך געלאזט גיין. גרינג און גיך גייט בוזי — איז בוזי געגאנגען. גרינג טראגט זי זיך — האט זי זיך געטראגן. דאס פעלד ציט זיך — האט זיך געצויגן. דאס פנים שײַנט — האט געשײַנט. אלע פארבן פונעם פעלד פינקלען זיך אפ אין אירע אויגן — האבן זיך אפגעפינקלט... דערקענסט, בוזי? — דו האסט דערקענט? איצט געהערט דאס צו דיר — אמאל האט דאס געהערט צו דיר. איצט איז דאס אלצדינג דײַנס — אמאל איז דאס געווען אלצדינג דײַנס. זאגט מיר בוזי — האט מיר בוזי געזאגט. עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז זי לאכט פון מיר — עס האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז זי האט געלאכט פון מיר. איך זעץ זיך אוועק און מאך אן ארט פאר איר — איך האב זיך אוועקגעזעצט און האב געמאכט אן ארט פאר איר. בוזי זעצט זיך אוועק — האט זיך אוועקגעזעצט. בוזי פארכאפט און ענדיקט פאר מיר — בוזי האט פארכאפט און האט געענדיקט פאר מיר. דו הייבסט זיך אוף און פליסט — דו האסט זיך אופגעהויבן און ביסט געפלויגן. ביז דו קומסט אין א קריסטאלענעם פאלאץ — ביז דו ביסט געקומען... דארט זיצט דײַן באס־מאלקע און ווארט — דארט איז געזעסן דײַן באס־מאלקע און האט געווארט. דו דערבארעמסט זיך אף איר — דו האסט זיך דערבארעמט... דו קומסט צו פליען — דו ביסט געקומען צו פליען.

שרײַבט אן די פאריקע זאצן אין צוקונפט. לעמאשל: בוזי וועט זיך לאזן גיין. גרינג און גיך וועט בוזי גיין. גרינג וועט זי זיך טראגן...

לייענט איבער דעם פאריקן פראגמענט עטלעכע מאל און דערציילט אים זיך אליין.

סובסטאנטיוון אײנצאל און מערצאל

מענלעכער מין (דער): אדלערים. בארג — בערג. בערגן. דאך — דעכער. האן — הענער. הונט — הינט. וואלד — וועלדער. ווערן. זון — זין. טאג — טעג. טאלן. יאמען. ים. מידבער — מידבאריעס. פאלאצן;

ווײַבלעכער מין (די): אינדן. באס־מאלקעס. האנט — הענט. ווארן. וועלטן. זונען. זײַטן. טאכ־טער — טעכטער. ליפן. נאכט — נעכט. כמארעס. פארבן. ציטן. קעשענעס. שטאט — שטעט.

נייטראַלער מין (דאָס): אויגן, אייגל־עך. אָרט — ערטער, בערגל־עך. דאָרף — דערפער. וואָרט־ווערטער, יאָרן, מויל — מײַלער, פּאָנעם — פּענעמער, קליידער, שמייכל־ען.

שרײַבט אָן דאָס ווײַטערדיקע אין מערצאָל. דער ליכטיקער טאָג. די שיינע נאַכט. דאָס פֿריילעכע יאָר. דער בלויער הימל. די בלויע פֿאַרב. דאָס פֿריילעכע פּאָנעם. די שײַנענדיקע זון. די גרינע האַנט. דאָס גרינגע שמייכל. דער פֿילפֿאַרביקער וואַלד. דאָס פֿילפֿאַרביקע פֿעלד. דער קרישטאָלענער פּאַלאַץ. די פּאַרקישעפטע באַסיאַלקע. דײַן באַרג און דײַן טאָל.

לעמאָשל: די ליכטיקע טעג, די שיינע נעכט... דײַנע בערג און דײַנע טאָלן.

ווערבאַלע סטרוקטורן און זייערע פֿונקציעס

די ווערבאַלע קאַטעגאָריעס — צאָל, פּערזאָן, צײַט, מאָדוס, געניוס און אַספּעקט — ווערן מערסטנס אויסגעדריקט[1] דורך (זעלבסטשטענדיקע אָדער באַהילפֿיקע)[2] פּערזאָניקע ווערבן, אינפֿיניטיוון אָדער פּאַרטיציפּן.

א זעלבסטשטענדיקער פּערזאָניקער ווערב (מיט א צונאָג, מיט „זיך" אָדער אָן זיך) קומט אין קעגנוואַרט, האָט די פֿלעקסיעס „־סט, ־ט, (ע)ן", שטימט מיטן סוביעקט אין פּערזאָן און אין צאָל און איז אין זאַץ דער פּרעדיקאַט[3]. א זעלבסטשטענדיקער פּערזאָניקער ווערב באַטײַט:

1) א טוונג, וואָס קומט פֿאָר בשעת'ן ריידן[4]. לעמאָשל: איצט גיי איך אַהיים[5]; איך זיץ און שרײַב; עס בליצט, עס דונערט[6]. עס גייט שוין א רעגן.

2) א טוונג, וואָס קומט פֿאָר אָפֿט: איך גיי אַף דער אַרבעט און פֿון דער אַרבעט צופֿוס; ער לייענט נאָך אָן ברילן[7]; אין יענע מעקוי־מעס[8] גייען רעגנס גאַנץ זעלטן (ניט אָפֿט)[9].

3) א שטענדיקע טוונג אָדער אייגנשאַפֿט[10]: א מענטש גייט אַף צוויי פֿיס. א קו גיט מילך; ריין וואַסער באַשטייט פֿון וואַסערשטאָף[11] און זויערשטאָף[12]. ריינע לופֿט באַשטייט הויפּטזאַכלעך פֿון זויערשטאָף און שטיקשטאָף[13].

אין א ריי פֿאַלן[14] קאָן א פּערזאָניקער ווערב — קעגנוואַרט — באַטײַטן א טוונג, וואָס איז שוין פֿאַרגעקומען אָדער וואָס וועט ערשט פֿאָרקומען. לעמאָשל, טעוויע דער מילכיקער דערציילט:

1) געווען איז דאָס... אין בויבעריק טאַקע. פֿאָר איך מיר אַזוי מיט מײַן וועגעלע[15] איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמעצער אָפּ[16]... 2) אינגיכן[17] שיקט מען אים אַוועק... עס איז בא אונדז געבליבן[18], אַז איך פֿאָר זיך דורך קיין יעהופּעץ (שאָלעם־אַליכעם).

אין דער ערשטער פּראָזע רעדט זיך וועגן טוונגען, וואָס זײַנען שוין פֿאַרגעקומען. אָבער קעדיי צו מאַכן צוויי טוונגען לעבעדיקער, בילדערישער[19], ברענגט זיי טעוויע אין קעגנוואַרט — אין דער פֿאָרמע, וואָס מיר זײַנען געוווינט אויפֿצונעמען איר אינהאַלט[20], ווי אַן איצטיקע[21] טוונג. ענלעך דערצו[22] איז אויך אין דער צווייטער פּראָזע. צווישן די דאָרטיקע[23] דרײַ טוונגען זײַנען פֿאַראַן צוויי (שיקט מען אַוועק, איך פֿאָר זיך דורך), וואָס דאַרפֿן ערשט פֿאָרקומען[24]. קעדיי אָבער פֿאָרצושטעלן קומענדיקע טוונגען[25] אַלס מער זיכערע[26], ברענגט מען זיי אָפּ אין קעגנוואַרט.

אייניקע פּערזאָניקע ווערבן קאָנען זײַן זעלבסטשטענדיקע און באַהילפֿיקע. לעמאָשל:

I. זעלבסטשטענדיקע: ער איז איצט אין שטוב; ער האָט א סאַך ביכער, ער האָט כיישעק און געדולד[27]; ער האַלט[28] זייער פֿון פֿיזקולטור. ער האַלט פֿון מענדעלען; ער טוט שטענדיק א סאַך גוטס[29], ער טוט מיר א צוליב[30]; זײַן האַלטונג[31] גיט צו כיישעק צו דער אַרבעט;

II. באַהילפֿיקע: ער איז שוין געקומען; ער האָט אַלץ צענומען און צעגעבן[32]; ער האַלט אין צעגעבן, ער האַלט אין צעגעבן; ער טוט (ניט) א שפּרונג, ער טוט (ניט) א טרונק.

און אייניקע פּערזאָניקע ווערבן קומען נאָר אַלס באַהילפֿיקע. לעמאָשל: אַז ער וועט געמינען, וועט ער אָפּגעבן; ווען ער וואָלט געהאַט, וואָלט ער אָפּגעגעבן; ער פֿלעגט צענעמען און פֿלעגט צעגעבן.

Перевод: 1) большей частью выражаются; 2) самостоятельными или вспомогательными; 3) сказуемое; 4) во время речи; 5) домой; 6) молния сверкает, гремит; 7) без очков; 8) в тех местах; 9) довольно редко; 10) постоянное действие или свойство (качество); 11) чистая вода состоит из водорода; 12) и кислорода; 13) чистый воздух... главным образом... из кислорода и углекислого газа; 14) в ряде случаев; 15) со своей повозкой; 16) кто-то меня останавливает; 17) вскоре; 18) мы решили («у нас осталось»); 19) чтобы сделать... живее, образнее; 20) привыкли воспринимать её содержание; 21) как теперешнее; 22) близко (похоже) к этому; 23) между тамошними; 24) которые должны еще произойти; 25) чтобы представить будущие действия; 26) более уверенными; 27) желание и терпение; 28) он ценит, уважает; 29) много добра; 30) делает одолжение, оказыват услугу; 31) поведение; 32) разобрал и раздал.

דאָצענט ע. פֿאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

די פונקציעס פונעם אינפיניטיוו

אַן אינפיניטיוו און אַ פּערזאָניקער ווערב בײַ „מיר" און „זיי" זײַנען געווײנלעך ענלעך. דעריבער קען אײנס און דאָס זעלבע וואָרט אין אײן פאַל זײַן אַ פּערזאָניקער ווערב (קענגוואָרט) און אין אַ צווייטן פאַל אַן אינפיניטיוו. לעמאָשל: מיר זייען קאָרן („זייען" — פּערז. ווערב), מיר פאָרן זייען קאָרן („פאָרן" — פּערז. ווערב, „זייען" — אינפיניטיוו), מיר קענען פאָרן זייען קאָרן („קענען" — פּערז. ווערב, פאָרן זייען — אינפיניטיוון).

ניט ענלעך זײַנען ווערבן מיט צוגאָבן. בײַם אינפיניטיוו איז דער צוגאָב פאַר דעם וואָרצל (צופאָרן, אָפּפאָרן, אַריבערפאָרן); בײַם פּערז. ווערב איז דער צוגאָב נאָך און באַזונדער (מיר פאָרן צו, פאָרן אָפּ, פאָרן אַריבער). ניט ענלעך זײַנען אויך פאָלגנדיקע ווערבן:

אינפיניטיוו (איך וועל, פלעג): געבן, וויסן, וועלן, גיין, שטיין, טאָן (טון), זען, געשען, זײַן;

פּערז. ווערבן (מיר, זיי): גיבן, ווייסן, ווילן, גייען, שטייען, טוען, זעען, געשעען, זײַנען (זענען). אַזוי איז אויך, ווען די דאָזיקע ווערבן קומען מיט פּרעפיקסן אָדער מיט צוגאָבן. לעמאָשל:

אינפיניטיוו (איך וועל, פלעג): דערגעבן, פאַרגעבן, צעגעבן; אויסגעבן, אָפּגעבן, נאָכגעבן, צוגעבן;

פּערז. ווערבן (מיר, זיי): דערגיבן, פאַרגיבן, צעגיבן; גיבן אויס, גיבן אָפּ, גיבן נאָך, גיבן צו.

אַן אינפיניטיוו קומט אין ייִדיש אין פאָלגנדיקע פאַלן:

1) בײַ די הילפסווערבן „וועל, פלעג, וואָלט, זאָל, לאָז" און בײַ די ווערטער „לאָמיך, לאָמיר", קעדיי אויסצופורעמען די צײַט אָדער דעם מאָדוס פונעם פּרעדיקאַט. לעמאָשל: איך וועל (פלעג) זוכן און וועל (פלעג) געפינען. ווען איך זאָל וויסן, אַז ער וועט קומען... לאָמיך דאָס אָנשרײַבן.

לאָמיר זיך שווערן, שאַרל,
מאַמער אַזוינס וועט זיך מאַכן,
אַז דיר וועט זיך וועלן וויינען,
זאָל מיר זיך ניט וועלן לאַכן.

לאָמיר זיך שווערן, שאַרל:
אַ מענטש אויף אַ מענטשן דאַרף האָפן —
אויב אײנעם וועט עפּעס וויי טאָן,
זאָל דער צווייטער ניט קענען שלאָפן.

2) בײַ די האַלב־זעלבשטענדיקע ווערבן „דאַרפן, וועלן (וויל, ווילסט...), טאָרן, מוזן, קענען, נעמען, גיין, אָנהייבן" און אַנדערע, וואָס דריקן אויס די מעגלעכקייט, די נויטווענדיקייט אָדער דעם אָנהייב פון אַ טוּונג. לעמאָשל: מיר דאַרפן (ווילן, מוזן, קענען...) פאָרן. איך וויל גיין עסן (זעט אויך די פריִקע בײַשפּילן).

3) בײַ פאַרשיידענע ווערבן, קעדיי צו ווײַזן דעם צוועק אָדער דעם אינהאַלט פון דער טוּונג. לעמאָשל: ער וועט קומען צו קאָנטראָלירן די אַרבעט. איך גיב איר צו פאַרשטיין. ער קלײַבט זיך פאַרצושטעלן אַ נײַעם פּלאַן. עס וועט אויסקומען צו פאָרן צום וואָקזאַל.

4) בײַ אַ דירעקטן אָביעקט, קעדיי צו ווײַזן זײַן טוּונג. לעמאָשל: ער פאַרהערט מיך זינגען. פראַנגן האָב איך איצט בעזון אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן (שאָלעם־אַליכעם). אַ פרעמדן אַרויפלייגן אויף מיר אַ האַנט וואָלט ער געוויס ניט געלאָזט (פּערעץ).

5) בײַ פאַרשיידענע ווערבן (פּרעדיקאַטן), קעדיי איבערצוכאַזרן און פאַרשטאַרקן דעם פּרעדיקאַט. אין אַזאַ פאַל קומט דער פאַרשטאַרקנדיקער (טאַוטאָלאָגישער) אינפיניטיוו פאַר דעם פּערזאָניקן ווערב. לעמאָשל: הייסן הייסט ער איציק, נאָר רופן רופט מען אים אַלטער (שאָלעם־אַליכעם). קוקן קוקט ער זייער גיך, נאָר ריידן רעדט ער גאַנץ פּאַמעלעך (ד. בערגעלסאָן).

אָנמערקונג. ווען דער ווערב „זײַן" איז אַ פאַרשטאַרקנדיקער בײַם פּערזאָניקן ווערב „איז", באַקומט ער אָפט די פאָרעם „אײַנן". לעמאָשל: זײַן וואָלט ער באַדאַרפט זײַן אַ סטודענט, נאָר אײַנן איז ער אַ דאַנטיסט (שאָלעם־אַליכעם). אײַנן ערגעץ אין דער היים איז ער, נאָר ניט פאַר יענע, וואָס רופן איטש (ד. בערגעלסאָן).

6) דער אינפיניטיוו קומט אָפט אויך אָן אַ פּערזאָניקן ווערב און אָן אַ סוביעקט, אַלס אַ דירעקטיווישער. לעמאָשל: שלאָגלעריש רעאַליזירן דעם פּלאַן! הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון אַלע בירגער!

7) בײַ פאַרשיידענע סובסטאַנטיוון, קעדיי צו כאַראַקטעריזירן זיי. דאָס איז אַן אינפיניטיוו אַן אַטריבוט. ער קען בײַ זיך האָבן אָביעקטן און אַנדערע בײגלידער. לעמאָשל: וויי־וויי, וואָס ער האָט דאַרפן אויסגעלייענט וויפל סגולעס אויף צו מאַכן געלט דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ כוידעש דורך מאַכן די בעסטע טינט (שאָלעם־אַליכעם).

8) אַלס אַ סובסטאַנטיווירונג. אין אַזאַ פאַל קומט דער אינפיניטיוו מיט די אַרטיקלען „דאָס" אָדער „דעם" און איז אין זאַץ אַ סוביעקט אָדער אָביעקט. לעמאָשל: דאָס פאָרן פון יעהופּעץ קיין בויבעריק איז אַ קלייניקייט (שאָלעם־אַליכעם). מע האָט אין דעם שפּילן זיך פאַרלאַנגט אַלץ נאָכצוטאָן די גרויסע (מענדעלע).

דער סובסטאַנטיווירטער אינפיניטיוו קען קומען אויך מיט אַ פּאָסעסיוון פּראָנאָם (מײַן, דײַן, זײַן, איר...). לעמאָשל: ער איז מיט איר קומען צופרידן (ד. בערגעלסאָן). אַ באַזונדערער כיין איז געווען אויסגעגאָסן... אויף זײַן יעדן ריר מאַכן זיך אויף דער בינע (שאָלעם־אַליכעם).

אָנמערקונג. אַלס אַ סוביעקט קומט אָפט אויך טאַקע אַן אינפיניטיוו, ניט קיין סובסטאַנטיווירטער. לעמאָשל, בײַ שאָלעם־אַליכעמען: לאַכן איז געזונט. צוזאָגן איז קיין מעלאָכע ניט. לעבן איז אַוודע גלײַכער ווי שטאַרבן.

אַן אינפיניטיוו קומט אין אַ רײַ פאַלן מיט אַ פּאַרטיקל „צו" (זעט די בײַשפּילן בײַ די פּונקטן 3 און 7). דער „צו" איז אָן אַקצענט און ווערט געשריבן באַזונדער. לעמאָשל: איך קום באַלד צו גיין. ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין. דעם פּאַרטיקל „צו" דאַרף מען ניט צונויפמישן מיטן צוגאָב „צו" (צוגיין, צולויפן) און מיטן פּרעפיקס „צע" (צעגיין פון היץ, צעלויפן זיך). ווען דער אינפיניטיוו איז מיט אַ צוגאָב, איז דער פּאַרטיקל „צו" אָפט צווישן דעם צוגאָב און דעם וואָרצל. לעמאָשל: איך האָב ניט וואָס אָפּצוגעבן, וואָס צוצוגעבן (דאָ איז דער ערשטער „צו" אַ צוגאָב, דער צווייטער — אַ פּאַרטיקל). זעט אויך די בײַשפּילן בײַ די פּונקטן 7 און 3 (צו פאַרדינען, צו קאָנטראָלירן, פאַרצושטעלן).

Перевод: 1) обычно похожи; 2) одно и то же слово; 3) сеем рожь; 4) едем сеять рожь; 5) уступать, потворствовать; 6) чтобы оформить время или наклонение сказуемого; 7) искать; 8) давайте клясться, Шарль; 9) если такое случится; 10) захочется плакать; 11) смеяться; 12) надеяться; 13) если одному что-нибудь будет больно; 14) спать; 15) возможность; 16) необходимость; 17) начало; 18) у разных; 19) цель или содержание; 20) при прямом дополнении; 21) франтов... гуляя (гуляющими); 22) чужого наложить... руку; 23) наверняка; 24) повторить и подкрепить; 25) жевать; 26) довольно медленно; 27) должен бы быть; 28) где-то дома; 29) но не для тех, которые зовут его; 30) по-ударному; 31) поднять культурный уровень всех граждан; 32) аттрибут — определение; 33) второстепенные члены (предложения); 34) междометие; 35) сколько средств, чтобы делать деньги; 36) чтобы заработать сто рублей в месяц; 37) наилучшие чернила; 38) в роли существительного; 39) мелочь; 40) в этой игре желали подражать взрослым; 41) доволен её приходом; 42) особое обаяние; 43) любое движение на сцене (эстраде); 44) вообще, любой; 45) смеяться — здорово; 46) обещать — не дело (не работа); 47) жить, конечно, разумнее, чем умереть; 48) с частицей «цу»; 49) не смешивать.

די פונקציעס פונעם פארטיציפ

א פארטיציפ („געגאנגען, געלאפן, געפלויגן, פארבראכט") קומט אין יידיש אין פאלגנדיקע פאלן:

1) באם הילפווערב „ווערן", קעדיי צו בילדן מיט אים א ריי באשרייביקע ווערבן[1] — ווערבן, וואס זייער טוונג ווערט אויסגעדריקט א גרופע ווערטער, וועלכע בילדן איין באגריף[2]. לעמאשל: אנשלאפן ווערן[3], פארפאלן ווערן[4], פארפרארן (פארפרוירן) ווערן[5], צעגאנגען ווערן[6], איינגעזונקען ווערן[7]. די דאזיקע ווערבן קאנען קומען אין פארשיידענע צייטן און מאדוסן: איך ווער אנשלאפן, בין אנשלאפן געווארן, וועל(סלעג) אנשלאפן ווערן; איך וואלט אנשלאפן געווארן...

2) באם הילפווערב „זיין" אדער „ווערן", קעדיי צו בילדן א פאסיוו ווערב אין פארשיידענע צייטן און מאדוסן. לעמאשל: איך בין (ווער) פארנומען מיט עפעס[8], איך בין (ווער) פארנומען דורך עמעצן[9]...

א נ מ ע ר ק ו נ ג. פון א פאסיוו ווערב קאן מען מאכן אן אקטיוו: איך בין (ווער) פארנומען — איך פארנעם; איך בין (ווער) פארשריבן — איך פארשרייב. בא א פאסיוו ווערב איז דער פאקטישער טוער אין א פארמע פון א דאטיוו[10] מיט א פרעפאזיציע „דורך" אדער „פון". לעמאשל: די לידער זיינען (ווערן) פארשריבן דורך מיר[11]; די רעזאליוציע ווערט אנגענומען דורך דער פארזאמלונג. אבער פונעם אנגעוויזענעם טיפ באשרייביקע ווערבן[12] קאן מען קיין אקטיוו ניט מאכן, און דער פאקטישער טוער (אויב ער איז דא) איז אויסגעדריקט דורך א נאמינאטיוו[13]: איך ווער אנשלאפן, ער איז פארפאלן געווארן.

3) בא די הילפווערבן „האבן, זיין, וואלט", קעדיי אויסצופורעמען די פארגאנגענהייט אדער דעם באדינג-מאדוס פונעם פרעדיקאט. לעמאשל: איך האב פארשריבן, איך בין געפלויגן, איך וואלט געגעבן.

4) אן הילפווערבן און אן סוביעקטן, קעדיי מיטצוטיילן (ראפארטירן) וועגן אן אפגעטאנענער ארבעט (טוונג)[14]. לעמאשל: שלאגלעריש אויסגעפילט (רעאליזירט) דעם פלאן. דורכגעלייענט ביזן לעצטן בלעטל[15]. אומזיסט זיך איבערגעשראקן[16].

אן הילפווערבן און אן סוביעקטן קומען פארטיציפן אפט אויך אין שפריכווערטער[17], אין לידער. לעמאשל: געלעבט ווי א נאר און געשטארבן ווי א נאר[18]. א סאך גערעדט און ווייניק געזאגט[19]. קורץ[20] גערעדט און א סאך געזאגט. קורץ געטראכט און גוט געמאכט[21]. בעסער פריער באווארנט, איידער שפעטער באוויינט[22].

פון אלע דיינע טייכן וואסער פארזוכט[23],
אין אלע דיינע וועלדער[24] געשלאפן,
פון אלע דיינע סעדער געגעסן פרוכט[25],
מיט אלע דיינע זין זיך געטראפן[26].

מ. גרוביאן

5) פארטיציפן בא ווערבן, קעדיי צו כאראקטעריזירן זיי. פארגלייכט:

ער האט אנגעבויגן דעם קאפ[27]. ער שטייט שטארק אנגעבויגן[28].
ער האט אנגעשטרענגט די קויכעס[29]. ער רעדט זייער אנגעשטרענגט[30].

רעכטס זיינען די פארטיציפן ווערבן (טוונגען), צוזאמען[31] מיט די הילפווערבן בילדן זיי די פרעדיקאטן. לינקס קומען די פארטיציפן צו כאראקטעריזירן די ווערבן. זיי זיינען פארטיציפן לויט דער סטרוקטור, אבער לויטן ווארטקלאס[32] זיינען זיי אדווערבן (כאראקטעריזיר-ווערטער בא ווערבן).

6) פארטיציפן בא סובסטאנטיוון, קעדיי צו כאראקטעריזירן זיי. לעמאשל: ער האט געקוקט מיט אן אנגעשטרענגט פאנעם[33]. ער האט געהאט אן אויסגעמאטערט[34] פאנעם. די ווערטער „אנגעשטרענגט, אויסגעמאטערט" זיינען פארטיציפן לויט דער סטרוקטור, זיי זיינען אבער ניט קיין ווערבן, נאר אדיעקטיוון (כאראקטעריזיר-ווערטער בא סובסטאנטיוון).

7) אמאל קומט א פארטיציפ, קעדיי איבערצוכאזערן און דערמיט צו פארשטארקן די טוונג פונעם פרעדיקאט. לעמאשל: אנגעהויבן האט זיך עס אנגעהויבן[35], ווי איז מיר[36], פון שימען דעם סטאליער (שאלעם-אליכעם). אבער אפטער קומט אין אזא פאל אן אינפיניטיוו: אנהייבן האט זיך עס אנגעהויבן...

Перевод: 1) Чтобы образовать ряд описательных глаголов; 2) одно понятие; 3) засыпать, заснуть; 4) пропадать; 5) замерзать; 6) растаять; 7) завязнуть; 8) занят чем-нибудь; 9) кем-то; 10) деятель выражен дательным падежом; 11) стихи (песни) записаны мною; 12) указанных описательных; 13) именительным; 14) сообщать о сделанной работе; 15) прочел до последней страницы; 16) зря (напрасно) испугался; 17) в пословицах; 18) жил как дурак и умер...; 19) много говорено, а мало сказано; 20) коротко (мало); 21) мало думал и хорошо сделал, сделано; 22) лучше раньше обеспечить, чем потом оплакивать; 23) со всех твоих рек воду попробовал; 24) в лесах; 25) со всех садов ел плоды; 26) встречался; 27) согнул голову; 28) стоит сильно согнувшись; 29) напряг силы; 30) говорит очень напряженно; 31) вместе; 32) как часть речи; 33) напряженным лицом; 34) изнуренное; 35) началось; 36) горе мне (горе мое).

דאצענט ע. פאלקאוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

לעוו טאלסטאי (1910—1828)

איינעם א פויער האט זיך פארוואלט עסן[1]. האט ער געקויפט א קוילעטש (באלע)[2] און האט אויפגעגעסן; אים האט זיך נאך אלץ[3] געוואלט עסן. האט ער געקויפט נאך[4] א קוילעטש און האט אויפגעגעסן. אים האט זיך אבער[5] נאך אלץ געוואלט עסן. האט ער געקויפט א דריטן קוילעטש, אים אויפגעגעסן. אבער אים האט זיך נאך אלץ געוואלט עסן. האט ער געקויפט א בייגל[6], און אז ער האט אים אויפגעגעסן, איז ער געווארן זאט[7].

דעמלט[8] האט דער פויער זיך א קלאפ געטאן אין קאפ און האט געזאגט:

— מארא נאר איך בין[9]! וואס האב איך דאס אומזיסט (אן א נוצן)[10] אויפגעגעסן אזויפיל[11] קוילעטשן? איך האב לעכאטכילע געדארפט[12] אויפעסן א בייגל.

א פאטער און זין[13]

א פאטער האט געזאגט[14] די זין, זיי זאלן גוט לעבן צווישן זיך[15]; זיי האבן ניט געפאלגט[16]. האט ער געהייסן ברענגען א בעזעם[17] און זאגט: צעברעכט[18]!

זיי האבן זיך געמאטערט[19] און געמאטערט און ניט געקאנט צעברעכן.

האט דער פאטער פאנאנדערגעבונדן[20] דעם בעזעם און געהייסן ברעכן די ריטער איינציקווייז[21]. האבן זיי גרינג צעבראכן די ריטער. זאגט דער פאטער:

— אזוי וועט זיין אויך מיט אייך[22]. ווען איר לעבן צווישן זיך בעשאלעם[23], וועט קיינער אייך ניט בייקומען[24]. אויב אבער איר וועט זיך קריגן[25], וועט איטלעכער אייך לײכט אומברענגען[26].

די פלעדערמויז[27]

אמאליקע צייטן איז געווען א מילכאמע צווישן די כײעס און אויפעס (פייגלען)[28]. די פלעדערמויז איז ניט צוגעשטאנען ניט צו די, ניט צו יענע[29] און האט אלץ אויסגעווארט, ווער וועט זיגן[30]. צוערשט[31] האבן די אויפעס גענומען קלאפן די כײעס. איז די פלעדערמויז צוגעשטאנען צו די אויפעס, אומגעפליגן[32] מיט זיי און האט זיך אנגערופן פאר אן אוף (פויגל)[33]. דערנאך אבער[34], אז די כײעס האבן אנגעהויבן בייקומען, האט די פלעדערמויז זיך איבערגעגעבן[35] צו די כײעס. זי האט זיי געוויזן אירע ציינער[36], אירע לאפעס און ציצקעס[37] און האט פארזיכערט[38], אז זי איז א כײע און האט ליב כײעס[39]. צולעצט[40] האבן דאך[41] די אויפעס געזיגט. די פלעדערמויז האט זיך ווידער איבערגעגעבן צו די אויפעס. נאר זיי האבן זי פארטריבן[42]. צו די כײעס האט זי שוין ניט געקאנט צושטיין[43]. פון דעמלט אן[44] לעבט די פלעדערמויז אין קעלערס, אין בוימלעכער[45], פליט אום נאר פארנאכט[46] און שטייט ניט צו ניט צו כײעס און ניט צו אויפעס.

פון טאלסטאיס מעשאלים און מײסעס פאר קינדער

Перевод: 1) одному крестьянину (мужику) захотелось есть; 2) купил калач (белый хлеб); 3) все еще; 4) еще; 5) но; 6) баранку; 7) сыт; 8) тогда; 9) экой (какой) я дурак; 10) напрасно (зря); 11) столько; 12) сначала должен был; 13) отец и сыновья; 14) приказывал (сказал); 15) чтобы жили в согласии; 16) не слушались; 17) велел принести веник; 18) сломайте; 19) томились (мучились); 20) развязал; 21) ломать прутья поодиночке; 22) так-то и вы (так будет и с вами); 23) мирно, в согласии; 24) никто вас не одолеет (не победит); 25) но если вы будете ссориться; 26) вас всякий легко погубит (уничтожит); 27) летучая мышь; 28) в давнишние времена была война между зверями и птицами; 29) летучая мышь не пристала ни к тем, ни к другим; 30) всё выжидала, чья возьмет (кто победит); 31) сначала; 32) летала; 33) называла себя птицей (выдавала себя); 34) но потом; 35) передалась; 36) ее зубы; 37) соски; 38) уверяла; 39) любит; 40) под конец; 41) всё-таки; 42) прогнали; 43) уже не могла пристать; 44) с тех пор; 45) в погребе, дуплах; 46) сумерками.

יִצחק־לייבוש פּרעץ (1915—1851)

(אַ פראַגמענט פון אַ רעדע)

...אין אַלט־פּויערישן הויז[1] פלעגט געמאַכט ווערן אַלץ[2] [...] דער פּויער האָט געאַקערט[3], געבראָנעט[4], געזייט, געשניטן[5], אַראָפּגענומען[6] פון פעלד, דורכגעאַרבעט מיטן צעפּ [דרעשער][7], געמאָלן[8] צווישן שטיינער[9], געבאַקן[10] און אויך געגעסן... די פּויערטע[11] האָט פלאַקס[12] פאַרזייט, פלאַקס געשניטן, אין וואַסער געווייקט[13], אויסגעקלאַפּט[14], פעדעם געצויגן[15], אויף העמדער און לײַלעכער[16] און קליידערשטאָף[17], געוועבט און אויסגענייט[18], און דאָס הויז האָט די אויסאַרבעטונג געטראָגן[19]. און דער[20], וואָס האָט דעם בוים[21] אין וואַלד אויסגעהאַקט[22], האָט אים אָפּגעשײלט[23], צעזעגט[24], צעשניטן, אַ הויז געבויט[25] און אַליין אין הויז געוווינט[26]. וואַקסט[27] די קולטור, שטײַגט[28] די אַרבעט, שטײַגט זי איבער די פּאָר הענט[29] פון איין מענטש, און די עטלעכע[30] פּאָר הענט פון איין הויז, און אויך דעם וויסן און פאַרשטאַנד פון איין קאָפּ[31] און פון עטלעכע קעפּ. ווערט איין זאַך אויף טויזנטער פּאָר הענט צעטײלט[32], אויף הונדערטער פּלעצער[33] געאַרבעט, ווערט זי איבער הענט און פּלעצער צעשפּרייט[34].

שרײַבט אַרויס די פּאַרטיציפּן פונעם פאָריקן פראַגמענט און גיט אָן זייערע אינפיניטיוון. לעמאָשל: געטאָן — טאָן, געאַקערט — אַקערן, געבראָנעט (געבראָנעוועט) — בראָנעווען, געזייט — זייען, געשניטן — שנײַדן...

Перевод: 1) в старокрестьянском доме; 2) делалось всё; 3) пахал; 4) бороновал; 5) жал (в поле); 6) снимал; 7) с цепом; 8) молол; 9) между камнями; 10) пёк; 11) крестьянка; 12) лён; 13) мочила; 14) выбивала; 15) нитки вытягивала; 16) простыни; 17) платяной материал; 18) ткала и шила; 19) дом (семья) изделия носил; 20) тот; 21) дерево; 22) вырубил; 23) отлупил; 24) распилил; 25) строил; 26) сам жил; 27) растёт; 28) растёт, поднимается; 29) пару рук; 30) несколько; 31) знание и понимание одной головы; 32) одна вещь разделяется (разделена) на тысячи; 33) на сотнях площадей; 34) распространяется.

בילדונג און אויסלייג[1] פון פּאַרטיציפּן

פּאַרטיציפּן האָבן: 1) אַ פּרעפיקס „גע־": געטאָן, געאַקערט, געזייט; 2) אַ סופיקס „־ט" אָדער „־(ע)ן": געווייקט, געמאָלן, געקומען; 3) און אָפט אויך אַ קלאַנגענבייט[2] אינעם וואָרצל: נעמען — גענומען, שנײַדן — געשניטן, גיין — געגאַנגען. מע דאַרף אָבער געדענקען:

I. פּאַרטיציפּן פון ווערבן מיט פּרעפיקסן קומען אָן דעם „גע־". לעמאָשל:

1) אַנטוואָפֿענען — אַנטוואָפֿנט; אַנטוויקלען[3] — אַנטוויקלט; אַנטווײַנען[4] — אַנטווײנט; אַנטלויפֿן — אַנטלאָפֿן;

2) באַוואָפֿענען — באַוואָפֿנט; באַגליקן[5] — באַגליקט; באַוועגן[6] — באַוועגט; באַנעמען — באַנומען;

3) געדענקען — געדענקט; געהערן — געהערט; געווינען — געוווּנען; געפֿינען — געפֿונען;

4) דערגיין — דערגאַנגען; דערלעבן[7] — דערלעבט; דערציִען[8] — דערצויגן; דערציילן — דערציילט;

5) פֿאַרבינדן[9] — פֿאַרבונדן; פֿאַרהערן — פֿאַרהערט; פֿאַרוויקלען[10] — פֿאַרוויקלט; פֿאַרטײַטשן[11] — פֿאַרטײַטשט;

6) צעברעכן[12] — צעבראָכן; צעוואַרפֿן — צעוואָרפֿן; צעמישן[13] — צעמישט; צענעמען — צענומען;

אָן דעם „גע־" קומען אויך פּאַרטיציפּן פון ווערבן מיטן אַקצענטירטן סופיקס „־יר" („־ירן", „־יִרן"). לעמאָשל: אַדרעסירן — אַדרעסירט; דיקטירן[14] — דיקטירט; אָרגאַניזירן — אָרגאַניזירט; אינדוסטריאַליזירן — אינדוסטריאַליזירט; קוואַליפֿיצירן — קוואַליפֿיצירט; קלאַסיפֿיצירן — קלאַסיפֿיצירט.

ווען די דאָזיקע פּאַרטיציפּן ווערן מיט צוגאָבן, האָבן זיי דעם „גע־". לעמאָשל: אָפּסטראַהירן — אָפּגעסטראַהירט; דורכקאָנטראָלירן — דורכגעקאָנטראָלירט; אויסקלאַסיפֿיצירן — אויסגעקלאַסיפֿיצירט.

פּאַרטיציפּן פון ווערבן מיט צוגאָבן און מיט פּרעפיקסן קומען אינעם איצטיקן ליטעראַרישן ייִדיש אָפּטער אָן דעם „גע־". לעמאָשל: אויסדערציילן[15] — אויסדערציילט; אויספֿאַרקויפֿן[16] — אויספֿאַרקויפֿט; איבערדערציילן[17] — איבערדערציילט.

Перевод: 1) образование и правописание; 2) переглaсовку в корне; 3) разви(ва)ть; 4) отнимать от груди; 5) осчастливить, облагодетельствовать; 6) двигать; побудить к чему-нибудь; 7) дожи(ва)ть; 8) дотянуть; воспит(ыв)ать; 9) завяз(ыв)ать, соединять; 10) завертывать; запут(ыв)ать; 11) объяснять, разъяснять; 12) разломать, поломать; разби(ва)ть; 13) размеш(ив)ать; спутать; 14) диктовать; 15) выложить; рассказать; 16) распрода(ва)ть; 17) перерассказ(ыв)ать.

II. די מערהייט[18] פּאַרטיציפּן ווערן מיטן סופיקס „־ט". מיטן סופיקס „־(ע)ן" קומען די פּאַרטיציפּן פון פֿאָלגנדיקע ווערבן:

א) אָן אַ קלאַנגענבייט אינעם וואָרצל: באָדן[19] — געבאָדן, באַקן[20], בראָטן[21], געבאָרן (געבוירן), געבן, געפֿעלן[22], גראָסן[23], געשען, גראָבן, האַלטן, הייסן, וואַקסן[24] (אויך געוואַקסן), וואַשן, זאַלצן[25], טאָן, טראָגן, לאָדן[26], פֿאָרן, פֿאַרגעסן[27], פֿרעגן[28], קומען, רופֿן, שאַפֿן, שאָבן[29], שטויסן[30], שלאָגן, שלאָפֿן;

ב) מיט אַ קלאַנגענבייט אינעם וואָרצל ווערן פֿאָלגנדיקע גרופּעס פּאַרטיציפּן:

1) פּאַרטיציפּן מיט „אָ" — פון די ווערבן: ברעכן[31] — געבראָכן, גיסן, געניסן, וואַרפֿן, ווערגן[32], ווערן, זידן[33] (אויך געזאָטן), טרעטן[34], טרעפֿן, מעסטן, ניסן[35], פֿאַרלירן[36] (אויך פֿאַרלוירן), פֿליסן[37], פֿלעכטן[38], פֿרירן[39] (אויך געפֿרוירן), קנעטן[40], קריכן, שווערן, שטאַרבן, שטעכן[41], שמעלצן[42], שעכטן[43], שעלטן (שילטן)[44], שערן[45] (אויך געשוירן), שפּאַלטן[46], שרעקן[47];

2) פּאַרטיציפּן מיט „ו" — פון די ווערבן: בילן[48] — געבולן (אויך געבילט), בינדן[49], געווינען, געלינגען[50], געפֿינען, דינגען[51], דרינגען[52], הינקען[53] (אויך געהינקט), ווינקען, ווינטשן[54], זינגען, זינקען[55], טרינקען, פֿאַרגינען[56], פֿאַרשווינדן[57], צווינגען[58], צינדן[59], קלינגען[60], רינגען[61], שווימען[62], שטינקען[63], שינדן[64], שלינגען[65], שפּינען[66] (אויך געשפּינט), שפּרינגען[67];

3) פּאַרטיציפּן מיט „י" — פון די ווערבן: בײַסן[68] — געביסן, ביטן, בלײַבן, גלײַכן[69], דערשײַנען[70], ווײַזן[71], טרײַבן[72], לײַען[73], פֿײַפֿן[74] (אויך געפֿײַפֿט), קלײַבן[75], קנײַפּן[76] (אויך געקנײַפּט), רײַבן[77], רײַסן[78], רײַטן[79], שווײַגן[80], שטײַגן (אויך געשטײַגט), שטרײַטן[81], שמײַסן[82], שרײַבן, שרײַען[83];

4) פאַרטיציפּן מיט „ן" — פון די ווערבן: באַווע׳גן⁶⁸ — באַוויגן (אויך באַוועגט), באַפעלן⁶⁹, בייגן⁷⁰, הייבן⁷¹, וועגן⁷², פאַרלירן⁷³ (אויך פאַרלאָרן), פרירן²² (אויך געפרוירן), שווערן⁷⁴ (אויך געשוואָרן), שערן²⁸ (אויך געשאָרן).

5) פאַרשיידענע: גיי — געגאַנגען, הענגען — געהאָנגען, זיין — געווען(ן), זיצן — געזעסן, ליגן — געלעגן, ליידן⁷⁵ — געליטן, עסן — געגעסן, פליען — געפלויגן, ציען⁷⁶ — געצויגן, צעעסן — צעגעסן, שטיין — געשטאַנען, שניידן — געשניטן, שפּייען⁷⁷ — געשפּיגן, געשפּיט, שרייען — געשריען, געשריגן.

די ווערבן „האָבן, וויסן, וועלן (איך וויל...), ריידן (רעדן), ברענגען" זיינען אין פאַרטיציפּ: געהאַט, געוווּסט, געוואָלט, גערעדט, געבראַכט (אויך געבראַנגט — אין פּויליש דיאַלעקט).

אָנמערקונג. פון „דערוויסן⁷⁸" איז דער פאַרטיציפּ — דערוווּסט. דעם ווערב „דערוויסן" דאַרף מען ניט מישן מיטן ווערב „דערווישן⁷⁹" (כאַפּן) — „דערווישט". לעמאָשל: ווי איך בין אַהין געקומען, האָב איך זי דערווישט זייער קראַנק (יוסעף פּערל).

די ווערבן „בילדן, גרינדן⁸⁰, דולדן⁸¹" זיינען אין פאַרטיציפּ: געבילדעט, געגרינדעט, געדולדעט. אָבער „ווענדן זיך⁸²" איז אין פאַרטיציפּ — זיך געווענדט; און פאַרלענדן⁸³ — פאַרלענדט.

פון „בעטן⁸⁴" (עפּעס, עמעצן) איז דער פאַרטיציפּ — געבעטן; פון „בעטן" (דאָס בעט)⁸⁵ איז דער פאַרטיציפּ — געבעט. פון „מאָלן" (בילדער)⁸⁶ איז דער פאַרטיציפּ — געמאָלט; פון מאָלן (קערנער)⁸⁷ איז דער פאַרטיציפּ — געמאָלן.

Перевод: 1) большинство; 2) купать; 3) предлагать цену; 4) жарить; 5) нравиться; 6) удастся (в кого-н.), быть похожим (на кого-н.); 7) расти; 8) солить; 9) грузить; 10) забы(ва)ть; 11) жрать; 12) скребить, скоблить; 13) толкать; толочь; 14) ломать; рвать, блевать; 15) давить, душить; 16) кипеть; 17) ступать, топтать; 18) чихать; 19) терять; 20) течь; 21) плести; 22) зябнуть, мерзнуть; 23) месить; 24) (за)колоть; 25) плавить; 26) (за)резать; 27) проклинать; 28) стричь; 29) расщеплять, раскалывать; 30) пугать, страшить; 31) лаять; 32) вязать; 33) уда(ва)ться; 34) нанимать, прицениваться; 35) делать вывод; 36) хромать; 37) (по)желать; 38) вязнуть; 39) не завидовать; 40) исчезать; 41) заставлять, принуждать; 42) жечь; 43) звонить, звенеть, звучать; 44) течь; 45) плавать; 46) вонять; 47) сдирать шкуру; лупить; 48) глотать; 49) прясть; 50) прыгать, скакать; 51) менять; 52) сравнивать; 53) поваляться; 54) показ(ыв)ать; 55) гонять; 56) одалживать, давать в долг; 57) свистать; 58) собирать; копить; 59) щипать; 60) тереть, потирать; 61) ездить верхом; 62) рвать, драть; нарывать; 63) молчать; 64) спорить; 65) вычеркивать; 66) сечь, пороть, хлестать; 67) кричать; 68) двигать; побудить (к чему-н.); 69) приказ(ыв)ать; 70) сгибать; склонять (грамм.); 71) поднимать, подымать; 72) весить; взвешивать; 73) (по)терять, утрачивать; 74) клясться; 75) терпеть, страдать; 76) тянуть; 77) плевать; 78) узнавать; 79) заста(ва)ть; 80) основать, учредить; 81) терпеть, переносить; 82) обращаться; зависеть; 83) уничтожить; 84) просить; 85) стелить (кровать); 86) рисовать (картины); 87) молоть (зёрна).

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

גערונדיום[1]

אויסער פּערזאָניקן ווערב, אינפֿיניטיוו און פּאַרטיציפּ האָט א ווערב נאָך א פֿערטע[2] סטרוקטור — גערונדיום. לעמאָשל: גייענדיק, זיצנדיק, לויפֿנדיק, לייענענדיק, שרײַבנדיק. די מערהײַט ווערבן קומען אין גערונדיום מיטן סופֿיקס „נדיק", מיטן סופֿיקס „ענדיק" זײַנען די גערונדיומען פֿון די ווערבן, וואָס אַלס פּערזאָניקע האָבן זיי די פֿלעקסיע „ען", דהײַנו[3]:

1) מיר (זיי) נעמען — נעמענדיק; קומען — קומענדיק; מאָנען — מאָנענדיק; שטימען — שטימענדיק;

2) מיר (זיי) ברענגען — ברענגענדיק; זינגען — זינגענדיק; ווינקען — ווינקענדיק; טרינקען — טרינקענדיק;

3) מיר (זיי) ווידלען — ווידלענדיק; טומלען — טומלענדיק; טרייסלען — טרייסלענדיק; פּרעגלען — פּרעגלענדיק;

4) מיר (זיי) זעען — זעענדיק; פֿליִען — פֿליִענדיק; שטייען — שטייענדיק; שרײַען — שרײַענדיק.

ווען דער פּערזאָניקער ווערב קומט מיט דער פֿלעקסיע „נען", האָט דער גערונדיום א סופֿיקס „נענדיק": באַנוצנען[4] — גאַנוצענענדיק; האַרגענען[5] — האַרגענענדיק; כאַסמענען[?] — כאַסמענענדיק.

פֿון די ווערבן „וויסן, געבן, וועלן" (פּערזאָניקע: ווייסן, גיבן, ווילן) זײַנען די גערונדיומען: וויסנדיק, געבנדיק, וועלנדיק, א וואָרט „ווילנדיק" איז אויך פֿאַראַן. לעמאָשל: ער טוט עס ניט ווילנדיק (אָן א ווילן)[8].

א גערונדיום קאָן זײַן פֿון אן אַקטיוון, פֿון א פּאַסיוון און פֿון א רעפֿלעקסיוון ווערב. לעמאָשל: 1) פֿאַרנעמענדיק, פֿאַרנומען ווערנדיק (זײַענדיק), פֿאַרנעמענדיק זיך; 2) רעגיסטרירנדיק, רעגיסטרירט ווערנדיק (זײַענדיק), אָדער ווערנדיק (זײַענדיק) רעגיסטרירט; רעגיסטרירנדיק זיך.

אָנמערקונג. בײַ א גערונדיום פֿון א רעפֿלעקסיוון ווערב שטעלט מען אין אייניקע פֿעלער אַפּט אַרײַן דעם „זיך" אינעם גערונדיומס סופֿיקס. מע זאָגט ניט: „שטיצנדיכדיק, געפֿינענדיכדיק". דאָס דאַרף מען אויסמײַדן[7], מע דאַרף זאָגן: שטיצנדיק זיך, געפֿינענדיק זיך[8].

א גערונדיום קומט אין ייִדיש אין פֿאָלגנדיקע פֿאַלן:

1) צו ווײַזן א טוונג פֿונעם סוביעקט (פֿונעם טוער), וועלכע קומט אייננצײַטיק פֿאָר[11] מיט א צווייטער, מיט א גרונט-טוונג[12]. לעמאָשל: גייענדיק אַהיים, איז ער פֿאַרגאַנגען צו מיר[13]; גייענדיק אַהיים, פֿאַרגייט ער צו מיר; גייענדיק אַהיים, וועט ער פֿאַרגיין צו מיר.

2) צו ווײַזן א טוונג, וואָס זאָל פֿאַרקומען אייננצײַטיק מיט אן אינפֿיניטיוו. לעמאָשל: שטודירנדיק דעם נײַעם מאַטעריאַל, איבערכאַזערן דעם אַלטן[14]; פֿאַנאַנדערקלײַבן אַלע אַרבעטן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די ווייניקער וויכטיקע קלייניקייטן[15].

3) צו ווײַזן א טוונג פֿונעם אָביעקט. דאָס איז א גערונדיום בײַ אן אַקוזאַטיוו[16]. לעמאָשל: ער קאָן מאַכן ריידנדיק א טויטן (בײַ אים קאָן א טויטער ריידן). זיי האָבן געטראָפֿן עפּעס א יונגנמאַן טײַנעניק מיט דעם באַלעבאָס[17] (מענדעלע).

אָנמערקונג. אַזאַ גערונדיום קאָן מען פֿאַרבײַטן[18] אויף אן אינפֿיניטיוו. ווען דעם פּונקט 4 בײַ די פּונקציעס פֿונעם אינפֿיניטיוו.

4) צו כאַראַקטעריזירן א ווערב. לעמאָשל: ער לייענט אַפּט ליגנדיק[19]. ער האָט די רעדע געהאַלטן זיצנדיק[20]. די ווערטער „ליגנדיק, זיצנדיק" זײַנען גערונדיומען לויט דער סטרוקטור (וואָרטבילדונג), אָבער לויטן וואָרטקלאַס זײַנען זיי אַדווערבן.

5) צו כאַראַקטעריזירן א סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: זי האָט א שרײַענדיק מויל[21]. א פֿאַרבײַגייענדיק קינד האָט זיך אָפּגעשטעלט לייענען[22]. די ווערטער „שרײַענדיק, פֿאַרבײַגייענדיק" זײַנען דאָ גערונדיווישע אַדיעקטיוון, און זיי קאָנען קומען אויך מיט אַדיעקטיווישע פֿלעקסיעס. לעמאָשל: זיי האָבן שרײַענדיקע מײַלער. פֿאַרבײַגייענדיקע קינדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט לייענען.

Перевод: 1) деепричастие; 2) кроме; 3) четвертую; 4) а именно, например; 5) красть, воровать; 6) уби(ва)ть; бить; 7) подпис(ыв)ать; 8) не желая, без желания; 9) избежать; 10) опираясь (основываясь); находясь; 11) происходит одновременно; 12) с основным действием; 13) зашел ко мне; 14) изучая новый материал, повторять старый; 15) разобрать (разбирать) все работы, не останавливаясь на менее важные мелочи; 16) деепричастие при винительном падеже (при дополнении); 17) они застали какого-то молодого человека, объясняющегося (дословно: объясняясь) с хозяином; 18) такое деепричастие может быть заменено; 19) лежа; 20) произнес речь сидя; 21) кричащий рот; 22) проходящий... остановился читать.

גערונדיום און פּאַרטיציפּ

א גערונדיום איז זייער א באַקאַנטע[1] סטרוקטור: די שפּאָרט[2] ווערטער. פֿאַרגלײַכט:

1) ווען (אַז, בײַס, בעת) די האָט דערציילט, האָט זי זיך[3] און אים טיף[4] אָנגעגאַסן.

2) דערציילנדיק, האָט זי זיך און אים טיף אָנגעגאַסן (ד. בערגעלסאָן). מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז ניט אַלעמאָל איז א גערונדיום פּאַסיק[5]. טיילמאָל איז פּאַסיקער א פּאַרטיציפּ. לאָמיר פֿאַרגלײַכן פֿאָלגנדיקע פֿראַזעס:

צופֿאָרנדיק צום פֿעטערס שטוב[6],	צוגעפֿאָרן צום פֿעטערס שטוב,
האָט דער באַלעגאָלע זיך צעשפּיליעט[7].	האָט דער באַלעגאָלע זיך צעשפּיליעט.

אויב דער באַלעגאָלע האָט זיך צעשפּיליעט, ווען (אַז, בײַס, בעת) ער איז צוגעפֿאָרן, איז גוט די רעכטע פֿראַזע. אויב אָבער ער האָט זיך צעשפּיליעט נאָכן צופֿאָרן, איז שוין ריכטיקער די לינקע פֿראַזע.

א גערונדיום ווײַזט אין אַזאַ פֿאַל די אייננצײַטיקייט פֿון זײַן טוונג מיט דער טוונג פֿונעם גרונט-ווערב. א פּאַרטיציפּ ווײַזט אין אַזאַ פֿאַל א טוונג, וואָס איז פֿאַרגעקומען פֿריער פֿון דער טוונג פֿונעם גרונטווערב.

איך אין די װײַטערדיקע פּראַזעס שאָלעם־אַלײכעמס זײַנען די פּאַרטיציפּן זײער פּאַסיק.
1) געקומען אַהײם, האָבן די קינדער געטראָפֿן[10] די גאַנצע מישפּאָכע.
2) אָנגעשפּאַרט נאָך א פּאָר עמער װאַסער, האָט מײַן ברודער עליע אױפֿגעהױבן די האַנט...
3) אױסגעבעטן אױף דער ערד, האָבן מיר זיך אױסגעצױגן בײדע, איך און מײַן ברודער עליע, װי די בראָפֿן...

אױב מע זאָל פֿון די אונטערגעשטראָכענע[11] פּאַרטיציפּן מאַכן גערונדיװן (קומענדיק, אַנגיסנדיק, אױסבעטנדיק), װעלן די פּראַזעס װערן ערגער[12]. מיט װאָס?

אָט זײַנען נאָך עטלעכע בײַשפּילן פֿון ניט קײן פּאַסיקע גערונדיװן: 1) נעמענדיק אױף די הענט איר פּלעמעניק, האָט זי אים אָנגעהױבן צו קיצלען[13]; 2) אָפּגײענדיק אין א זאַל, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אױף א הױכער באַנק[14]; 3) דערלאַנגענדיק דעם כאָסן[15] דעם בוקעט בלומען, זײַנען מיר אַװעק.

אין די אַלע פּראַזעס דאַרפֿן אַנשטאָט די גערונדיװן זײַן פּאַרטיציפּן: גענומען, אָפּגעגאַנגען, דערלאַנגט. פֿאַרװאָס זײַנען דאָ פּאַרטיציפּן פּאַסיקער פֿון גערונדיװן — איז אױך קלאָר?

טײלמאָל טרעפֿט מען גערונדיװן, װאָס לאָזן ניט פֿאַרשטײן ריכטיק די פּראַזע. לעמאָשל:

פֿאַרבײַגײענדיק דעם מאַװזאָלײ, האָט אונדז באַגריסט[16] דער כאַװער װאָראָשילאָװ. דאָ באַקומט זיך[17], אַז דער פֿאַרבײַגײער איז געװען װאָראָשילאָװ. אָבער דער אױטאָר פֿון דער פּראַזע האָט געהאַט בעדײַטע צו זאָגן[18]: װען מיר (סטודענטן) זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען...

דעפֿעקטיװ האָט א גערונדיװ געמאַכט אױך פֿאָלגנדיקע פּראַזע:

זיצנדיק אין טפּיסע[19], זײַנען אין די ערשטע טעג פֿון מײַ אָנגעקומען אַרעסטירטע. װער איז געזעסן אין טפּיסע, װען די אַרעסטירטע זײַנען אָנגעקומען — איז פֿון דער פּראַזע ניט קלאָר[20]. דער אױטאָר האָט מיסטאָמע געמײנט זיך גופֿא[21] (עס גײט א רײד װעגן דער טפּיסע אַמאָל אין פּױלן).

קוקט זיך צו צו די װערבפֿאָרמעס אין די װײַטערדיקע פּראַזעס.

1. אָפּגעפּאַטערט זיך[22] פֿון דער אַרבעט מיט א זיפֿץ טיף פֿונעם בױך[23], שטעלט ער אױס א פּאָר גלעזערנע[24] אױגן און קוקט אױפֿן אױלעם[25] (מענדעלע).

2. די װײַבער האָבן, שנײַדנדיק די מאַראַנצן[26], זיך די פֿינגער[27] אָפּגעשניטן, קוקנדיק אױף זײַן שײנקײט[28] (מענדעלע).

3. אָנגעװאָרעמט דאָס פּאָנעם[29] מיט די הענט, קנײטשט ער שטאַרק אײַן דעם שטערן[30] (פּערעץ).

4. אַז איך פֿלעג זיך אױפֿכאַפּן באַנאַכט[31] און זען, װי דער טאַטע דרעמלט[32], קימאַט זיצנדיק אױפֿן קישן[33], און האָט א שרעקלעך שװערן אָטעם[34], פֿלעג איך מיך באַגיסן מיט (...) טרערן[35] (פּערעץ).

5. ער װאַרפֿט זיך איבער[36] מיט איר מיט א פּאָר װערטער, צושמײכלענדיק[37] און קרײַזלענדיק זיך זײַנע שײנע לאַנגע האָר[38] (שאָלעם־אַלײכעם).

6. יעדער פֿאַרטראַכט זיך[39], לאָזט אַראָפּ די נאָז[40], און רײַבנדיק מיטן פֿינגער אין טעלער[41] אָדער קנײטנדיק קײַקעלעך פֿון דער פֿרישער כאַלע[42], פֿאַרטיפֿט זיך יעדער אין זײַנע געדאַנקען[43] (שאָלעם־אַלײכעם).

7. אױסגעגלײַכט זיך אין די קלײדער[44], װען אין דרױסן האָט אָנגעהױבן װערן טונקל[45], האָט ער געקאָנט אַרײַנשלאָפֿן טיף אין אָװנט[46] (ד. בערגעלסאָן).

8. זי איז צוגעגאַנגען, און צובײַסנדיק די אונטערשטע ליפּ[47], האָט זי אים באַלד גענומען שנעלן[48] אין נאָז (ד. בערגעלסאָן).

9.
אױף די פֿעלדער זשומען בינען, האָניק טראָגנדיק[49],
מײדלעך שטײען באַ מאַשינען, גאָרניט[50] זאָגנדיק...
— — — — — — — — — — — — — —
...שטײען מײדלעך אױף באַגינען[51], גײען אײַלנדיק[52],
מײדלעך אײַלן באַ מאַשינען, קױלן פֿײַלנדיק[53].

ש. ה א ל ק י ן. פֿראַגמענטן (1941)

10. קעמפֿנדיק פֿאַר זיך, קעמפֿט דער אַרבעטער־קלאַס פֿאַר אַלע אונטערדריקטע[54].

שרײַבט אַרױס פֿון די פֿריִקע פּראַזעס די גערונדיװן און פּאַרטיציפּן און גיט אָן זײערע אינפֿיניטיװן. פֿאַרגעסט ניט צו ברענגען אױך די צוגאָבן.

Перевод: 1) удобная; 2) экономит; 3) когда; 4) себе; 5) чай; 6) не всегда подходит; 7) подъезжая к дому дяди; 8) возчик расстегнулся; 9) подъехав; 10) застали; 11) подчеркнутых; 12) хуже; 13) щекотать; 14) сел на высокую скамью; 15) жениху; 16) приветствовал; 17) здесь получается; 18) имел в виду сказать; 19) в тюрьме; 20) не ясно; 21) вероятно, имел в виду себя; 22) справился (окончил); 23) со вздохом глубоко из живота; 24) пару стеклянных; 25) на народ (на толпу); 26) апельсины; 27) пальцы; 28) на его красоту; 29) нагрел лицо; 30) сильно сморщивает лоб; 31) просыпался ночью; 32) дремлет; 33) почти сидя на подушке; 34) страшно тяжелое дыхание; 35) слезами; 36) перебрасывается; 37) улыбаясь; 38) завивая свои красивые длинные волосы; 39) каждый задумывается; 40) опускает нос; 41) в тарелке; 42) раскатывая шарики (мякиш) из свежей булки; 43) в мыслях; 44) в одежде; 45) стало темнеть; 46) поздно ночью; 47) нижнюю губу; 48) щелкать; 49) на полях жужжат пчелы, неся мёд; 50) ничего; 51) встают на рассвете; 52) торопясь; 53) пиля пули; 54) борется для всех угнетенных.

שרײַבט אָן די װײַטערדיקע זאַצן אין קעגנװאַרט.

1) דאָס קינד האָט זיך אָפּגעשטעלט לײענען; 2) דער באַלעגאָלע איז צוגעפֿאָרן צום פֿעטערס שטוב און האָט זיך צעשפּיליעט; 3) זי האָט גענומען דעם פּלעמעניק אױף די הענט און האָט אָנגעהױבן צו קיצלען אים; 4) ער איז אָפּגעגאַנגען אין א זאַל און האָט זיך אַנידערגעזעצט אױף א הױכער באַנק; 5) מיר האָבן דעם כאָסן דערלאַנגט בלומען און זײַנען אַװעק; 6) ער האָט זיך אָפּגעפּאַטערט פֿון דער אַרבעט מיט א זיפֿץ טיף פֿונעם בױך; 7) די װײַבער האָבן געשניטן מאַראַנצן, האָבן געקוקט אױף זײַן שײנקײט און האָבן זיך אָפּגעשניטן די פֿינגער; 8) ער האָט אָנגעװאָרעמט דאָס פּאָנעם מיט די הענט; 9) איך פֿלעג זיך אױפֿכאַפּן באַנאַכט און פֿלעג זיך באַגיסן מיט טרערן; 10) זי איז צוגעגאַנגען, האָט צובאַסן די אונטערשטע ליפּ און האָט אים גענומען שנעלן אין נאָז.

שרײַבט אָן די ווײַטערדיקע זאַצן אין פֿאַרגאַנגענהייט.

1) ער שטעלט אַרויס א פּאָר גלעזערנע אויגן און קוקט אויפֿן אוילעם; 2) ער קנייטשט שטאַרק אויפֿן שטערן; 3) דער טאַטער זיצט אויף א קישן, דרעמלט און האָט א שרעקלעך שווערן אָטעם; 4) ער וואַרפֿט זיך איבער מיט איר מיט א פּאָר ווערטער, שמייכלט צו און קרייזלט זיך זײַנע שיינע לאַנגע האָר; 5) יעדער פֿאַרטראַכט זיך, לאָזט אַראָפּ די נאָז, רײַבט מיטן פֿינגער אין טעלער אָדער קנעט קיי־קעלעך פֿון דער פֿרישער כאַלע און טאַרקעט זיך אין זײַנע געדאַנקען.

ב. שאַפּיר (1876—1922)

כ'פֿלעכט פֿון זייד א שנירעלע[1],
בא מײַן פֿענצטער שטייענדיק[2],
קומט צו שטיל א מיידעלע[3],
ווי די זון אויפֿגייענדיק[4].

„שענק מיר[5] אָט דאָס שנירעלע!" —
בעט זי בא מיר שעמעוודיק[6].
גיב איך איר דאָס שנירעלע,
דאַנקט זי מיר, דאָס נעמענדיק[7].

זי פֿלעכט עס אין די צעפּ[8] אַרײַן,
לאַכנדיק און שפּרינגענדיק[9],
לויפֿט אַוועק א פֿריילעכע[10],
טאַנצנדיק און זינגענדיק.

אָן דעם זײַדן[11] שנירעלע,
בא דעם פֿענצטער שטייענדיק,
ציט דאָס האַרץ[12] צום מיידעלע,
ציט דאָס האַרץ צעגייענדיק[13].

א פֿראַגמענט (1912)

ניט געוואָלט לעבן

אויף גאָספּיטאַלנע 36 [אין אָדעס] בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין א וווינונג[14], וווּ איך האָב געטראָפֿן פֿינף קינדער, פֿון וועלכע דאָס עלטסטע איז אַלט עלף יאָר[15].

— וווּ[16] איז אײַער מאַמע? — האָב איך געפֿרעגט בא דעם מיידעלע.

— די מאַמע איז געגאַנגען זוכן[17] ברויט... מיר ווילן עסן... — האָט זי געענטפֿערט.

— און אײַער טאַטע וווּ איז?

— דער טאַטע, נישטאָ דער טאַטע[18] — האָט אויסגעשריגן א ייִנגעלע[19] פֿון די קינדער.

— ניין, דו ווייסט ניט. — האָט זיך אָנגעבייזערט[20] אויף אים דאָס מיידעלע און, ווענדנדיק זיך[21] צו מיר, געזאָגט:

— דער טאַטע האָט זיך דערשטאָכן[22]... מע האָט אים פֿאַרנייט דעם בויך מיט א פֿאָדעם[23]...

— אָבער ער לעבט, דער טאַטע? — האָב איך געפֿרעגט.

— יאָ, איצט איז ער אָוועקגעפֿאָרן צו דער באָבען[24], און מיר מיט דער מאַמען האָבן ניט וואָס צו עסן...

— פֿאַרוואָס האָט זיך דער טאַטע דערשטאָכן?

— ער האָט ניט געוואָלט לעבן, האָט ער געזאָגט. די מאַמע האָט אַזוי געוויינט[25] און מיר האָבן טאַקע אויך געוויינט.

— וווּהין איז דאָס אײַער מאַמע געגאַנגען זוכן ברויט?

— מיר ווייסן ניט. מיר האָבן געוויינט, אַז מיר ווילן עסן, האָט זי געזאָגט, אַז זי גייט ערגעץ[26] זוכן ברויט. ס'איז אונדז אַזוי שלעכט אָן דעם טאַטן[27]...

Перевод: 1) плету из шелка шнурочек; 2) стоя у окна; 3) подходит тихо девочка; 4) как солнце восходя(щее); 5) подари мне; 6) просит... стыдливо; 7) благодарит... беря это; 8) в косы; 9) смеясь и прыгая; 10) веселая (радостная); 11) без шелкового; 12) сердце тянется; 13) растая; 14) в квартиру; 15) старшей одиннадцать лет; 16) где; 17) искать; 18) нет отца; 19) мальчик; 20) накричала; 21) обращаясь; 22) закололся; 23) зашили живот ниткой; 24) к бабушке; 25) так плакала; 26) куда-то; 27) так плохо без отца.

דאָצענט ע. פֿאַלקאָוויטש

СОДЕРЖАНИЕ

Мойше Шапиро. Беседы в помощь изучающим идиш

I.	Буквы еврейского алфавита	3
II.	Сведения из грамматики	6
§ 1.	Артикли	6
§ 2.	Некоторые предлоги	8
§ 3.	Личные местоимения	8
§ 4.	Формы настоящего времени глаголов	9
§ 5.	Глагол זײַן — быть	10
§ 6.	Склонение имен существительных	11
III.	Прошедшее время глаголов	13
IV.	Диалекты. Литературное произношение	14
V.	Имена прилагательные	16
VI.	Будущее время глаголов	18
VI.	Посессив	19
VIII.	Множественное число имен существительных	20
IX.	О глагольных приставках	22
X.	Формы повелительного наклонения	23
XI.	Имена числительные	24
XII.	Притяжательные местоимения	27
XIII.	О порядке слов в предложении	29
XIV.	Образование имен существительных от глаголов и прилагательных	33
XV.	Формы условного наклонения глаголов	36
	О фразеологизмах	38
XVI.	Образование имен прилагательных от других частей речи	42
XVII.	Особые типы глаголов	44
XVIII.	Особые случаи употребления вспомогательного глагола с основой זאָל	46
XIX.	Многократное прошедшее	51
XX.	Герундив	51
XXI.	О правописании гебраизмов	52
XXII.	Более подробно о местоимениях	56
XXIII.	О некоторых союзах	62
XXIV.	Некоторые синтаксические сопоставления	65
XXV.	Лексика по ее происхождению	69
ТЕМА I.	*Где мы живем и работаем*	72
ТЕМА II.	*Продовольственные и промышленные товары*	78
ТЕМА III.	*Наша молодежь*	84
	Немного фразеологии	87
ТЕМА IV.	*Времена года*	90
	Глаголы типа «גײן+отделяемая приставка»	94

Эли478Фалькович. Беседы в помощь изучающим идиш

История языка идиш	96
Алфавит	97
Интернационализмы и гебраизмы	99
Служебные слова	99
Артикли	100
Склонение существительных	102
Личные местоимения	103
Притяжательные местоимения	103
Синонимы, антонимы, омонимы	104
Личный глагол	105
Настоящее время	106
Будущее и прошедшее время	108
Партицип с «בין» (זײַן)	109
Глаголы с префиксами	110
Глаголы с ударяемыми «добавлениями» (конвербами)	111
Ударяемые «добавления» с «-אר» и без	114
Глаголы с «זיך»	117
Действительные, возвратные и страдательные глаголы	118
Наклонения	120
Смешанное наклонение	121
Длительные и моментальные глаголы	123
Описательные (перифрастические) глаголы	125
Основные (непроизводные) и производные глаголы	127
Ряд синонимических глаголов	129
Список слов о пище и еде	134
Алфавит	139
Учитесь считать	140
Местоимения	149
Местоимение מע(ן)	151
Человеческое тело	152
Поговорки и пословицы	152
Платье, одежда	154
Описательные (перифрастические) глаголы	168
Существительные с приставками גע־, באַל־, אומ־	171
Существительные с суффиксами, обозначающие женщин	176
Существительные с суффиксами, обозначающими названия предметов, отвлеченных понятий и др	179
Повелительное наклонение	180
Уменьшительные существительные	182
Ласкательные существительные	183

Эли Валькович. В помощь изучающим идиш

Алфавит	184
Интернационализмы и гебраизмы	186
Служебные слова	187
Слог и морфема	190
Ударение	191
Склонение существительных	193
Личные местоимения	194
Притяжательные местоимения	194
Синонимы и омонимы	195
Личный глагол	197
Настоящее время	198
Повелительная форма	199
Формы времен	201
Будущее время	201
Прошедшее и многократное прошедшее время	202
Партицип с «בין»	202
Партицип от глаголов с префиксами	203
Глаголы с ударяемыми «добавлениями» (конвербами)	204
Односложные «добавления»	206
Двусложные и трехсложные добавления	207
«Добавления» с префиксом «-אר»	208
«Добавление» и предлог	210
«Добавление» и наречие	210
Глаголы с «זיך»	212
Действительные, возвратные и страдательные глаголы	213
Наклонения	215
Виды глаголов: длительные и мгновенные	218
Функции инфинитива	223
Функции партиципа	224
Образование и правописание партиципа	226
Деепричастие (герундив)	228

♦ ♦
♦

ОБ АВТОРАХ

ШАПИРО Мойше Алтерович (1899, Хмельник Литинского у. Подольской губ. – 1973, Москва), лингвист, педагог. Канд. филол. наук. Получил традиц. еврейское религ. образование. С нач. 1920-х гг. преподавал, занимался методикой преподавания и изучения яз. идиш. Первую науч. ст. напечатал в журн. «Ратнбилдунг» в Харькове в 1928. Учился в аспирантуре и работал в Ин-те еврейской пролетар. культуры при ВУАНе. Один из сост. «Украинско-еврейского математического словаря» (Киев, 1935), учебников яз. идиш, рук. работы по сост. и ред. «Рус.-еврейского (идиш) словаря» (М., 1984). С 1961 сотрудничал в журн. «Советиш геймланд». В 1969–71 вел рубрику «Беседы о языке идиш», публиковал иссл. «Некоторые особенности единого лит. идиша в Сов. Союзе», «Листая переводы с идиша», «Сокровища идиша», «Еврейская лексикография и лит. идиш» и др.). Автор учебников и уч. пособий, в т. ч.: «Шрайб он грайзн» («Пиши без ошибок». М., 1929), «Орфографие ун пунктуацие» (Киев, 1936), «Граматик» (Киев, 1938), «Систематише диктантн» (там же, 1939).

ФАЛЬКОВИЧ Илья Маркович (1898, Гомель Могилевской губ. – 1979, Москва), лингвист. Окончил лингвистич. ф-т МГУ. Преподавал идиш в вузах. В кон. 1920-х гг. активно участвовал в проведении реформы еврейского правописания и в разработке новых правил орфографии. Автор учебников «Идиш для взрослых» (М., 1929; 2-е изд. – 1936), «Идиш. Фонетика, лексика и грамматика» (М., 1940). В 1941–45 – на фронте. В 1943–48 чл. ЕАК. В 1945–48 гл. ред. моск. изд-ва «Дер эмес», ред. мн. худож. произв., выпущенных изд-вом. Автор моногр. обзора языка идиш в 4-томнике «Языки народов СССР» (1967), очерка «О языке идиш» в большом «Рус.-еврейском (идиш) словаре» (1984, изд-во «Русский язык»), цикла уроков идиша, опубл. в 1974–78 в журн. «Советиш геймланд».

Соч.: Искусство лектора. М., 1960.